STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10104

AMERIKE IN DER YIDISHER LITERATUR

Yitshak Elhanan Rontsh

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק אלחנן ראָנטש

אמעריקע
אין דער
יידישער ליטעראטור

אַרויסגעגעבן פון
י. א. ראָנטש בוך־קאָמיטעט
ניו־יאָרק, 1945

America in Yiddish Literature

AN INTERPRETATION

By ISAAC E. RONTCH

Copyright, 1945

Printed in the United States of America

By MARSTIN PRESS, Inc., Pres.: I. LONDON, 228 E. 45th St., New York 17, N.Y.

438

אינהאַלט

	זייט
אַמעריקע אין יידישן ראָמאַן	7
א. ראַבאַי	22
שלום אַש	55
דוד פּינסקי	89
פּרץ הירשביין	94
לאַמעד שאַפּיראָ	100
כאַווער פּאַווער	107
אַמעריקע אין דער יידישער ליטעראַטור	116
לידער אַנטאָלאָגיעס	128
סאָציאַלע דיכטער	142
ש. מיללער און משה באָרנשטיין	162
שלמה שווארץ און סילוויא גובערמאַן	168
אַמעריקע אין דער מעמואַרן-ליטעראַטור	175
דער נעגער אין דער יידישער ליטעראַטור	203
נעגער - ביבלאָגראַפיע	251

באַגריסונג פון בוך־קאָמיטעט

עס פרייט אונדז צו זען י. א. ראָנטשעס אַרבעט „אַמעריקע אין דער יידישער ליטעראַטור" אין בוך־פאָרם. אַזוי ווי עס האָט זיך ניט געפונען קיין פאַרלאַג, וואָס איז געווען פאַראינטערעסירט דאָס דאָזיקע בוך אַרויסצוגעבן און אַזוי ווי מיר, אַ גרופּע ליבהאָבער פון ערנסטן יידישן וואָרט, האָבן געהאַלטן, אַז „אַמעריקע אין דער יידישער ליטעראַטור" איז ניט בלויז ציטיק, נאָר פון גאָר גרויסער וויכטיקייט פאַרן יידישן לייענער, — האָבן מיר אויף זיך אַליין גענומען די אויפגאַבע צו שאַפן לייענער פאַרן ווערק.

דער אָפּרוף איז געווען בעסער ווי מיר האָבן דערוואַרט. עס זיינען אָנגעקומען באַשטעלונגען פון אַלע טיילן לאַנד.

דערלויבט מיר, אַלס דער פאָרזיצער פון בוך־קאָמיטעט, אויסצודריקן אַ האַרציקן דאַנק צו די אַלע, וואָס האָבן געהאָלפן אין דער דאַנקבאַרער אַרבעט; אָט ־ די אַלע אומבאַקאַנטע פריינט, וואָס זיינען אַ דאַנק דער געמיינזאַמער טעטיקייט געוואָרן אונדז נאָענט. מיר פאַרהאָפן, אַז איצט, ווען דאָס בוך איז אַרויס, וועלן זיי ווייטער פאָרזעצן די גוטע אַרבעט און העלפן פאַרשפּרייטן די גאַנצע אויפלאַגע.

אין נאָמען פון דער גרופּע און פון אַלע לייענער וויל איך ווינטשן אונדזער חשובן און ליבן י. א. ראָנטש אַ סך יאָרן פון פרוכטבאַרער ליטעראַרישער טעטיקייט. מיר שאַצן אָפּ זיין טאַלאַנט און זיינע פאַרדינסטן פאַר אונדזער ליטעראַטור. מיר וועלן אויך אויף ווייטער זיין גרייט צו פאַרשפּרייטן זיינע ווערק. זאָל ער זיי נאָר שאַפן.

וואָלף ווייס,

פאָרזיצער.

אמעריקע
אין יידישן ראמאן

דער ראמאן דארף אונדז געבן א קווער־שניט פון יידישן לעבן אין דער ליטעראטור. דאס איז אי די פאפולערסטע פארם, אי, אין דער זעלבער ציים, דער פרואוו־שטיין פארן שרייבער. דורך דעם ראמאן הייבן זיך די שטאפלען פון דער ליטעראטור. ער איז דער באראמעטער פאר דער שפערישער ספערע. ער איז דער חוט השדרה פארן לייענער. אויב דער לייענער קערט זיך אפ פון לייענען א ראמאן, איז דאס א סימן קריזיס פאר דער ליטעראטור, האט ער אנגעוואוירן דעם אפעטיט פארן „ברויט־מיט־פוטער שטאף".

ווען עס דערגרייכט שוין צו אזא קאטאסטראפאלן מצב, דאן דארף מען שטעלן דעם געהעריקן דיאגנאז — ווער איז דער חולה, דער שרייבער צי דער לייענער?

דער יידישער ראמאן אין אמעריקע דארף ערשט געשריבן ווערן. דאס, וואס איז פאראן, ליידט פון א דוחק אין די נייטיקסטע „וויטאמינען". די שרייבער האבן אין זייערע ווערק נעגעבן אן אנעמיש בילד פון היגן לעבן. דער לייענער, וואס האט זיך איינגעבירגערט דא, דער לייענער, וואס האט איבערגעלעבט אלע געבורט־ווייען פונם היגן נייעם, ניט פארשטענדלעכן לעבן, האט אפט געזוכט אן ענטפער, א באשייד אין זיין ליטעראטור. דער שרייבער איז דאך דער וואס ווייסט, וואס פארשטייט, וואס איז דער מייסטער־ארויסברענגער.

און ווער איז דער לייענער? אונדזער יידיש לייענער איז מערסטנס אין קיין שול ניט געגאנגען, קיין ליטעראטור־קורסן ניט שטודירט. ער איז אן אויטאדידאקט. ער האט זיך געפרואווט אליין דערציען אין פראצעס פון לייענען. ער איז געוויינלעך א פראגרעסיווער ארבעטער. א מיטגליד פון א יוניאן, א קליינבירגער, אמאל אויך א פראפעסיאנאל. ווען איז אויפגעקומען ביי אונדז אין לאנד דער ליטעראַרישער ראמאן

(אין קעגנזאץ צום שונד־ראמאן) ? ש. ניגער, אין אן ארטיקל וועגן קאברינס „אימיגראנטן", האט אט וואס געשריבן:

„. . . שוין אין יאר 1909 האט זיך אין דער ניו־יארקער „ווארהייט" און דערנאך אין א באזונדער אויסגאבע געדרוקט קאברינס א ראמאן „אימיגראנטן" — און דאס איז, אויב איך האב קיין טעות ניט, געווען דער ערשטער פרואוו אין דער יידישער ליטעראטור צו געבן א ברייט בילד פון דעם אמעריקאנעם יידישן לעבן אין דער פארם פון א ראמאן. דער פרואוו איז ניט געלונגען". (ש. ניגער, „שמועסן וועגן ביכער", ז. 215.)

און ש. ניגער באמערקט, אז אויך אין 1913 איז נאך ניט געווען אזא ראמאן, בשעת ס'איז ארויס דוד איגנאטאָווס „אין קעסל־גרוב".

וועגן דעם היגן לייענער האט מ. אלגין גערעדט, ווען ער האט געשריבן וועגן דער גרופע „יונגע", אין איינע פון זיינע לעצטע ארבעטן. ער האט געזאגט:

„זיי (די יונגע) האבן אונטערגעשאצט דעם פראלעטארישן מאסן־לייענער, וועלכער האט סוף־כל־סוף געבילדעט דעם ראשו ורבו פון זייער לייענער־עולם און וועלכער האט זיי גענערט א פערטל יארהונדערט מיט זיין באוואונדערונג, ליבשאפט און מאטעריעלע מיטלען." („יידישע קולטור", נומ. 11—12, 1939.)

און אויך היינט־צו־טאג קאן מען קומען צום אויספיר, אז א לייענער איז פאראן, נאר דער ראמאן איז ניטא.

דאס יידישע לעבן איז שטארק באאיינפלוסט געווארן פון דער ארומיקער אמעריקאנישער סביבה. מיר האבן אי איבערגענומען גוטע און שלעכטע מידות, אי געגעבן דאס בעסטע, וואס מיר האבן מיטגעבראכט מיט זיך פון דור־דורות. דאס איז די געשיכטע פון אלע אימיגראנטן דא אין לאנד. אין א קליינער מאס איז אויך אונדזער היגע ליטעראטור אנגעשטעקט געווארן מיט אמעריקאנישקייט. איבערהויפט איז דאס חל אויף דער פאעזיע. דער „אינזיכיזם" איז געווען דער רעזולטאט פון דער אימאזשיסטישער ריכטונג פון עימי לאועל, ה. ד. און פלעטשער אין דער אמעריקאנער גאס. אין די לידער פון אלע אונדזערע גרופעס פילט זיך שטארק דער איינפלוס פון וואלט וויטמאן, קארל סאנדבורג, מעסטערס און ראבינסאן.

אז אויסנאם איז אבער אונדזער ראמאן. דער אמעריקאנער ראמא־

ניסט האט כמעט ניט געווירקט אויף אונדזערע שרייבער, כאָטש, ווי פאַקטן באַווייזן, האָבן אַ צאָל ראָמאַניסטן אונדזערע געפּרוּאווט דער־שיינען פאַרן ענגלישן עולם מיט איבערזעצונגען — נאָר אַן דערפאָלג. שלום אַש האָט אויסגענומען מיט זיינע ניט־אַמעריקאַנישע ראָמאַנען („דריי שטעט״), נאָר ער איז דורכגעפאַלן מיט היגע טעמעס. דאָס זעלבע האָט פּאַסירט מיט דוד פּינסקין.

וואָלטן אונדזערע ראָמאַניסטן זיך אָפּגעלערנט פון זייערע אַמערי־קאַנישע קאָלעגן, וואָלטן מיר איצט געהאַט אַ מאַסן־לייענער אין אונדזער ליטעראַטור. די אַמעריקאַנער האָבן זיך געגראָבן אין די טיפע שיכטן פון היגן לעבן. זייערע ווערק זיינען אָפט געגומען געוואָרן פון ברוויזנדיקן, היינטיקן, ניט פון עברדיקן לעבן. אַמעריקאַנער ראָמאַנען האָבן געשאַפן געשיכטע, ווייל זיי זיינען געווען געשיכטע, ווייל זיי זיינען געוואָרן גע־שיכטע. זיי זיינען אָפט געווען די שטורעמטרעגער פון די באַלדיקע געשע־ענישן, די וואָרטזאָגער אין נאָמען פון דעם בעסטן, פּראָגרעסיווסטן פון זייער דור. איז דאָס ניט פּאַקטיש די העכסטע דערהגרייכונג פון געדרוקטן וואָרט?

„אַנקל טאָמס קעבין״ האָט געמאַכט אַ רעוואָלוציע אין מוחות פון מיליאָנען אַמעריקאַנער און איז געווען די טרייבקראַפט צום באַפרייאונג־קאַמף פאַר די נעגערס דאָ אין לאַנד. טאָלסטאָי, וואָס איז געווען זייער קאַרג אויף לויבווערטער וועגן שרייבער, האָט געהאַלטן, אַז „אַנקל טאָמס קעבין״ באַלאַנגט צו דער קליינער צאָל אמתע קונסטווערק אין דער לי־טעראַטור. דער יונג־פאַרשטאָרבענער פרענק נאָרים האָט באַוויזן צו אַנט־בלויזן פאַר אונדז די רויבערישע גאַנג פון גיריקן אויפגעקומענעם גרויס־קאַפּיטאַליסט דאָ אין לאַנד, אין זיינע ווערק „מעקטיג״ און „אָקטאָפּוס״. אַפּטאָן סינקלער האָט אויפגערודערט דאָס לאַנד און דעם גאַנצן מלוכה־אַפּאַראַט מיט זיין מעכטיקער אָנקלאָגע קעגן די פליישׂ־מאַגנאַטן אין „דזשאַנגל״ (1906). דזשעק לאָנדאָן האָט געוויזן דעם וועג פאַרן נייעם סאָציאַלן ראָמאַן מיט זיין „מאַרטין אידען״ (1909). טעאָדאָר דרייזער, סינקלער לואיס, שערוואוד אַנדערסאָן, העמינגוועי, דאָס פּאַסאָס, קאָלדוועל, סטיינבעק, אַלבערט האַלפּער, האָוואַרד פעסט — אַלע האָבן נאָכגעפאָלגט די רעוואָלוציאָנערע טראַדיציע פון דער היגער ליטעראַטור, צו זען דעם אמת פון לעבן און אים קאָנען אַרויסברענגען פּולבלוטיק און אָן מורא.

אט ערשט נעכטן האבן מיר דערזען א שטיק אמעריקאנער לעבן, וואס האט אונדז אויפגערודערט ביזן גרונט און וואס וועט זיך באהעפטן מיט דער אמתער געשיכטע פון לאנד. איך מיין די דריי פאלגנדיקע ראמאנען: דזשאן סטיינבעקס „די טרויבן פון צארן", ריטשארד רייטס „נעיטיוו סאן" און אלבערט מאלצעס „אנדערגראונד סטרים". דער ערשטער באהאנדלט די פארמער־פראבלעם, דער צווייטער — די נעגער־פראבלעם, און דער דריטער — דעם היגן פאשיזם, ווי א דירעקטער רעזולטאט פון גרויס־קאפיטאלס מעטאדן.

ווי מיר זעען, זיינען די וויכטיקסטע ראמאנען אין דער אמערי־קאנער ליטעראטור געווען געווידמעט דעם אקטועלן לעבן פון זייער צייט. דאס איז אויך אמת אין אלע ליטעראטורן פון דער וועלט.

און וואס איז וועגן היגן יידישן ראמאן? דער באדן איז געווען גינסטיק פאר ווערק מיט דראמאטישן אינהאלט, מיט ברויז פון קאנ־פליקטן, מיט אנזאג פון נייעם און מיט אינטערעסאנטע, ברייטע טעמעס. דער שרייבער האט פאקטיש געזען אויסגעשפרייט פאר זיינע אויגן שווארץ־ערדיקע, פרוכטבארע ניט־צעאקערטע פעלדער, וואס האבן געווארט אויף זייער מייסטער. עס איז דאך ניט בלויז געווען 60 יאר יידישע מאסן־אימיגראציע פון מזרח־אייראפע. עס איז געווען 300 יאר יידישע אימי־גראציע. וואס פאר א רייכער מאטעריאל פאר א ראמאניסט! רייכער פון וועלכער ס'איז פאנטאזיע איז די געשיכטע פון יידן דא אין לאנד. פון אלע ווינקלען פון דער וועלט זיינען מיר אהער געקומען. צום ערשטן מאל אין אונדזער געשיכטע האבן אלע אונדזערע „פארלארענע שבטים" זיך דא באגעגנט אונטער איין דאך. דער שפאניאל מיטן סירישן יידן, דער יאהודי מיטן סיבירער ייד; ־״ער שווארצער ייד מיטן אירלענדישן יידן . . . מיר האבן געהאלפן בויען אמעריקע. דער קליינשטעטלדיקער פוילישער ייד איז דא געווארן דער בויער און גענעראל פון ארבעטער־באטאליאנען, פון יוניאנס; דער געוועזענער ישיבה־בחור איז דא געווארן דער אייגנטימער פון הימלקראצערס. דער זיידענער יונגערמאנטשיק פון דער היים איז דא גרייט מקריב צו זיין זיין לעבן אין קאמף קעגן דער ברוטאלער הערשאפט פון גרויס־קאפיטאל.

וואס האט דער יידישער ראמאניסט געטאן? צו וועלכע טעמעס האט ער זיך צוגערירט? וואס פאר א גרויסע ווערק האט ער געשאפן?

וואו איז זיין „אַנקל טאָמס קעבין", זיין „פינאַנסיר", זיין „נעיטיוו סאַן"? וואו איז זיין „ריזן פון דער ערד" פון ראָלוואַרג, די טרילאָגיע וועגן דריי דורות נאָרוועגישע אַמעריקאַנער, וואָס איז דערשינען אין 1925 און האָט געהאַט 44 אויפלאַגעס?

איך טראַכט, אַז ווען מען זאָל איבערזעצן אונדזערע ראָמאַנען אויף ענגליש, פאַרן אַמעריקאַנער עולם, וואָלטן זיי באַקומען זייער אַ טרויעריק בילד וועגן אונדזער היגן לעבן. פון די פינף מיליאָן ייִדן דאָ אין לאַנד, זיינען מסתם אַ 90 פּראָצענט פּשוטע אַרבעטער. די איבעריקע 9 פּראָצענט — געשעפטסלייט און פּראָפעסיאָנאַלן, און בלויז 1 פּראָצענט — גרויס־קאַפּיטאַליסטן. אין אַן ענלעכער פּראָפּאָרציע האָבן מיר געדאַרפט דערוואַרטן דעם טיפּאַזש אין היגן ייִדישן ראָמאַן. וואָס זעען מיר אָבער אין דער ווירקלעכקייט?

דער אַב. קאַהאַניזם, וואָס האָט פּאַרפּעסטיקט אונדזער ייִדיש געזעלשאַפטלעך לעבן, אַפּעלירנדיק צו די נידעריקע אינסטינקטן פון די מאַסן, האָט זיך אויך אַריינגעוואָרעמט אין דער ראָמאַן־ליטעראַטור. אַב. קאַהאַנס ראָמאַן „דהי ראַיז אוו דעיוויד לעווינסקי" איז דערשינען אין 1917. און אַט דער „דעיוויד לעווינסקי" טיפּ גייט אונדז נאָך ווי אַ שאָטן אין אונדזערע ייִדישע ראָמאַנען. „דעיוויד לעווינסקי" איז דערשינען אין ענגליש. ביי אַ דעמאָלסדיקן סאָציאַליסט, וואָס האָט געהאַט רעספּעקט פאַר זיך און זיין פּאַרטיי, האָט דאָס פּנים געדאַרפט פלאַמען פון חרפּה פאַרן ווערק פון זיין רעדאַקטאָר און פירער. אין „דעיוויד לעווינסקין" איז פאַקטיש פאַרקערפּערט דער אַב. קאַהאַניזם מיטן גאַנצן צען־שטאָקיקן אַלרייטניקיזם, וואָס איז היינט דער שאַנדפלעק פון דער ריינער ייִדישער גאַס. דער אָרעמער ישיבה־בחור, דער דערהיים אַרבעט זיך דאָ אַרויף, ווערט אַן עקספּלואַטאַטאָר און גייט אויף געיעג נאָך פאַרהייראַטע פרויען און — בלייבט אַן אַלטער בחור. די לעבעדיקע שילדערונגען פון אימיגראַנטישן ייִדישן לעבן האָבן דעם בוך געשאַפן אַ נאָמען, דער העלד פון ראָמאַן איז אָבער געבליבן דער סימבאָל פון אַלעם, וואָס פאַרקערפּערט אין זיך דעם אַב. קאַהאַניזם. איר האָט דעם נאַקעטן שונד, מיט וועלכן ס'איז אָנגעפילט יעדער נומער „פאָרווערטס", „טאָג" און „מאָרגן זשורנאַל" (זע זייערע טעגלעכע ראָמאַנען אין פאָרזעצונגען). איר האָט דאָ דעם אַפּשיי פאַר דעם געלט־זאַק (זע זאָלאָוויטשעס אַרטיקלען אין „פאָר־

ווערטס", וואו ער פארכלינעט זיך פון ליבע צום ארויפגעארבעטן גביר, צום סוקסעס־מענטשן, וועלכן ער באשרייבט אפט). פונקט ווי אב. קאהאן האט ניט ליב געהאט, האט ניט פארשטאנען און ניט געוואלט וויסן פון ארבעטער־קאמף ביי אונדז אין לאנד, אזוי האבן די יידישע ראמאניסטן אין זייערע ווערק פארזען דעם עלעפאנט און געזען די פליג אין יידישן לעבן . . .

אין 1917 איז געווען „דעיוויד לעווינסקי", אין 1918 האט מען אונדז מזכה געווען מיט „אנקל מאזעס". שלום אש איז גאר א גרויסער טאלאנט. „אנקל מאזעס" איז א וויכטיק ווערק. נאר ס'איז די זעלבע פארהערלעכונג פון דעם זעלבן דעיוויד לעווינסקי טיפ.

ש. אש האט געזען פאר זיך און סימפאטיזירט מיט די „צוויי טויטע", וואס פארן אהיים שטארבן — איינער פון די פיינסטע קאפיטלען אין בוך. ער איז אליין איינער פון די קוזמינער לאנדסלייט, וואס האט מורא פאר אנקל מאזעס, נאר איז מקנא זיין „גרויסקייט". פאראן א סטרייק, פאראן פראכטפולע שילדערונגען פון שטייגער־לעבן, נאר די גאנצע אויפמערקזאמקייט פון מחבר איז געווידמעט דער פיגור „אנקל מאזעס".

דעיוויד לעווינסקי, אנקל מאזעס — צוויי בלוטזויגער פון יידישע ארבעטער. זייערע מחברים ווייזן ארוים ווינציק פראטעסט קעגן זייערע העלדן און אויפן לייענער ווירקט דאס, ווי עס ווירקט א גענגסטער־מאווי אויף קינדער. זיי ווייזן, אז דער גענגסטער איז דער שלעכטער, נאר זיי האלטן אים פאר א העלד . . .

לעאן קאברין האט אין זיינע דערציילונגען אונדז געגעבן א שטיק ניי יידיש אמעריקע, אין זיינע ראמאנען אבער האט ער נאכגעפאלגט די ניט־נאבעלע טראדיציע פון דעיוויד לעווינסקי און אנקל מאזעס. זיין פאפולערסטער ראמאן איז „ארע די בארד". ווער איז ער? אן אלרייטניק, א פעדלער, וואס איז רייך געווארן דורך לאנד־ספעקולאציע. אנקל מאזעס האט חתונה מיט א קינד ממש. ארע די בארד שטייט ניט אפ פון דער טראדיציע. ער נעמט אויך גאר א יונג מיידל. דא האבן מיר אויך ארבעטער־טיפן, סאציאליסטן, נאר ארע די בארד איז „סופרעם".

דוד פינסקי האט אין דערהיים געזען אייזיק שעפטלען, אין אמעריקע האט ער זיך פאראינטערעסירט מיט ארנאלד לעווענבערגן. ארנאלד לעווענבערג, דער העלד פון ראמאן אונטער דעם נאמען, איז רייך, לעבט

איבער די לעצטע מלחמה ווי א פאציפיסט און — קאן זיך ניט צופאסן קיין מיידל. דא האבן מיר ווידער א פאר ארבעטער־טיפן, לעבלאז גע־שילדערט. די הויפטזאך איז אבער דאס לעבן פון פוסטעפאסניק. איך זעט אויך, אז פינסקי האט אנגעוואוירן דעם חוש פאר דער יידישער שפראך, און ער איז אין דער הינזיכט געגאנגען אויף צוריק.

א צווייטער שרייבער, וואס האט אויך אריינגענומען די לעצטע מלחמה ווי א טעמע פאר זיין ראמאן, איז ה. געלבוים. זיין „מרדכי עטינגער" איז א שפעטערדיקע אויפלאגע פון דעיוויד לעווינסקי, אנקל מאזעס, ארע די באדה, ארנאלד לעוועגבערג. דער ראמאן שטייט אויף א סך שטאפלען העכער קינסטלעריש ווי פינסקים. נאר די טעמאטיק איז דא אן ענלעכע. מרדכי עטינגער איז רייך, גאר רייך. זיין פלימעניק אלדה, דער סאציאליסט, קומט קיין אמעריקע און זעט זיך מיטן רע־דאקטאר פון ניינטן שטאק און יענער גיט אים די ערשטע לעקציע אין „אמעריקאניזאציע". רעזולטאט? א גאנץ לאגישער. ערווארפט אראפ פון זיך זיין סאציאליזם, ווי מען ווארפט אראפ אן אפגענוצטן בגד. ער נעמט איבער דעם פעטערס געשעפטן און איז אלראיט. ה. געלבוים איז א מיטארבעטער פון היגן „פארווערטס" און וויסט געגוי די ליניע.

דא האט איר די העלדן פון אונדזערע ראמאנען: לעווינסקי, אנקל מאזעס, ארע די באדה, ארנאלד לעוועגבערג, מרדכי עטינגער — יעדער איינער אן ארויפגעארבעטער, א רייכער. די יידישע ליטעראטור האט סארווירט דעם איין פראצענט, ניט דעם 99 פראצענט פון דער יידישער באפעלקערונג. די אויסגערעכנטע העלדן האבן געלעבט אין א וועלט פון רעאלקייט. סטרייקס, מלחמה, ניו־יארק. די גרויסע געשעענישן פון לעבן זיינען ניט מער געווען ווי ארנאמענטן, סטאטיסטן אין דער לעבנס־דראמע פון די „גרויסע" נעמען פון די העלדן.

ווער איז דער יידישער לייענער? א פראגרעסיווער ארימער ארבע־טער־אינטעליגענט. קאנען אים אזעלכע טיפן באפרידיקן גייסטיק? קאן ער האבן חשק צו לייענען נאך און נאך וועגן די לעווינסקים וכדומה?

דער יידישער ראמאניסט האט פארטריבן דעם יידישן לייענער.

אין אן אנדער ריכטונג זיינען אוועק די ייִנגערע יידישע ראמאניסטן, די מאדערנערע: יוסף אפאטאשו, דוד איגנאטאוו, א. ראבאי, ברוך

גלאזמאַן, כּאָווער פּאָווער. טאַלאַנט איז פאַראַן לרוב. וואָס פאַרא ראַ־מאַנען האָבן זיי געשאַפן?

דוד איגנאַטאָוו „אין קעסלגרוב" האָט געמאַכט אַ רושם אין זיין צייט. עס האָט זיך געפילט אין אים דער יוגנט־פּולס. ער האָט געשיל־דערט אין אים דעם יונגען אַריבערגעקומענעם יידישן אינטעליגענטישן אַרבעטער. איגנאַטאָוו האָט אַ נאָמען געגעבן דעם פאַרלאַג זיינעם „אַמע־ריקע". ברוך איז אָבער געקראָכן אויף די גלייכע ווענט אין זיינע רייד און אין זיינע מעשים. איגנאַטאָוו האָט זיין העלד געקוילעט אַן אַ מעסער. ער האָט אים דערהרגעט אין ניין מאָס רייד.

ענדלעך איז דערשינען איגנאַטאָווס „אויף וווייטע וועגן", אַ ווערק אין דריי בענד. דער מחבר האָט זיך פאַרמאָסטן אויף אַ ברייט שטיק יידיש לעבן — פון די עם־עולמניקעס ביז דער רוסישער רעוואָלוציע. דער׳העלד פון ראָמאַן, בערמאַן, האָט ניט אומזיסט אַזוי שטאַרק באַ־גייסטערט ב. ריוווקינען, וואָס האָט וועגן אים אָנגעשריבן שיר ניט אַ גאַנצן חיבור. בערמאַן איז אַ ראַדיקאַל, אַ יוניאָן־טוער, אַ קעמפער, הייסט עס, נאָר אַז אַך און ווי וואָלט געווען דער אַרבעטער־באַוועגונג צו האָבן אַזעלכע בערמאַנס אין איר שפּיץ. ער אַנטלויפט פון ערשטן קלאַפּ. ער לויפט אַזש צו די וווייטע אַמעריקאַנער פּרעירים, און ווען ער קומט אין באַרירונג מיט עכטע אַמעריקאַנער, לויפט ער נאָך ווייטער, ווייל סיי אין „קעסלגרוב", סיי אין „אויף וווייטע וועגן" זיינען איגנאַ־טאָווס גויים גאַרניט גוט צו יידן. גויים שלאָגן זיך, האָבן קיין הערצער ניט. ער לויפט און לויפט, ביז ער דערלויפט צוריק צום גאָט פון ישראל. ער וויל פאַראייניקן רעליגיע מיט סאָציאַליזם. איגנאַטאָוו איז באמת אַ נביא. ער האָט אומבאַוואוסטזיניק פאַראויסגעזען, ווייזט אויס, אַז ווען עס וועט קומען אַ קריזיס־צייט, וואו מען דאַרף האָבן שרייבער מיט קלאָרע קעפּ און ליכטיקע אויגן, וועלן די וואָרט־זאָגער, אויף וועמעס טרייסט־וואָרט דער לייענער וואַרט, אַנטלויפן אין בית־המדרש אַריין; דאָרט איז אונדזער פּלאַץ. שטייט ניט מיט ביידע פיס אויף דער ערד און קעמפט פאַר אייער מענטשן־רעכט, נאָר אַנטלויפט — צוזאַמען מיט ב. ריוווקינען, מיט ש. ניגערן, מיט ה. לייוויקן.

דער לייט־מאָטיוו פון איגנאַטאָווס „אויף וווייטע וועגן" איז אויס־

געדריקט אין בערמאנס רייד: „. . . הייליק זיינען מיר, און הייליק איז דאס ארט וואו מיר שטייען — ווייל מיר זיינען יידן."

פאראן דארט א סך רייד וועגן סאציאליזם, פאראן שילדערונגען פון ארויפגעארבעטע סאציאליסטן, וואס ווערן עקספלואטאטארס (בערנשטיין). פאראן אויך אן אנדייט אויף די רעקעטיר־יוניאנס (ווילק). נאר איבער אלעם הערשט דער טיפ בערמאן. אפילו גערטרוד, די אמעריקאנער געבוירענע, די פארליבטע אין בערמאנען, איז אויך אן אראפגעבראכטע אויף דער היגער זינדיקער ערד פון איגנאטאוום פאנטאזיע אליין, ניט פון לעבן.

איגנאטאוו קאן שרייבן. זיין שפראך איז מוזיק. ער איז באשאנקען מיט אן עכטן טאלאנט. וואס־זשע האט ער אבער געטאן? ער פארטרייבט דעם לייענער מיט זיינע הייליקייטן, מיט זיינע מדרשים, מיט זיין ש"ס און פוסקים. ער שרייבט פאר א לייענער וואס איז שוין ניטא און וועט שוין מער ניט זיין.

איגנאטאוו איז א פראקטישער מענטש אין טאג־טעגלעכן לעבן. גלויבט ער טאקע באמת, אז א יידישער אינטעליגענטער ארבעטער וועט האבן געדולד און חשק צו לייענען זיין שטאף? גלויבט ער טאקע, אז זיין בערמאן האט א האפט אין יידישן לעבן אדער אין דער יידישער ליטעראטור?

י. אפאטאשו האט א מאסע דערציילונגען אויף אמעריקאנישע טעמעס. אלס רעאליסט האט ער, נאטירלעך, געמוזט זען און דערפילן דעם ארום. כאטש דאס בעסטע ווערק זיינס איז וועגן מעבר הים („פוילישע וועלדער"), האט ער אבער געשאפן צוויי ראמאנען פון היגן לעבן. „היברו" איז דערשינען אין בוך־פארם אין 1920. דער צווייטער גרעסערער ראמאן „ארום גרענד סטריט" איז דערשינען אין כארקאווער מלוכה־פארלאג אין 1929 (אין זיינע געזאמלטע ווערק הייסט דאס בוך „די טענעצעריין" — א מער צוגעפאסטער נאמען).

„היברו" דעקט פאר אונדז אויף א טשיקאווען ווינקל פון לעבן פון די היברו־לערער אין די תלמוד־תורות, מיט די פרעזידענטן און קינדער־מארטירער, וואס מע שטאפט דארט מיט קליאטשע. דער ראמאן לאזט איבער א פיינלעכן איינדרוק. די לערער זיינען אנטוישטע, פארלוירענע מענטשן, די פרעזידענטן זיינען אנקל מאזעסעס און לעווינסקיס.

„ארום גרענד סטריט" איז שוין א ראמאן פון א גרעסערן פארנעם. דאס איז „א שטיק יידיש לעבן אין די יארן 1910‑1911". דער שרייבער באגלייט זיינע העלדן פון דער שיף, וואס ברענגט זיי אהער פון פוילן, און באזעצט זיי גלייך אויף גארעק סטריט. די בילדער פון ערב־רב אויף דער שיף זיינען מייסטערהאפטיק ארויסגעבראכט. וואס ווייטער מיר קומען אבער אריין אין ניו־יארק, וואס לענגער מיר געפינען זיך אין דער היגער אטמאספערע פון די העלדן, אלץ נעגאטיווער ווערן זיי. נאטירלעך איז פאראן דער טיפ פון אלראיטניק (איובי) מיט א ווייב, וואס גלייבט אין קריסטשען סייענס. מיר זעען פאר זיך צוויי דורות, נאר קיינער קאן זיך ניט איינוואָרצלען. מיר האבן דא ר' שבתין, דעם הייליקן יידן, וואס אנטלויפט אין א הייל קיין ניו־דזשוירזי (בכלל האלטן די העלדן אין אלע היגע ראמאנען אין איין אנטלויפן). שבתי שטארבט מיט א שרעקלעכן טויט. זיין קאפ ווערט אפגעהאקט פון אן אייזנבאן. דאס בוך ענדיקט זיך אזוי פארבנרייך און פולבלוטיק און פארענדיקט זיך ניט נאַ־טירלעך און סעקאנד־עווענוי־מעסיק. אומזיסט פרואווט ב. גראבארד פלוצלונג מאכן פון אפאטאשון א ראמאנטיקער. ער שרייבט:

„דער סימבאל פון אן אפגעהאקטן קאפ פון אן אייזנבאן, בשעת דער קאפ האט זיך געריסן צו די הימלען און צו גאט, איז סימבאליש און כאראקטעריסטיש פאר די כוחות, וואס האבן זיך געראנגלט אין אמעריקע. אבער בעסער, דער קאפיטאליזם איז געווען שטארקער פון די אינטעליגענטע אידעאליסטן." (ב. גראבארד, א פערטל־יארהונדערט, עסיי וועגן דער יידישער ליטעראטור אין אמעריקע, נ. י., 1935.)

וואס גראבארד מיינט מיט דעם איז זייער ניט קלאר, ווי ס'איז ניט קלאר בכלל וואס ער איז מבטל די גאנצע יידישע ליטעראטור אין לאנד און געפינט בלויז דריי שרייבער, וואס זיינען ווערט זיין עסיי—אפאטאשו, לייוויק און לעיעלעס.

שכנא עפשטיין, אין דער פארערדע צו „ארום גרענד סטריט", שטעלט א פאר הארבע פראגעס צום בוך, וואס ער האט געהאלפן ארויס־געבן. ער זאגט:

„איז דאס אלץ דאס יידישע לעבן אין אמעריקע? קיין אנדיט אפילו ניט אויף דעם ברויזיקן קאמף, פול מיט מסירת נפש, פאר א ניי לעבן, גראד ארום גרענד סטריט אין די יידישע קווארטאלן . . . עס

שטעלט זיך גאר ארויס, אז ניו־יארק . . . שוויבלט און גריבלט דורכאויס מיט רעליגיעזע משוגעים, מיט צעדולטע נפשלעך.״

ברוך גלאזמאן איז דורכגעדרונגען אין זיינע ווערק מיט אמעריקאנישקייט, מיט דער היגער סצענע. איבערהויפט פילט זיך דאס אין זיינע דערציילונגען, וועלכע זיינען דער בעסטער מידיאום פון זיין שאפן. די ראמאנען זיינען זיינע אויסגעצויגענע דערציילונגען, ניט ראמאנען. איך האב איבערהויפט אין זינען זיין „אויף אן אינזל״, א בוך פון 435 זייטן, צו וועלכן מען דארף האבן אן אייזערנעם געדולד דורכצולייענען.

דן איז אן ארבעטער, א פארבער, אן אינטעליגענט, וואס איז פארליבט אין א מיידל ראיא, וואס האט חתונה פאר א געזונטן, מוסקולירטן חברהמאן און זי שרייבט אלץ ראמאנטישע בריוולעך צו דנען, וואס וואוינט אין סטעטן איילענד (א טייל פון ניו־יארק) מיט זיין חבר קודראוו. גלאזמאן מאלט פאר אונדז בילדער פון די אויסטערליט און פישערלייט ביים ברעג — זאכן, וואס זיינען ניי אין אונדזער ליטעראטור. מאנאט, א שרייבער, אן עלטערער בחור, הויבט אן לערנען טאנצן, שפילן מאנדאלינע, „איז געווארן ציניש בלאזירט אין זיינע רייד, סקעפטיש וועגן דעם עניין ליטעראטור בכלל און וועגן יידישער ליטעראטור בפרט. לסוף פאראינטערעסירט אין דער ארבעטער־באוועגונג, איז ער געווארן אן אנגעזעענער טוער, אן ארגאניזאטאר אין עפעס א „בראדערהוד״ פון אן אמעריקאנער יוניאן״ (ז. 163). דער זעלבער מאנאט ארגאניזירט ליסלים פאבריק אויפן אינזל. אין מיטן סטרייק ברענט די פאבריק, טעלעפאנען־דראטן זיינען געוועזן איבערגעשניטן — די פאליציי פון ארומיקן שטעטל זוכט ארום מאנאטן, ווי דעם שולדיקן, נאר, ווי עס ווייזט אויס, האט דער באלעבאס אליין געהאט א חלק אין דער שרפה.

דער קלימאקס פון ראמאן איז אזוי אומנאטירלעך, ווי עס זיינען די מערסטע העלדן אין בוך. איר זעט פאר זיך אן ארבעטער, וואס איז גייסטיק ניט קיין ארבעטער. גלאזמאן צייכנט פאר אייך א יוניאן־ארגאניזאטאר, וואס קיין יוניאן־ארבעטער וועט אים ניט אנערקענען ווי אזא. ס׳איז א לאנגווייליק בוך, וואס פארטרייבט דעם לייענער.

אויך א. ראבאי איז ניט קיין ראמאנען־שרייבער. אלע זיינע ווערק זיינען לאנגע דערציילונגען. ער פארמאגט א מעלה, וואס די דערמאנטע

שרייבער האָבן ניט — ער איז פּשוט, ניט געקינצלט און זוכט ניט קיין אויסטערלישטן פאַר זיינע טעמעס. די מערסטע ווערק זיינע זיינען אויטאָ־ביאָגראַפיש. ער האָט אַריינגעבראַכט אין אונדזער היגער ליטעראַטור אַ פרישקייט פון דער אַמעריקאַנער וועסט, אַ נייעם טיפּאַזש, אַ ריח פון אַלפאַלפאַ. זיין גאָלדנבאַרג און וויינבוים, זיין אייזיק און אַנדערע העלדן זיינען אידיליש און עפּיש אין דער זעלבער צייט. וואָס ס'איז ניטאָ ביי אַנדערע ראָמאַנען־שרייבער ביי אונדז אין לאַנד, איז דאָ ביי אים שפּעדיק. ער מאָלט אַ געזונטן פאָלקס־מענטשן, אַ פּאָזיטיוון טיפּ. דער גרויסער חסרון ראַבאָיס באַשטייט אין ניט געבן אונדז ביז איצט אַ ראָמאַן פון יידישן אַרבעטער־לעבן.

אַ פיינעם עקספּערימענט אין דער ריכטונג פון אַן עכט־אַמעריקאַנישן ראָמאַן האָט געמאַכט ב. דעמבלין אין זיין „וועסט סאַיד", וואו עס ווערט געשילדערט אין שאַרפע שטריכן די ירידה פון אַן עכטן אַמעריקאַנער, וועמען דער קריזיס מאַכט פאַר אַ תושב אין די כאַלופּעס פון „הוּאָווער־וויל". דער ראָמאַן איז אָבער צו סקיצירט, אַז ער זאָל האָבן אַ דויער־האַפטיקן ווערט. ער איז ניי מיט זיין סוזשעט, נאָר צו באַגרענעצט אין דער קאַנווע. דער שרייבער האָט געהאַט פאַר זיך אַ מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען פון „וועסט סאַיד" אַ גאַר אינטערעסאַנטן ראָמאַן פון ניט־יידישן לעבן.

דער יינגסטער ראָמאַנען־שרייבער ביי אונדז איז כאַוּוער פּאַוּוער (ג. איינבינדער). זיין „קלינטאַן סטריט" איז אַרויס אין 1937, אין 338 זייטן. נאָר אַזוי ווי „אַרום גרענד סטריט" האָט אונדז ניט געגעבן קיין בולט בילד פון דער איסט־סאַיד, אַזוי האָט אונדז כאַוּוער פּאַוּוער ניט געגעבן קיין אַמתדיק בילד פון קלינטאַן סטריט. אָרעמקייט, נויט פּלאַדיען־אַן פאַרשיידענע קראַנקהייטן, נאָר אָרעמקייט שאַפט אויך גע־זונטע קאַמפּס־טיפּן, ניט בלויז גענגסטערס און אונטערוועלטניקעס. אַפּאַטאַשוס „אונטערוועלט" האָט אויך צו טאָן מיט דער איסט־סאַיד און דער נאָמען „אונטערוועלט" איז אַ פאַלשער. פאַרוואָס אונדזערע שרייבער מוזן זען נאָר דאָס נעגאַטיווע, ניט־טיפּישע פון יידישן לעבן און זיי קאָנען ניט זען אַ שטיק אַמתדיק לעבן, איז אַן עסק פאַר פּסיכאָ־אַנאַליטיקער.

כאַוּוער פּאַוּוער איז אַן אָריגינעלער און אַ קערנדיקער טאַלאַנט. ער

באזיצט די קונסט פון פארכאפן דעם לייענער, וואס ער זאל אים ניט דערציילן. ניטא קיין נודנע שורה אין זיין שרייבן. זיין „קלינטאן סטריט" פארמאגט אין זיך א וואונדערבארע פשטות, אפילו אין די טראגישסטע זייטלעך פון בוך. כאָטש פאר קאן אינטואיטיוו די איסט־סאיד. דער היינטיקער ראמאנען־שרייבער דארף אבער אויך זיין סאציאל און פאר־שעריש. (איידער טאלסטאי האט געשאפן זיין „מלחמה און פרידן" האט ער פארבראכט יארנלאנג אויף שטודירן די עפאכע, וועלכע ער האט געשילדערט.)

איך ווייס ניט פארוואס די ארויפגעארבעטע גבירים און די היגע געבוירענע יידישע גענגסטערס האבן זוכה געווען פאראייביקט צו ווערן אין אונדזערע ראמאנען. אויך לעאן קאברין האט זיך ניט געקאנט באגיין אן דעם גענגסטערטום. זיין ראמאן „אויף ווילדע וועגן" איז דערשינען אין 1925 (פארלאג קאברין, 350 זייטן). דער דאזיקער ראמאן איז שלעכטע שונד. די אנטוויקלונג פון שלמהקע — קיד סעם — ווילי; זיין פארפירן דאס גרינע ארבעטער־מיידל פעני אין שאנד־הייזל אריין, זיין פארליבן זיך אין איר אויף אן אמת — אט די וואזשנע טעמע איז אי אויסגעוועפט, אי פארטאטשנע ארויסגעבראכט געווארן. וואס עס פאר־דריסט אויך איז, וואס אט־די אלע האמאניסטן ווייסן, אז זייערע לייענער וועלן זיין ארבעטער, וואס זיינען סימפאטיש צום סאציאליזם — נו, פלעגט מען אריין אין די דאזיקע ראמאנען מיר־ניט־דיר־ניט א מלאך הגואל א סאציאליסט. יאנקל דער סאציאליסט אין „אויף די ווילדע וועגן" איז עפעס אזא צוגעטראכטע פארזעניש, וואס רופט ארויס חוזק, ניט קיין אפשיי.

אויב דער ענטפער אויף די גענגסטער־ראמאנען איז, אז זיי זיינען געדרוקט געווארן אין טעגלעכע צייטונגען, אז זיי זיינען געמיינט צו זיין שונד, דאן דארף זיך א שרייבער ווי קאברין שעמען זיי ארויסצולאזן אין בוך־פארם.

מיר דוכט זיך, אז דאס פראבלעם: וואו איז אהינגעקומען דער יידישער בוך־לייענער, קאן לייכט געלייזט ווערן, ווען מע זאל פארענטפערן די פראגע: וואו איז אהינגעקומען דער יידישער ראמאן?

די דעיווויד לעווינסקיס, אנקל מאזעסעס, ארנאלד לעווענבערגס, די שבתים און די דנס און די בוטשים זיינען ניט רעפרעזענטאטיוו פאר

ייִדישן מאַסן־לעבן אין אַמעריקע. אונדזערע טאַלאַנטן זײַנען ניט מינ־דערוויכטיקער ווי די קינסטלער אויף דער ניט־ייִדישער גאַס. אש און אָפּאַטאָשו און אינגאַטאָװ האָבן אַנגעװאָרן דעם באָדן אונטער די פֿיס. זיי זײַנען אַנטלאָפֿן פֿון לעבן — איז דער לייענער פֿון זיי אַנטלאָפֿן. דאָס גאָט־זוכעניש איז אַ פֿאַרשווענד פֿון צײַט, ענערגיע און גאָט־געבענטשטן טאַלאַנט.

צו שרײַבן אַ ראָמאַן פֿון ייִדישן לעבן אין אַמעריקע פֿאָדערט זיך פֿריִער פֿון אַלעם אַ געזונטער צוגאַנג צום לעבן. דער דאָקטאָר, וואָס קומט צו אַ חולה קראַנקערהייט, אַז גלייבן אין זײַנע כּוחות צו היילן דעם קראַנקן, אָדער מיטן אָנזאָג צום קראַנקן, אַז עס איז פֿאַר אים קיין רפֿואה ניטאָ, אַזאַ דאָקטאָר איז ניט קיין היילער. דער פּעסימיזם פֿון אונדזערע ראָמאַנען־שרײַבער, דאָס ניט קאָנען זען דאָס לעבן מער ווי פֿון אייגענעם פֿאַרקאָפּטשעטן פֿענסטער אַרויס, איז שעדלעך פֿאַר אונדזער ליטעראַטור, איז פֿאַלש פֿון אַלע שטאַנדפּונקטן.

אונדזערע שרײַבער קאָנען ניט דאָס אַמעריקאַנער ייִדישע לעבן. איך ווייס ניט צי זיי זײַנען פֿויל אַרויסצוגיין און שטודירן, איך ווייס ניט צי זיי האָבן מורא פֿאַר דער נײַער צײַט — איין זאַך איז קלאָר פֿאַר מיר: אַ גרויסע עוולה ווערט באַגאַנגען קעגן די ייִדישע פֿאָלקס־מאַסן מצד די אויסדערווײלטע, מצד די שרײַבער. דער לייענער האָט מיט רעכט אַנגעוואָרן זײַן צוטרוי, זײַן ליבע צום שרײַבער, וואָס דינט אים ניט, וואָס וויל איבערגעבן זײַן קראַנק געמיט אויפֿן ערלעכן געזונטן ייִדישן לייענער.

איך בין די טעג געווען אין אַן אָפּטיילונג פֿון דער עפֿנטלעכער ביבליאָטעק, אין איינע פֿון די געדיכטסטע ייִדישע געגנטן אין ניו־יאָרק. דאָרט געפֿינט זיך אַ גרויסע קאָלעקציע פֿון ייִדישע ביכער, וואָס ווערן אויך געגעבן פֿרײַ אַהיים. איך האָב דאָרט געפֿונען די ווערק פֿון אונ־דזערע וויכטיקסטע ייִדישע שרײַבער, נאָר צו מײַן פֿאַרוואונדערונג האָב איך געזען, אַז כּמעט אַ גאַנצע פּאָליצע פֿאַרנעמט אַ שרײַבער, וואָס האָט מיט דער קינסטלערישער ליטעראַטור זייער אַ קנאַפּע שײַכות. די ביבליאָ־טעקאַרין האָט מיר דערקלערט, אַז דער שרײַבער ווערט געלייענט מער ווי אַש און אינגאַטאָװ און אָפּאַטאָשו און פּינסקי צוזאַמענגענומען. דער נאָמען פֿון מחבר איז שאול ספּיר. די נעמען פֿון זײַנע ראָמאַנען:

„שמשון הגבור", „דער פרינץ פון מצרים", „משה חבינוס איניקלעך", „אסתר המלכה", „פערציק יאר אין מדבר (ארגינעלער ביבלישער ראַמאַן)" א.א.

סטייטש? גאר פשוט. עלטערע יידן און יידענעס, אונדזערע זיידעס און באַבעס, קוויקן זיך מיט זיי. און וואָס הערט זיך מיט די יידן אין די פערציקער יאָרן? די קלאָוקמאַכער, די פאַריער, די קליינקרעמער, די אינטעליגענטן?

דעם ענטפער קאָן מען געפינען אין דעם אינהאַלט פון די אויבן־אנאַליזירטע ביכער־

דער לייענער איז דאָ. ער וואַרט אויף אַ פרישן קערנדיקן, געשמאַקן ראַמאַן.

א. ראַבאָי

א

פון אַלע ייִדישע שרײַבער, וואָס האָבן באַשריבן דאָס היגע לעבן, איז א. ראַבאָי דער געזינטסטער און דער אַמעריקאַנישסטער. אָנהייבנדיק מיט ז. ליבינען און לעאָן קאָברינען און ענדיקנדיק מיט כאַווער־פּאַווערן און פּרץ הירשביינס טרילאָגיע פון זעכציק יאָר ייִדיש לעבן אין אַמעריקע („בבל״, דערשינען אין 1941), האָבן אונדזערע שריפטשטעלער — דער־ציילער, ראָמאַניסטן און פּאָעטן — זיך געווידמעט מער צו די שאָטנדיקע ווי צו די העלע זייטן פון היגן ייִדישן און אַלגעמיינעם לעבן.

אַז עס איז געווען אויף וואָס זיך צו באַקלאָגן, קאָן קיינער ניט דער־ווידערן; אַז דער ייִדישער, ווי יעדער אימיגראַנט, האָט מיטגעמאַכט קאַלטס און וואַרעמס ביז ער האָט זיך דאָ געקאָנט איינבירגערן, איז עלעמענטאַר. די ליטעראַטור וואָלט זיך ניט דערהויבן צו איר אויפגאַבע, אויב זי וואָלט ניט ריכטיק אָפּגעשפּיגלט דאָס לעבן און די ליידן פון איר צייט.

די זאַך איז אָבער וואָס אונדזערע ליטעראַטן זיינען צופיל פאַרכאַפּט געוואָרן אין דער מעשה; זיי האָבן צוליבן וואַלד די ביימער ניט געזען. זיי זיינען אַליין געבליבן אימיגראַנטן מיט אַן אימיגראַנטישן קוק אויף אַמעריקע, בעת דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אײַנפונדעווען אַ ניי, אַ זיכער, געזונט און אַנדערשדיק לעבן. די שרײַבער זיינען געווען צופיל פאַרנומען מיט קוקן אויף צוריק און זיי האָבן די שפּראָצן פון די יונגע היגע שטאַמען ניט באַמערקט, ווי זיי האָבן זיך ניט אינטערעסירט מיט די טעמעס וועגן דעם, ווי אַמעריקע האָט געווירקט אויף דער ייִדישער באַפעלקערונג ניט בלויז אין ניו־יאָרק, נאָר אין די פאַרוואָרפנסטע טיילן פון לאַנד. די היגע ליטעראַטור איז געבליבן אַן ערב־ליטעראַטור, אַ נאָר־וואָס אויסגעפּאַקע־

וועטע, אַ ליטעראַטור וואָס איז אַ סך ווייטער פון עליס־אײַלאַנד ניט דער־גאַנגען, העכסטנס ביז קלינטאָן סטריט און אומגעגנט.

שלום אַש, דער ריז, האָט זיך פאַרנומען אויף ברייטע לייוונטן. אים האָט גערעגט די לאַגע פון די שטעטלעך, וואָס האָבן זיך דאָ איבערגע־פלאַנצט: לענטשנע, קוזמין, קרושנעוויץ. דוד איגנאַטאָוו פון „יונג־אַמעריקע", האָט זיך ניט אַריינגעוואָרפן ווי אַ גוטער שווימער, מיטן שטראָם, נאָר זיין פרישקייט און יוגנט איז אַוועק אויף „ווייטע וועגן" פון דער פאַנטאַזיע, ווייט פון דער היגערווירקלעכקייט. ברוך גלאַזמאַן איז געבליבן געשטראַנדעט, אַן אַנטרונענער אויף אַן איינזאַמען „אינזל". פּרץ הירשביין, וואָס האָט אַזוי פּאָעטיש אויפגענומען די נייע שיינקייטן פון לאַנד, די טייכן און בערג, האָט זיך אָבער דערשראָקן פאַרן מענטשן און אין זיי דערזען אַ „בבל"; און כאָוועל־פּאָווער איז ווייטער פון „קלינטאָן סטריט" מיט זיינע לאַנדסלייט ניט אַוועק.

איין אויסנאָם איז געווען א. ראַבאָי. אַן אויסנאָם אין אַלע פּרטים. ווען זיין ייד איז געקומען קיין אַמעריקע האָט ער דערפון קיין טראַגעדיע ניט געמאַכט. זיינע „ניין ברידער" זיינען געווען געזונטע בעסאַראַבער יונגען און זיי האָבן ווינציק־וואָס געבענקט נאָך זייערע געלאָזענע טראַדי־ציעס און מנהגים. און אַז דאָס לעבן דאָ האָט געפאָדערט זיך באַטייליקן אין סטרייקס, האָבן זיי אפילו געגן אייגענעם טאַטן געסטרייקט. און אַז די שטאָט איז נמאס געוואָרן, האָט מען זיך גענומען זוכן אַן אויסוועג אויפן לאַנד. מען האָט געקוקט פאָראויס, ניט אויף צוריק; מען האָט געוואוסט, אַז מען דאַרף בויען און זיך איינאָרדענען און זיך צופּאַסן און אַריינפּאַסן און ליב באַקומען דעם היינט און ניט טוליען זיך, אין אַ מאָמענט פון אַנטוישונג, צום אויסגעלאָשענעם נעכטן.

ראַבאָיס העלד איז דערפאַר ניט געבליבן שטעקן, ווי דער העלד פון די מערסטע אַנדערע יידישע דערציילער, אויף דער איסט־סאַיד אין ניו־יאָרק. ער איז געוואָרן אַ „יידישער קאָבאָי" אין דער וועסט; אַ פאַרמער אין ניו־ענגלאַנד; אַ סטודענט אין דער פאַרם־שול אין וואודבאַין, ניו־דזשוירזי.

אמת, ווען ראַבאָי וואָלט פאַרמאָגט אַשס טעמפּעראַמענט און נשמהדיקייט, זיין אַלזייטיקייט און ווייכקייט, וואָלטן מיר געוואונען מער פאַרשיידנאַרטיקייט, מער אינטערעסאַנטקייט פון טעמאַטיק. ראַבאָי איז

שטאַרק באַגרענעצט אין אויסוואַל פון זיין טיפּאַזש. אַלע ווערק זיינע זיינען אויטאָביאָגראַפישע. ער שרייבט וועגן דעם וואָס עס איז אים צום נאָענטסטן. און דאָס זיינען: ער און זיינע ברידער; ער און זיינע איבערלעבונגען; ער און זיינע באַליבטע שטומע באַשעפענישן — די פערד און לאַשיקלעך.

אונדזער ליטעראַטור איז אָבער ניט קיין אָרימע ליטעראַטור. יעדער שרייבער האָט עפּעס צוגעטראָגן אַזעלכעס וואָס צוזאַמען באַקומט זיך אַ רייכער טיש מיט אַ פאַרשיידנאַרטיקן אויסוואַל. ראַבאַי האָט צו אים צוגעטראָגן די אַמעריקאַנער פּירות, געזינטסטע שפּייז, וואָס אַנטהאַלטן כל־ערליי וויטאַמינען.

ב

ווען מיר לייענען איבער ראַבאָים „ניין ברידער" און „דער אידישער קאַובאָי", באַקומען מיר דעם תמצית פון זיין אויטאָביאָגראַפיע, וויסן מיר גענוי זיין לעבנסגאַנג. איין זאַך וואַרפט זיך אין די אויגן אריין: וואָס ווייטער ראַבאַי איז — אין זיין שאַפן — פון ניו־יאָרק, — אַלץ אינטערעסאַנטער און רייכער אין טאַלאַנט ווערט ער. דערפאַר איז „דער אידישער קאַובאָי" בעסער אָנגעשריבן ווי „די ניין ברידער". פאַרקערט איז דאָס מיט שלום אַשן. ווען ער, שלום אַש, רירט זיך צו צו אַ טעמע פון אויסער ניו־יאָרק, ווען ער שרייבט וועגן יידישן לעבן אויפן לאַנד, איז ער קינסטלעריש הילפלאָז. איך האָב אין זינען זיין לענגערע דערציילונג „דער רוף פון שטאָט" (90 זייטן). ווען ראַבאַי קומט אַרויס אויפן פעלד, קומט ער צוריק פון דאָרט אַ ליטעראַריש־פרישער און עס דערוואַרט אונדז אַ בליענדיק ווערק פון זיין פען.

כדי צו שעפן דאָס אַמעריקאַנישע אין ראַבאָים שאַפן, וועלן מיר צוגיין צו זיינע שריפטן. די מערסטע פון זיי זיינען טאַקע געבויט אויף אַמעריקאַנער טעמאַטיק.

„די ניין ברידער" איז אַרויס אין בוך־פאָרם אין 1936 (פאַרלאַג „אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אָרדן", ניו־יאָרק, 316 זייטן). ס'איז אַ געשיכטע פון אַ יונגער יידישער משפחה, וואָס האָט איבערגעוואַנדערט אַהער פון בעסאַראַביע. עס באַקומט זיך גלייך דער איינדרוק, אַז ראַבאַי וויל זיך ניט אָפּשטעלן אויף די איבערוואַנדלונגען, וואָס דער אימיגראַנט

מאכט דורך. ער איז פאראינטערעסירט דעם אריבערגעקומענעם גלייך איינצואָרדענען דאָ און אים צו באַפּעסטיקן. דערפאַר פעלט לחלוטין די עמאָציאָנעלקייט, וואָס איז אַזוי אַנזעבאַר ביי אַנדערע שרייבער, וואָס רירן זיך צו צו דער זעלבער טעמע. ראַבאָי דערציילט פּשוט און פּראָסט. אַפּט דוכט זיך אויס, אַז עס איז צו פּראָסט.

מ. אָלגין האָט אין זיין עסיי וועגן א. ראַבאָין (ראַבאָי, צום 30־יאריקן יובילײ פון זיין ליטעראַרישער אַרבעט, „אידישע קולטור", נאָוו.־דעצ. 1939) זיך אָפּגעשטעלט אויף ראַבאָים צו איינפאַכע שילדערונגען אין זיינע לעצטע שאַפונגען. ער נעמט טאַקע „די ניין ברידער" אַלס א מוסטער. אָלגין קומט צום פאָלגנדיקן אויספיר:

„אין זיין שטרעבונג אויסצומיידן „ליטעראַרישקייט" דערגייט ראַבאָי אָפּט צו א מין רעאַליסטישן פּראַקטאַקאַליזם. זיינע שילדערונגען קענען אַמאָל באַטראַכט ווערן ווי רעפּאָרטאַזש.

„. . . ראַבאָי איז איבערצייגט, אַז וואָס דייטלעכער ער וועט געבן די שטריכן, אַלץ בולטער וועט אַרויסטרעטן די זאַך אָדער די פיגור. אויבנאויף קאָן זיך דאַכטן, אַז דאָס ברענגט אַריין א מין פּראָזאַאיזם. דאָס איז אָבער ניט דער פאַל. דאָס איז א באַזונדערע, זייער אינטערע־סאַנטע אייגנשאַפט פון ראַבאָיס שאַפן, דער עיקר פאַר די לעצטע יאָרן."

אין דעם פּרט באַנוצט זיך ראַבאָי מיטן זעלבן מעטאָד ווי א צאָל אַמעריקאַנער ראָמאַניסטן. מען קאָן געפינען דעם סאָרט „פּראַקטאַקאַליזם" אין די ווערק פון סינקלער לואיס, אַפּטאָן סינקלעיר, טעאָדאָר דרייזער, דאָס פּאַסאָס, א.א.

ס'איז א פאָרם, וואָס געפינט זיך נאָך אין אַן עקספּערימענטאַלער סטאַדיע. ביי ראַבאָין אין „די ניין ברידער" איז זי אָפּט ניט געלונגען, דערפאַר ווייל זי איז ניט באַהויכט פון אינהאַלטרייכקייט, פון קינסטלערישן אָטעם, נאָר פון פאַקטאָלאָגיע, וואָס פאַראינטריגירט ניט דעם לייענער, ווייל זי דערציילט אים ניט קיין נייעס, ווייל זי דערהויבט אים ניט צו דער שטופע פון פאַרטיפן זיך און דערפרישונג.

אין טייל שטעלן פילט זיך א געאייַלטקייט, ווי ראַבאָי וואָלט דעם לייענער וואָס גיכער וועלן דערברענגען צום הויפּט־העלד — אייזיק.

אַט, למשל, גייט דער אַמעריקאַניזירטער זון מאָרים מיטן טאַטן, וואָס איז נאָר־וואָס געקומען קיין אַמעריקע, איבער די קראָמען אויף דער

איסט־סאַיד איינקויפֿן קליידער און שיך. פֿאַרן טאַטן איז יעדער קרעמער — אַ ייִד אַ לאַנדסמאַן און ער ווײַל זיך מיט אים פֿאַנאַנדעררעדן. דאָ וואַלט ראַבאַי אונדז געקאַנט לאָזן זיך איינהערן צו אַ פּאָר שמועסן צווישן פֿאָטער און די קינדער. נאָר ראַבאַי האָט קיין צייט ניט און עס באַקומט זיך פֿאָלגנדיקער ניט־צופֿרידנשטעלנדיקער פּאַראַגראַף:

„מאָרים האָט געהאַט צרות מיטן פֿאָטער. אין יעדער קראָם איז געווען דאָס אייגענע. עס האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אַ מעשה: פֿון וואַנען איז אַ ייִד, א. אַ.וו.” (ז. 369).

משמעות, אַז ראַבאַי האָט אין זינען געהאַט די ווירקונג אויפֿן לייענער, איבער אַלץ. ער, דער לייענער, האָט זיך געגנוג אָנגעליטן אין דער ליטעראַטור פֿון די לאַקרעצדיקע באַשרייבונגען וועגן דעם נייעם ייִדישן אימיגראַנט, אויף וועלכן די שרײַבער האָבן פֿאַרגאָסן טראַגישע טרערן. ראַבאַי ווײַל אונדז באַווײַזן, אַז, פֿאַרקערט, דער אימיגראַנט אַליין באַטראַכט זיין קומען אהער ניט פֿאַר קיין טראַגעדיע און ער האָט לחלוטין קיין צייט ניט און קיין השגה ניט צו גריבלען זיך אין דעם וואָס ער האָט געלאָזן אין דער אַלטער היים.

ווי אַנדערש איז ראַבאַיס צוגאַנג צו שלום אַשם, ווען עס האַנדלט זיך וועגן די אַריבערגעקומענע קינדער. ניטאָ ביי ראַבאַין קיין „יאָסעלעך”, קיין קראַנקהאַפּטיקייט.

„אין בלאָק האָט מען לעווען גערופֿן „רעד לואי”, דערפֿאַר וואָס ער האָט געהאַט רויטע האָר. און כאַצקלען האָט מען גערופֿן „קיד אָסקאַר”. זייער רעפּוטאַציע איז געוואַקסן פֿון טאָג צו טאָג — ערשטנס דערפֿאַר, וואָס זיי ביידע זיינען געווען געזונטע יינגלעך: אַ קלאַפּ האָבן זיי געקאָנט דערלאַנגען אויפֿן „גרינעם” שטייגער. און צווייטנס דערפֿאַר, וואָס עס האָט געקלונגען איבערן בלאָק, אַז זיי האָבן זיבן ברידער”. (ז. 39).

ראַבאַי פֿירט אונדז אריין אין ייִדישן שאַפּ. די ברידער זיינען אַר־בעטער. קיינער באַווינט זיי ניט. זיי אַליין באַדויערן זיך ניט. אפֿילו דער שרייבער צווישן זיי (אייזיק), וואָס דאַרף נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט אין שאַפּ, זיך אָוועקזעצן אין חדר מיוחד שרייבן, גיט אויך אין ערגעץ ניט אָנצוהערן, אַז מען זאָל רחמנות האָבן אויף זיין בידנער דאָליע. פֿאַרקערט, ער ווערט, ווען מען דאַרף, דער אָנפֿירער פֿון סטרייק. אויב ער פֿאַרלאָזט פֿאַרט דעם שאַפּ, איז דאָס דערפֿאַר, ווייל מען האָט אים

געשטעלט אויף דער שוואַרצער ליסט און זייענדיק יונג ציט אים צו א נאָרמאַל לעבן, א לעבן אויף געזונטע יסודות, און ער פאָלגט זיין חבר און פּאָרט אוועק אין דער אַגריקולטור־שול אין וואַרדבאַין זיך אויסלערנען פאַרמעריי.

ג

עס קומען פאָר אַ צאָל דראַמאַטישע געשעענישן אין „די ניין ברידער", נאָר ראַבאַי דערציילט אַלץ אַזוי געלאַסן און פּראָסט, אַז דער לייענער ווערט ניט מיטגעריסן. ס'איז אָבער ניט דערפאַר, וואָס ראַבאַי לעבט ניט איבער די סיטואַציעס, נאָר ווייל זיין אָביעקטיוויטעט איז אַ באַשטימטער מעטאָד פון שרייבן.

וואָס דאַרף מען מער, ווי די געשיכטע פון דעם ווי אַ זון קומט דערקלערן אַ סטרייק ביים טאַטן אין שאָפּ און אַרונטערנעמען זיינע ברידער. אַן אַנדער באָס קומט זיך אָננעמען פאַרן טאַטן דעם באָס. עס ווערט אַ געשלעג. די ברידער האַלטן מיטן ברודער. דער פאָטער האַלט מיט די קינדער, כאָטש ער איז מלא רציחה אויפן זון דעם בונטאָווטשיק, מיט וועלכן ער וועט זיך „אָפּרעכענען" — ער וועט אים קאַטעווען מיט אַ רימען, ווען ער וועט זיך לייגן שלאָפן . . .

די סצענע איז איבערגעגעבן געוואָרן כמעט באַריכטמעסיק, ווי אַ ציטונג פאַרצייכענונג. ראַבאַי איז אָבער תמיד דער קינסטלער, דער קינסטלער פון איינפאַכקייט און זיינע טיפּן פאַרגעסן זיך ניט. זיין „הווישקעלע" און דער פאָטער און די מאַמע אין „ניין ברידער" קומען אַרויס בולט, הגם ראַבאַי מאַכט ניט קיין אָנשטרענגונג זיי אַרויסצושיילן פון די איבעריקע העלדן פון בוך.

די שעפער אין „די ניין ברידער" זיינען ניט פון די געהויבענע שעפער מיט אַ סך מאַשינען, מיט פיל הענט. עס זיינען מער משפחה־שעפער. ראַבאַי איז פאַראינטערעסירט אין דעם בעל־מלאכה, מער ווי אין באַלעבאָס אָדער אין שאָפּ. איבערהויפּט אין געזונטן אַרבעטער, וואָס איז קאָמפּליסטיק און קוקט ניט אויף צוריק, צום שטעטל. די סטרייקס אין „ניין ברידער" זיינען אויך ניט פון די אָרגאַניזירטע קאַמפן. אַלץ איז נאָך אין אַ מין פּרימיטיוון צושטאַנד. דאָ ווערט אָפּגעשפּיגלט פאַקטיש דער אָנהייב פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע.

אזוי ווערט אויך פארצייכנט קינסטלעריש די ליטעראַרישע קאַפּע, דער טיפּ שרייבער, פון וועלכע עס איז שפּעטער אויסגעוואַקסן די גרופּע „יונגע".

ווי א פּראָטעסט געגן ביידע — געגען דער ניט־אָרגאַניזירטקייט פון יידישן אַרבעטער און געגן דעם ציניזם פון דער ליטעראַרישער קאַפּע, קלייבט זיך ראַבאַי אויס די אַגריקולטור־שול. ער באַשליסט צו ווערן אַן ערד־אַרבעטער.

אין דער אַגריקולטור־שול אין וואודבאַין באַגעגנט זיך אייזיק מיט אַזעלכע יונגע בחורים ווי ער, אימיגראַנטן פון רוסלאַנד און פּוילן, וואָס האָבן ליב די ערד און וואָס בענקען ניט נאָך דער שטאָט. אַט דער צווייטער טייל פון בוך איז דער אינטערעסאַנטסטער, ווייל ראַבאַי פירט אונדז אַריין אין דער אַטמאָספערע פון דער שול. ס'איז אַ שטיק ניי יידיש אַמעריקע, וואָס איז ווייט פון אימיגראַנטן־לעבן. די לערער און אַרבעטער, די חסרונות און מעלות פון דער שול — זיינען אַלץ טיפּיש־אַמעריקאַנישע פּראָדוקטן. אויך דאָ קומט פאָר אַ סטרייק — געגן דער מיליטאַריזאַציע פון די סטודענטן. די סטודענטן געווינען, ווייל זיי האַלטן זיך איניק.

ראַבאַי פירט אונדז אריין אין אַמעריקאַנער שטעטל, וואו עס וואוינט אַ יידישע משפּחה, וועמעס טאָכטער איז אַ סקול־לערערין. אַלץ ווערט דאָ געשילדערט מיט העלע פאַרבן. ס'איז ניטאָ דער נאָכוויי, די בענקעניש נאָכן אַמאָל. אויך אין שטעטל קומט פאָר אַ סטרייק, וואו דער ייד אַרבעט, אין דער היטל־פאַבריק. די טאָכטער פאַרלירט איר שטעל צוליב דעם. ס'איז אָבער אַלץ ניט קיין „קלאָג צו קאָלאָמבוסן" טעמע, ווי זי וואָלט געווען ביי אַנדערע שרייבער.

אייזיק פאָרט אַוועק אַרבעטן אין דער וועסט. ער האָט אַ דיפּלאָמע פון דער שול. ראַבאַי פאָרט איבער אַמעריקע אין דער יידישער ליטעראַטור. איידער אייזיק פאָרט אַוועק, קומט ער זיך אַהיים געזעגענען און ער באַזוכט אויך די קאַפּע. און דאָ באַגעגנט ער זיך מיט אַ נייעם קאָלעגע, וואָס איז, ניט אַזוי ווי די איבעריקע, גראָד יאָ צופרידן פון אייזיקס באַשלוס אַוועקצופאָרן אין דער וועסט. דער קאָלעגע שטעלט זיך פאָר פאַר אייזיקן און ער דריקט אויס זיין צופרידנקייט אין פאָלגנדיקע רייד:

„דאָס וואָס איר פאָרט אַוועק אין דער ווייטער וועסט, איז אַ וויכטי־קער עניין. מיר וואָלטן אַלע געדאַרפט אַרויס פון די ענגע ראַמען פון דער קאָפּע און זיך צעשפּרייטן איבער אַמעריקע און זיך אָנזאַפּן מיט דער אַמעריקאַנישער אַטמאָספערע, וועלן מיר דעמאָלט אפשר קאָנען עפּעס וואָגיקס אָנשרייבן. ווייל ווי אַזוי עס שטייט איצט די לאַגע, שרייבן מיר אַלע פון דעם לעבן פונם אַמאָליקן שטעטל. אַלע שרייבן פון שטעטל . . . וואו איז דאָס גרויסע אַמעריקאַנישע לעבן? זייער גוט וואָס איר זייט דער ערשטער איבערצוריסן מיטן געמויזעכץ". (ז. 310).

אויף דעם ענטפערט אים אייזיק כאַראַקטעריסטיש:

— אָבער, אַנטשולדיקט, איך פאָר ניט אין דער ווייטער וועסט אַלס שרייבער, — האָט אייזיק געזאָגט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז די ווייטע וועסט זאָל זיך דערפון ניט דערוויסן און וועלן אויפנעמען, — איך פאָר אַלס פאַרם־אַרבעטער.

אייזיק געזעגנט זיך מיט דער איסט־סאַיד. ער זאָגט „גוד באַי" צו דער אַלטער בייגל־פאַרקויפערין, וואָס „איז טויב און מיינט, אַז דער בחור פרעגט ווי טייער די בייגל זיינען."

— צוויי פאַר דריי פּענים.

— גוד באַי, — שרייט ער צו איר אויפן קול.

— עס קאָסט מיך אַליין טייערער, — ענטפערט זי.

דאָס פּאַרקל אויף דער זיבעטער גאַס דערמאָנט אים, אַז „גאַנצע שטעטלעך זיינען דאָ געשטאַנען אין רעדלעך און געגראַגערט אויף דעם שטעטלדיקן, אייגנטימלעכן דיאַלעקט. דאָ האָט מען געקאָנט הערן קאַ־לאַמיי אָדער וואַרשע; באַרדיטשעוו אָדער אָדעס; בעסאַראַביע און ליטע."

אין אַלע זיינע ווערק ציט ראַבאָין צום מאָרגן, צום געזונטן, בויענ־דיקן לעבן. די דורכפאַלן פון זיינע העלדן אַנטוישן ניט דעם שרייבער. ס'איז אַ ניי לעבן, אַ פריש לעבן, מוז מען פּרובירן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל.

יעדער פון די נייַע ברידער, יעדער פון זיינע העלדן, שטעקט שוין דאָ מיט ביידע פיס. מען קויפט אַן אייגן הויז, מען פאַרלירט דאָס הויז. מען האָט אַ שאַפּ, מען ווערט אָן דעם שאַפּ. מען סטרייקט און מען ווערט פאַרראַטן אין סטרייק. מען נעמט זיך בויען אַן אמתע יוניאָן. מען פאָרט אַוועק אין דער וועסט באַאַרבעטן די ערד, מען קומט צוריק אין שטאָט. אומעטום איז מען אין אַמעריקע, ניט אין שטעטל, דעם איבערגעפלאַנצטן אויפן היגן באָדן.

דעריבער איז ראַבאָי געבליבן דער צוימען־ברעכער אין דער היגער יידישער ליטעראַטור; דער, וואָס האָט אויפגעפראַלט דעם ברייטן טויער

און א ווייז געטאַן די פּעטע רוי־ערד, וואָס וואַרט אויף אירע אַקערער און זייער — די געזונטע יידישע שרייבער, ווען אַמעריקע איז געוואָרן אייגן און ליב.

ד.

דער גרונט־אונטערשייד צווישן די ווערק פון שלום אַש און א. ראַבאַי,

ווען זיי באַהאַנדלען אַמעריקאַנער טעמעס, איז וואָס ביי ראַבאַין זיינען מער ניט פאַראַן קיין בענקעניש נאָכן שטעטל, קיין דערמאָנונגען וועגן דער אַלטער היים. ראַבאַיס העלדן האָבן זיך דאָ באַזעצט להשתקע. זייערע פּראָבלעמען זיינען פּראָבלעמען פון דער היגער ערד, נישט פון איבערברעכן זיך און קוקן אויף צוריק. אַש אינטערעסירן די נשמה־איבערוואַנדלונגען, דער פּראָצעס פון טראַנזיציע. ראַבאַי איז ערדיש; ניט בלויז האָט ער ליב צו שרייבן וועגן דער ערד, נאָר זיינע מענטשן זיינען איינפאַך ווי זי.

דערפאַר זיינען ראַבאַיס ערשטע דריי ביכער, וואָס זיינען אַרויס אין פאַרלאַג „אַמעריקע" אין די יאָרן 1918 ־ 1920, געווען אַ דערפרישונג און אַ נייעס אין דער היגער ליטעראַטור. אין „ניו־ענגלאַנד, דער פּאַס פון ים", פאַרנעמט זיך דער מחבר מיט יידן אימיגראַנטן, וואָס מען פאַרגעסט, אַז זיי זיינען איבערגעפלאַנצט געוואָרן אויף דער נייער ערד. קיינער פון זיי האָט מער ניט אין זינען די אַלטע היים, קיינער איז מער ניט באַהאַפטן מיט איר.

ראַבאַי שילדערט פאַר אונדז עטלעכע יידישע פאַרמער־משפּחות פון טשייפּעל היל, וואָס וואוינען בשכנות. פּשוטע יידן. דער איז פרום און יענער איז אַ שלימזל, אויף וועמעס פעלדער עס געפינט זיך אַ פּולער בית־הקברות פון זיינע טויטע פערד; די האָט ליב די ערד און יענער ציט צוריק אין שטאָט אריין — נאָר אַלע נפשות דאָ זיינען איינגעזעסענע, אַמעריקאַניזירטע אין זין פון תושבים, פון האָבן איינגעזאַפּט אין זיך די היגע לופט, פון קוקן צום מאָרגן מיט זיכערקייט און פעסטקייט.

די משפּחה וויינבוים וואוינט שוין אין טשייפּעל היל איבער דרייסיק יאָר. דאָ איז זייער טאָכטער אסתר געבאָרן געוואָרן. דער אַלטער וויינבוים רעדט צו זיינע אָקסן און זיי הערן זיך איין צו זיין יעדן קער. זיין פרוי רבקה און זייער טאָכטער אסתר זיינען דאָרפס־מענטשן דורך און דורך.

אנדערש איז דאָס מיט דער משפּחה וואַלדען. דער אַלטער וואַלדען, דערציילט אונדז ראַבאַי, האָט געוואָלט אַ פאַרם דערפאַר:

„ווייל, ערשטנס, איז ער אין זיינע יונגע יאָרן, אין רוסלאַנד, געוואָרן אַ פאַסעסאַר פון לענדער, און מיט גרויס מאַטערניש און איינשטעלנדיק דאָס לעבן, געוואוינט אויף דעם פעלד און פון דאָרטן ארויסגעטריבן גע־וואָרן און ווייטער געוואוינט אויף דעם פעלד. און דאָ אין אַמעריקע מעג דאָך אַ ייד וואוינען אפילו אין מיטן פעלד. און צווייטנס, האָט ער שוין געוואָלט אויסרוען זיינע אַלטע ביינער אויף זיין אייגענעם לאַנד און גאָרטן. און דריטנס, האָט ער געהאַט עטלעכע הונדערטער אין אַ באַנק און געוואָלט בעסער איבערלאָזן זיין איינציקן זון אַ גוטע און פעסטע ירושה, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז זיינע יאָרן גייען שוין באַרג אַרונטער. און דאָ פלעגט אַרויסשווימען דער לעצטער פּונקט: דעם אַלטן וואַלדען האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז פון דער שטאָט איז אפילו גאָטס נאָמען שוין לאַנג אוועק און דאָרטן ערגעץ אין פעלד און וואַלד וועט ער זיך אפשר קענען נענטער צוקוקן צו גאָטס וועגן...

— אַט דאָס איז עס!" (ז. 22).

אַ סך יידישע פאַרמערס אין אַלע טיילן לאַנד האָבן געהאַט די זעלבע השגות און זיי האָבן אויך אָנגעהויבן ווי וואַלדען, ניט ווייסנדיק ווי אַזוי צו קויפן אַ פאַרם.

וואַלדענס זון דוד האָט געהאַט די וואַנדערלוסט אַלס יינגל. קוים האָט ער געהאַט די פּאַבליק סקול פאַרענדיקט, האָט עס אים געצויגן צו זען דאָס לאַנד און ער האָט זיך אוועקגעלאָזט, אַז געלט, הייקן איבערן לאַנד.

מיר האָבן פאַר זיך דאָ דעם נייעם יונגען יידן, וואָס איז שטאַרק פיזיש און געזונט גייסטיק און האָט ניט קיין מורא צו וואַנדערן איבערן לאַנד, ווייל עס איז זיין לאַנד. אַט ווי ראַבאַי כאַראַקטעריזירט דעם יינגל דוד:

„אין דער פרי איז ער פאַרן איבערבייסן אַרויסגעגאַנגען אין פּאַרק און געמאַכט קערפּערלעכע איבונגען. זיך געהאַנגען אויף זיינע הענט אין די גרויסע אייזערנע רינגען און זיך אַזוי געוואָרפן אַהין און אַהער, אָדער געקראָכן אויף דעם הויכן אייזערנעם סלופּ און זיך צוריק אַרונטער־געגליטשט מיט צונויפגעדרייטע הענט און פיס." (ז. 27).

איז נאַטירלעך, אַז ווען זיינע עלטערן האָבן געקויפט אַ פאַרם, אַז אַפּגעלאָזענע, אַן אַפּגענאַרטע פאַרם, האָט מען זיך געקאָנט פאַרלאָזן, אַז

דער יונגער דוד וועט שוין מאַכן פון איר אַ לייט. דער פאַטער האָט זיך ניט אָפּגענאַרט אין זון.

און ווען מען האָט די ערשטע זאַך געדאַרפט אַרויסנעמען אַ טויט פערד פון ברונעם, וואָס די פריערדיקע באַלעבאַטים האָבן איבערגעלאָזט, האָט די מאַמע געזאָגט, אַז עס איז אַ שלעכטער סימן. דער פאַטער אָבער האָט געהאָלפן דעם זון אַרויסשלעפּן דעם פערד און דער זון האָט איינער אַליין דעם קערפּער צעשניטן און באַגראָבן, און דער פאַטער האָט גע־טראַכט, אַז מען וועט אים אַריינלייגן אין דער אייגענער ערד, וואו דער טויטער פערד איז באַגראָבן געוואָרן.

אָט אַזוי גייט ראַבאַי צו צו זיינע יידישע העלדן אין אַמעריקע. געזונט, קאָנסטרוקטיוו, פּשוט.

צווישן דודן און זיין מאַמען קומען פאָר שטילע ברוגזן, וואָס שטאַמען דערפון וואָס דער מאַמען זיינען פרעמד זיינע וועגן. זי האָט דודן געבראַכט קיין אַמעריקע, ווען ער איז אַלט געווען פינף יאָר. זי האָט ליב די קו, ער — דאָס פערד. זי איז איידל, ער איז „גויאיש".

מען קאָן זיך אָנשטויסן, אַז די צוויי דערמאָנטע משפּחות וועלן ווערן נאָענט צווישן זיך. יענער האָט אַ טאָכטער, די האָט אַ זון. עס וועט אַרויסקומען אַ שידוך.

נאָר ראַבאַי האָט געהאַט אַן אַנדער מיין דערביי. עס זיינען פאַראַן נאָך אַ פּאָר יידישע משפּחות שכנים. די משפּחה ראָזענבערג האָט צוויי טעכטער, איינע פון זיי הייסט אויך אסתר, נאָר דודן ציט צו דער אסתר פון די ווייגבוימס. פאַרוואָס? ווייל ראַבאַי גלויבט ניט, אַז די משפּחה ראָזענבערג איז אַ פּאַסיקער מאַטעריאַל פאַרן פאַרם־לעבן. דעם פאַטער ווילט זיך כסדר פאָרן אין שטאָט אַריין, אָפּאַרבעטן אַ סעזאָן און צוריק־קומען מיט געלט און עס פאַרטאַכלעווען אויף דער פאַרם אָן אַ טאָלק, אַז זיך צו לאָזן לערנען פון די דערפאַרענע שכנים פאַרמערס. אויך זיינע קינדער וועלן ניט בלייבן אויף דער פאַרם.

נאָך אַ פאַמיליע שטעלט אונדז ראַבאַי פאָר — די ראַגאָווינס. זיי זיינען אויף דער פאַרם אַ פּאָר יאָר. זיי האָבן איין זון, איזידאָר, וואָס שטודירט אין קאָלאָמביא און קומט אַהער זיך אָפּרוען. פרוי ראַגאָווין, די מאַמע זיינע, פירט דאָס הויז „אויף דעם שניט פון די יענקישע הייזער. איז מיט די יענקים זייער נאָענט. טוט ניט אַ טראַט ביז זי וועט ניט

א פרעג טאָן פריער ביי דער יענקי שכנטע. קאָכט און באַקט און גרייט דעם טיש צו עסן אַקוראַט ווי ביי זיי, האָט תמיד צייט און אַ גאַנצן טאָג גייט זי אַרום און אויסגעפּוצטע און די אַרבעט אין הויז ווערט ווי דורך אַ כשוף אָפּגעטאָן, שטיל און ניט באַמערקבאַר. נאָכדעם זיצט זי אַ גאַנצן טאָג און קוקט אין צייטונג.״ (ז. 181).

ווען מיר האָבן אין זינען, אַז „אַ פּאָס ביים ים״ איז אַרויס אין בוך־פאָרם אין 1918, קאָנען מיר נאָך מער אָפּשאַצן זיין ווערט.

אַלזאָ, ראַבאַי קליבט ניט אויס איזידאָרן און די ראָזענבערגס פאַר די טיפּישע פאַרמערס, אויף וועלכע מען קאָן זיך פאַרלאָזן, אַז זיי וועלן בלייבן אויף דער פאַרם. ער איז משדך אסתר ווייַנבוימען מיט דוד וואַלדענען, ווייל זיי זיינען דער צוקונפטיקער מאַטעריאַל פאַרן נייעם לעבן אויף דער ערד.

דערפאַר קלייבן זיך דער אַלטער ווייַנבוים און דער יונגער דוד וואַלדען אויסצוגלייכען דעם קרומען וועג, וואָס פירט צו טשייפּעל היל. די איבעריקע יידישע שכנים קאָנען נאָך די וויכטיקייט דערפון ניט אָפּשאַצן.

ראַבאַי ברענגט אונדז אין דעם בוך אַריין אַ יענקי. אמת, די יידן וואוינען צוזאַמען, זיי האָבן פאַקטיש גאָרניט קיין פאַרבינדונגען מיט די יענקישע שכנים. פאַרוואָס, דערציילט אונדז ראַבאַי ניט. מען ווייסט, אַז די יידן זיינען נאָך ניט קיין אויסגעצייכנטע פאַרמערס.

„אין די אַרומיקע שטעטלעך הייסט אַלעם וואָס גרענעצט זיך פון מר. ווייַנבוימס הויז ביז דעם אָרט, וואו די פיר וועגן צעשיידן זיך, מיט דעם נאָמען טשייפּעל היל. און אַז מען זעט אַ יידן פאָרן מיט אַ פערד און וואָגן און דער ייד האָט נאָך אַ צעפּלאָנטערטע באָרד, און זיין פערד איז ניט אַזאַ גוטער גייער, זאָגט מען באַלד: דאָס פאָרט אַ טשייפּעל־הילער ייד. אויב מען טרייבט אַן אויסגעדאַרטע קו, זאָגט מען: דאָס איז אַ טשייפּעל־הילער קו.״ (ז. 179).

דאָך גיט אונדז ראַבאַי אָנצוגעהערן דורך אַן עפּיזאָד, אַז די יענקים און די יידן קומען גוט אויס.

ווען דוד און דער אַלטער ווייַנבוים זיינען געווען פאַרנומען מיטן אויסמעסטן דעם וועג, איז אָנגעפאָרן דער יענקי ביל, וועלכער איז געזעסן אין זיין לייכטן פייעטאָנדל און מיט אַ גראָבן ציגאַר אין מויל. צווישן ווייַנבוימען און בילן קומט פאָר אַ שכנישע באַגריסונג, און ווען ביל

געפינט אויס, אז די יידן בויען א נייעם וועג, דריקט ער אויס זיין באגייסטערונג:

„זייער שיין! זייער שיין! א גלייכן און א נייעם וועג. אזוי האב איך ליב. דייוויד, איך העלף אייך מאכן דעם וועג, ביי גאלי, איך העלף אייך. וואס פאר אן ארבעט איר וועט מיר געבן, וועל איך מיט פרייד אננעמען, אפילו טראגן שטיינער..." (ז. 192).

ניט אומזיסט האט ראבאי דעם ראמאן „ניו ענגלאנד" אויך באטיטלט „א פאס פון ים". בלויז איינמאל ווערט דער פאס פון ים דערמאנט. דאס איז, ווען דער יונגער דוד וואלדען קומט צום ערשטן מאל מיט זיינע עלטערן באקוקן די פארם און „העט ווייט איבער פארפלאנטערטע וועלדער און איבערגעפלאכטענע בערגן" דערזעט ער דעם לאנגען פאס פון ים. ס'איז א מין סימבאל פאר אים. דא וועט ער שוין בלייבן. ער וועט זיך אויפבויען א טורעם פון שטיינער און אויפן שפיץ טורעם וועט ער קוקן צו די שיפן מיט די ווייסע זעגלען אויף דעם ווייטן פאס פון ים.

ראבאי האט פאר דער היגער יידישער יוגנט געזען די מעגלעכקייט פון אויסשפרייטן זיך איבערן לאנד, פון נעמען זיך צו נייע באשעפטי־קונגען, פון באהעפטן זיך מיט דער מאמע־ערד און ווערן נייע, געזונטע, פריידיקע יידן.

ווינבוים און וואלדען, ראזענבערג און ראגאווין — פיר פארשטייער פון יידישן לעבן אין אמעריקע. אלע וואוינען אויף א פארם אין ניו־ענגלאנד, ניט אלע האבן זיך שוין איינגעלעבט. נאר דער פאקט, וואס זיי זיינען דארט, און וואס זייער לעבן איז נארמאל, איז אן אנזאג אויף די צוקונפטיקע מעגלעכקייטן פאר יידן אין אמעריקע.

ראבאי איז דער אפטימיסט פון דער היגער יידישער ליטעראטור.

ה

דער יידישער לייענער איז פריידיק איבערראשט געווארן, ווען ער האט אין יאר 1918 געעפנט א בוך און אנגעהויבן לייענען פאלגנ־דיקע שורות:

„אין דער ווייטער וועסט האט דער ייד, הער גאלדענבארג, ווייטע, ברייטע ראנדזשעס, אויף וועלכע עס יאגן זיך זיינע ווילדע פערד אז א צאל."

דאס איז געווען עפּעס אַזאַ דערפרישונג פון דעם וואס ער האט ביז איצט ניט געהאַט געלייענט וועגן אמעריקע, אַז ער האט געפילט ווי צו מאַכן אַ „שהחינו".

אַזוי־אַ האַט א. ראַבאַי אַריינגעפירט די ווייטע וועסט אין אונדזער ליטעראַטור און מיט איר אַריינגעבלאַזן דעם אָטעם פון פרייע פעלדער אין אונדזער דושנער לופט.

עס איז ניט בלויז געווען וואס ראַבאַי האט דערציילט, נאַר ווי אַזוי ער האַט עס אונדז דערציילט. די פּשטות פון וואַרט, די ערלעכקייט פון דערציילער, דאס קוקן אייך גלייך אין די אויגן אַריין, ווי אַ גלייכער צו גלייכע, און ניט פאַרגלאַצן די אויגן צום הימל און שרייען: „קדוש!", ווען עס איז בלויז אַ מאַניער, אַ קאָקעטירן מיט פראַזן, כדי מען זאָל מיינען אַז עס איז הייליק.

דער ראָמאַן וועגן הער גאָלדענבאַרגן אין דער ווייטער וועסט האָט דעם לייענער פאַרכאַפּט מיט זיין אינהאַלט, מיט זיין נייקייט, מיט זיין פרישקייט. אַלץ וואס מען האַט געהאַט געלייענט ביז דאַן איז געווען וועגן דער איסט־סאַיד, וועגן מיסעס־און־באָרדער לעבן, וועגן פינסטערן שאָפּ און בלוטזויגערישן באַלעבאָס. אַזוי ווי עס וואָלט גאָר קיין אַנדער לעבן אויף דער וועלט ניט געווען, ווי דער ייד וואָלט פון עפּעס אַנדערש ניט געוואוסט און ניט געוואָלט וויסן. און דאָ קומט אַ שטילער, יונגער יידישער שרייבער און דערציילט וועגן הער גאָלדענבאַרגן, וואָס לעבט זיך אַזוי בהרחבהדיק אין אַמעריקע. ניט קיין הויזן שטעפּט ער, ניט קיין העמדער נייט ער, נאַר אַן אַ צאָל ווילדע פערד פּאַשן זיך אויף זיינע בערג און טאָלן.

און דער ראָמאַן איז אָנגעשריבן געוואָרן אַזוי איינפאַך, אַזוי פאַר־שטענדלעך, אַזוי צוגעגנלעך, ווי מען וואָלט געלייענט אַ מעשה אין טייטש־חומש. און גראַד די איינפאַכקייט איז אַזוי אויסטערליש, גראַד די פּשוטע העלדן זיינען אַזוי אינטערעסאַנט, גראַד די שטומע באַשע־פעניש, די פערד און די לאַשיקלעך, זיינען אַזוי מענטשלעך.

איז פאַראַן ביים ייד גאָלדענבאַרג אַ פערד־יונג אייזיק און אַ מיידל, אַ שוועסטערס קינד, דבורה. ביבליש, אידיליש. ווייסט מען שוין גלייך פון די ערשטע זייטלעך, אַז אייזיק וועט ליב האָבן דבורהן און אַז דבורה וועט ליב האָבן אייזיקן, נאַר די קורצע שורות און דער רואיקער טאָן פון

דערציילן רעגן אייך אז צו לייענען און ניט קאנען אוועקלייגן דאס בוך פון האנט. און ווען דער יונג און די מיידל זעצן זיך אויף די פערדלעך און פליען ווי פיילן אין פעלד אריין, דאן ווילט זיך דעם לייענער — ניט וועלן אויסגעפינען וואס עס ווערט מיטן פארל, נאר אליין זיך אוועקטראגן אין די פרייע ווייטן און זיך אנזאפן מיט דער בלויקייט פון די האריזאנטן.

דאס בוך אטעמט מיט יוגנט, מיט געזונטקייט און לעבנס־פרייד.

די נאאיוויטעט פון דערציילער הארמאנירט מיטן טעקסט. דערפאר ווערט אבער ראבאי אינגאנצן אן אנדערער, ווען ער שרייבט פון שטאטישן לעבן. זיינע סקיצן אין „איך דערצייל" (פארלאג „אמעריקע", 1920, 267 זייטן) זיינען גרוי און טרויעריק. עס פעלט אין זיי די סימפאטיש־קייט, די עכטקייט, וואס עס פארמאגן ראבאיס זאכן וועגן פעלד און פערד.

ו

מיר באקענען זיך ניט בלויז מיט הער גאלדענבארגן, מיט זיין פרוי רחל, און דבורה, און אייזיקן, נאר אויך מיט די ניט־יידישע שכנים, מיט עלקינסן און זיינע צוויי זין, פון וועלכע דער ייננגערער, יאהאן, פאר־שפרייט א קלאנג, אז ער באקומט דבורהס האנט — פאר אויפהייבן זי א באשעדיקטע אין פעלד, ווען א פערד האט זי ארונטערגעווארפן פון זאטל. דער אלטער עלקינס איז מקנא דעם יידן גאלדענבארג. דער ייד איז מאדערן, עלקינס האלט זיך ביי די אלטע מעטאדן. ווען גאלדענבארג איז געקומען אהער אין דאקאטא פון ניו־יארק און אנגעהויבן באארבעטן די פרעירי, האט ער זיך געבאפט קושן עלקינסעס האנט פאר דער הילף, וואס יענער האט אים געגעבן, נאר אינגיכן האט ער אליין געמאכט עקס־פערימענטן און איבערגעשטיגן די שכנים מיט זיין קענטעניש.

די באציאונג צווישן גאלדענבארגן און זיינע שכנים איז א גוטע. זיי קומען צו אים עסן און א רייכער־טאן. זיין פרוי רחל איז געקומען קיין אמעריקע אלס א קינד און דערפאר פארשטייט זי זיך גוט מיט די שכנים און זי פירט זיך ווי זיי. נאר מיט דער גאנצער רחבות און גע־רעטענישן פילט זי זיך אבער ווי די ארימסטע פון די ארימע. זי קאן קיין קינדער ניט האבן און דאס לעבן איז איר דערפאר ניט ניחא.

גאלדענבארג האפט, אז דבורה און אייזיק וועלן זיין א פאר און

פארבליבן ביי אים אויף דער פרעירי, און ווען דבורה וועט האבן א קינד, וועט דאס זיין ווי זייער טאכטער וואלט דאס קינד געהאט און זיי וועלן זיין ווי איין גרויסע משפחה.

אייזיק איז אבער א ציוניסט און ער באשליסט צו פארן קיין פאלעסטינע. ער גלויבט ניט, אז גאלדענבארג וועט זיך דא פילן היימיש. ער האלט, אז די איבערגעוואנדערטע קיין אמעריקע פעלקער האבן מיטגעבראכט דעם סם פון אנטיסעמיטיזם מיט זיך. אים קומט אן גאנץ לייכט צו געווינען דבורהן און זי איז גרייט מיט אים אוועקצופארן. דאס איז א גרויסער קלאפ פאר גאלדענבארגן, וואס בעט זיך ביי אים אין אנהויב, אז ער זאל בלייבן, און אלץ וואס ער האט, וועט מיט דער צייט איבערגיין צו אייזיקן. נאר אייזיק וויל בלויז אים העלפן פארטיק ווערן מיט דער ארבעט און דאן וועט ער אוועק. גאלדענבארג פילט זיך געטראפן דערפון און ער שרייט אויס צו אייזיקן:

— מיר העלפן! מוחל אייך, אייזיק, מוחל, — אויב איר ווילט פון דאנען גיין, דאן גייט אייך שוין!

און ווען ער אנטשולדיקט זיך פארן יונג, דערקלערט ער אים, אז „די פרעירי האט אין מיר ווילדקייט איינגעפלאנצט. איך האב צו אייך שטרענג גערעדט. איך וויל ניט אז איר זאלט רחמנות האבן אויף מיר. ווייל אזוי ווי איר האט אייער צוועק אין פאלעסטינע, אט אזוי האב איך מיין צוועק אט־א־דא, אויף דער פרעירי.” (ז. 100).

מיט דער לעצטער פראזע, וואס ראבאי האט ארייגעלייגט גאלדענבארגן אין מויל, האט דער מחבר כאראקטעריזירט זיין צוגאנג צום יידישן ערד־ארבעטער אין אמעריקע.

די פינף מיליאן יידן אין שטאט און אין דארף זיינען דא צו בלייבן און צו בויען.

עס איז געווען נאטירלעך, אז דבורה זאל זאגן, אז זי גייט מיט אייזיקן, כאטש די מומע האט זיך דערפון צעוויינט. די טראגעדיע פון דער קינדערלאזער גאלדענבארג משפחה איז ניט געווען ביי ראבאין ווי א סימבאל פון דער צוקונפטלאזיקייט פון יידן אויף דער פרעירי. דאס איז א פערזענלעכע געשעעניש, וואס רירט אן יעדן מענטשן, אפגעזען פון פאלקאנגעהעריקייט.

גאלדענבארגס אויפטו אויף דער פרעירי, זיין באלעבאטישקייט, זיין

ארבעטזאמקייט און זיין אינטערעס אין דער פרעירי זיינען דער הויפּט־צוועק פון ראַבאָיס קלאַסיש ווערק.

דאָס וואָס עלקינס, וועלכער איז אויך געווען אַן אימיגראַנט, האָט פיינט דעם יידן און וויל פאַרקויפן זיין פאַרם, איז אויך ניט דערפאַר ווייל ער קאָן ניט פאַרטראָגן דעם יידן, נאָר דערפאַר וואָס ער האָט אין יידנס דערפאָלג דערזען זיין אייגענעם דורכפאַל. זיין פרוי איז אים אָפּ־געשטאָרבן און פון זיינע צוויי בנים האָט ער גאָר קיין נחת ניט געהאַט. דער אַלטער האָט אָבער דעם גרעסטן אָפּשיי פאַרן יידנס פּיאָניקייטן און דערגרייכונגען און די זעלבע באַציאונג צו גאָלדענבאַרגן ווייזן אַרויס אַלע איבעריקע שכנים.

אַזוי אַז גאָלדענבאַרג, וואָס האָט באַקומען פון דער רעגירונג אַ האָומסטעד פון הונדערטער אַקער לאַנד, האָט זיין עקזאַמען אויסגע־האַלטן. דער ייד האָט געהאָלפן קולטיווירן די ווייטע וועסט און ער איז אַ ניצלעכער בירגער אין אַלע טיילן פון לאַנד, וואו ער האָט נאָר געפילט אַז ער קאָן זיך אויסצייכענען.

מיט „הער גאָלדענבאַרג" האָט אונדז ראַבאָי אַריינגעבראַכט די ניט־יידישע אַמעריקע אין אונדזער ליטעראַטור. דער ייד האָט זיך אויף דער ווייטער וועסט דערפילט היימיש, ווי ער וואָלט געווען דער צוגעפּאַסטער עלעמענט, ווי די פרעירי וואָלט שוין לאַנג אויף אים געהאַט געוואַרט.

דאָס וואָס ראַבאָי האָט געטאָן אין 1918, האָבן אָבער די מערסטע יידישע שרייבער נאָך אים ניט באַוויזן צו טאָן. קיין צווייטער „הער גאָלדענבאַרג" איז ניט געשאַפן געוואָרן, קיין געזונט לעבן איז ניט אָפּ־געשפּיגלט געוואָרן. דער ייד איז אָבער יאָ פאַרטראָטן אין אַלע צווייגן פון היגערווירטשאַפט און אין דער ליטעראַטור איז געבליבן אַ ליידיק אָרט, וואָס וואַרט אויף זיין שרייבער.

ראַבאָי איז געווען דער פּיאָנער.

ז

עס קומט דעם פאָלקס־פאַרלאַג פון „איקוף" אַ יישר־כוח פאַרן אַרויס־געבן א. ראַבאָיס „דער יידישער קאָובאָי" (נ. י., 1942, 311 זייטן, מיט אַן עסיי וועגן ראַבאָיס שאַפונג פון מ. אָלגין).

ווינציק יידישע שרייבער ביי אונדז אין לאַנד האָבן אין זייערע ווערק איינגעזאַפּט די אַמעריקאַנער לופט, דעם ריח פון היגער ערד, ווי עס האָט דאָס געטאָן א. ראַבאַי. אמת, כמעט אַלע ווערק זיינע זיינען אויטאָביאָגראַפיש. אייזיק־אַי פיגורירט ווי דער הויפּט־העלד, ער איז איינער פון די נייַן ברידער, ער איז דער אויסגעוואָרצלטער פון דער פעטער בעסאַראַבער ערד און איבערגעפּלאַנצטער אויף דער אַמעריקאַנער פּרעירי פון נאָרט־דאַקאָטאַ. זיין ראָמאַן איז ניט אָטעם־פּאַרכאַפּנדיק, דער לייענער ווערט ניט געריזט ביז טרערן, ווערט ניט אויפגעטרייסלט אָדער מיטגעריסן. דערפאַר פאַרמאָגט א. ראַבאַי אַן אַנדער מעלה. ער איז איינציק אויף זיין געביט אין דער יידישער ליטעראַטור. די העלדן זיינע זיינען פריש, ניי און, אויב איר ווילט, קלאַסיש.

זאָל „דער יידישער קאָובאָי" פאַרטרעטן זיין מחבר. דאָס איז אַ ווערק מיט וועלכן מיר וועלן זיך ניט קאָנען שיידן אין אונדזער ליטעראַטור. עס וועט ניט פאַרעלטערט ווערן. עס וועט געלייענט ווערן איינמאָל און נאָכאַמאָל, ווי מיר ווערן ניט מיד פון שלום־עליכמען, פון פּרצעס „פאָלקסטימלעכע געשיכטעס", פון מענדעלעס „שלמה ר' חיימס".

„דער יידישער קאָובאָי" איז דאָס קלאַסישע בוך אין אונדזער אַמעריקאַנער ליטעראַטור. ס'איז דאָס געזאַנג וועגן אונדזער נייעם לעבנסשטייגער, עס איז דאָס ליד פון אונדזער יידישן פּיאָנער אין אַמעריקע. ניט איגנאַטאָווס צעקראָכענע אינטעליגענטן, ניט ברוך גלאַזמאַנס קרענקלעכע העלדן, נאָר ס'איז דער געזונטער אייזיק־אַי, וועמען עס ציט צו דער ברייטער אַמעריקע, ס'איז אייזיק, וואָס וויל זיך באַהעפטן מיטן שורש און אויפבליען צוזאַמען מיטן פרילינג שפּראָץ פון יונגן לאַנד, ס'איז אייזיק, וואָס האָט ניט מורא פאַר אַ גוי, נאָר ווען מע דאַרף, קאָן ער אים פאַרפאָרן אין די ציין אַריין.

אויב מע קאָן איגנאַטאָוון, גלאַזמאַנען ניט רעקאָמענדירן פאַרן היגן ניט־יידישן לייענער, ווי אַ מוסטער פון אונדזער היגער ליטעראַטור, וואָלט איך אָבער שטאַרק רעקאָמענדירט, אַז „דער אידישער קאָובאָי" זאָל איבערזעצט ווערן אויף ענגליש. דער אַמעריקאַנער לייענער וועט זיך מיט אים דערפרייען. דער ייד וועט אויסוואַקסן אין זיינע אויגן ווי אַ נאַטורליבהאָבער, ווי אַ מענטש וואָס האָט זיך איינגעבירגערט אויף דער היגער ווייטער ערד און ניט ווי געטאָ־איינוואוינער. פריער פון אַלץ באַווירקט

אונדז די עכטקייט פון ראבאים סטיל. איר גלויבט יעדעס װארט זײנס. איר לאזט זיך פירן פון אים. דאז שלאגט פון זײן שפראך מיט פרישן ארא‍מאט, מיט בלומען פון פעלד, ניט פון גארטן. וואו האט איר אין דער יידישער ליטעראטור זיך באגעגנט מיט אזא ענלעכן סוזשעט? װער האט ביי אונדז דערציילט אזא לאנגע פשוטע מעשה, וואס וואלט ביי אן אנדערן שרייבער זיך פארוואנדלט אין א לאנגוויילעקער, געקינצלטער טעמע?

א. ראבאי פאנגט אייך אין זיין ליטעראַרישער נעץ אריין. זיין העלד אייזיק, וואס האט זיך געלערנט אין א יידישער אגריקולטור־שול, פארט ארבעטן ביי א פארמער, לאזט זיך אויף דער לאנגער נסיעה אזש קיין נארט־דאקאטא, אין דער ווייטער וועסט, אויף די איינזאמע פרעירים. פארן מיר מיט אים. לאזט ער ניט דורך קיין איין דעטאל. גריבלען מיר זיך ניט אין העלדס נשמה, ווי ביי אנדערע שרייבער, נאר מיר לעבן איבער די וואכעדיקע געשעעניש, די גאנץ געוויינטלעכע פאסירונגען, וואס עס געשעען מיט אייזיקן — און מיר באקענען זיך מיט אמעריקע, מיר ווערן אן ארגאנישער טייל פון איר. אן פליטערלעך. אן סתרי־תורה, מענטשלעך איינטים. „דער לאקאמאטיוו כאפט דעם אטעם אפ און קרעכצט, ווי א קראנקער מענטש, וועלכער ליידט פון אסטמא" (ז. 20).

אין באן־וואגאן דערפילט אייזיק אמעריקע. „אלעמאל זיינען גע־קומען נייע מענטשן. אייזיק האט אפילו געקאנט הערן דעם אונטערשייד אין זייער רעדן. די מענטשן פון ניו־יארק־שטאט האבן, ווי אים האט זיך געדאכט, גערעדט אנדערש ווי, למשל, די מענטשן פון אהייא־שטאט. און איצט, פארנדיק איבער מינעסאטא, האט אייזיק באמערקט, אז דא רעדן די מענטשן אויך אנדערש, און ניט נאר איז זייער ענגליש אנדערש, נאר דער קאליר פון זייער שטים איז אן אנדערער." (ז. 23).

אייזיק קומט אן קיין גלאדסטאון, נארט־דאקאטא. עס בלאזט א שטארקער ווינט פון דער אפענער פרעירי. עס ווארט אויף אים זיין צו־קונפטיקער באלעבאס, דער בעל־גופניק, פארמער הילדנבערג. און גלייך קומט פאר צווישן דעם יידישן יונגן אינטעליגענטן בחור פון ניו־יארק א צוזאמענשטויס מיטן פארגרעבטן פארמער פון דער פרעירי. אייזיק איז צו־אויסגעפוצט פאר אים. ער האט מיטגעבראכט מיט זיך א טראנק מיט וואליזעס.

— איך דאַרף אַ פּאַרמער, ניט קיין סיילסמאַן, — האָט הילדנבערג געוואָרטשעט.

נאָר דער באַלעבאָס האָט זיך באַלד איבערצייגט, אַז דער „שיני" פון דער איסט איז אַ יונג מיט ביינער. און אייזיק האָט ניט געדאַרפט ציטערן, אַז ער וועט פאַרשעמט ווערן. פאַרקערט, ווען ס'קומט צו דער קאַובאַי־קונסט, ווען דער מענטש ווערט מייסטער איבער דעם ווילדן פּרעירי־פערד, דאַן האָט אייזיק באַוויזן, אַז אויף אים קאָן מען זיך שוין גאָר פאַרלאָזן. און ראַבאַי איז אונדזער מייסטער־שרייבער וועגן אָט דער באַשעפעניש, וואָס איז אין דער פאָלקס־שפּראַך ניט אײדל באַהאַנדלט געוואָרן. אַ פערד איז ביי אונדז אַ זידל־אויסדרוק, „זיי ניט קיין פערד", „פערדישער קאָפּ" א.אַ.וו. ראַבאַי האָט דעם פערד אויסגעלייזט פון גלות. ראַבאַי־אייזיק האָט געשטעלט אַ מאָנומענט צו דער שיינקייט פון פערד אין זיין „יידישער קאַובאַי".

אין פאַרמערס הויז ווערט פון אייזיקן — אַי. און ווען עס ווערט שפּעטער־צו געבאָרן אַ לאַשיקל, ווערט עס „באַנאַמענט" אַי, לכבוד דעם גוטן אויפפּאַסער איבער די פערד, דעם יידישן בחור פון ניו־יאָרק, אייזיק־אַי.

אין ווער זיינען די העלדן אין דעם דאָזיקן בוך „דער יידישער קאַו־באַי"? אייזיק, דער באַלעבאָס, זיין פרוי מאַדזשי, זייער דינסט עלען, די דריי פאַרם־אַרבעטער און — דער אַגער, די שקאַפּעס און דאָס לאַשיקל.

נאָר ניט קיין אידיליע שילדערט פאַר אונדז ראַבאַי. די נאַטור איז איין זאַך און דער מענטש אויף איר איז גאָר אַן אַנדער זאַך. זאָגט אייזיקס מיטשלאָפער, דער „פאַרמהאַנט" אַרטור, וועגן באַלעבאָס זייערן בזה הלשון:

„דער ,בעסטאַרד' הילדנבערג האַלט אַלע אָרעמעלייט פון געגנט אין זיינע נעגל.

ער נעמט ביי זיי צוויי הונדערט פּראָצענט פאַר יעדן דאָלער, און דאָס מיידל עלען וועט דאַרפן אַרבעטן ביי אים איר גאַנץ לעבן פאַר צוויי פערד. ער, ער, איז די וועלט ניט גוט צעטיילט! איינער האָט אַזויפיל פערד און טויזנטער האָבן גאָרניט."

אייזיק באַגרייפט באַלד, אַז ער איז אַריינגעפאַלן צו אַ באַלעבאָס אַ הויטשינדער, אַ טיראַן, אַ שווינדלער און אַ גזלן. נו, וועט ער זיך מיט

אים אפּרעכענען ווען די צייט וועט קומען. דערווײַל אָבער אינטערעסירט אײַזיקן מער די אַרבעט. די אַרבעט אין פעלד גייט אים קנאַפּ וואָס אָן. דערפאַר אָבער, ווען דער באַלעבאָס גיט איבער דעם אָגער אין זײַן רשות, ווערט אײַזיק אַ נײַער מענטש, און דער שרײַבער ראַבאָי ווערט באַגײַסטערט און פּאַטעטיש און אָריגינעל, ווי קיינער פֿאַר אים אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

„שיין איז צו קוקן ווי אַזוי אַ פערד האַרכט אין דער ווײַטקייט!״ (ז. 49). אַי ווערט מער פאַראינטערעסירט מיט זײַן אָגער, מיט די ווילדע פערד אויף דער פּרעירי, ווי מיט מענטשן אַרום. ער שענקט זיי מער אויפמערקזאַמקייט ווי דער יונגער מיידל עלען, צו וועלכער עס ציט אים נאַטירלעכערווײַז און וועלכע איז צו אים ניט גלײַכגילטיק.

„דער ייִדישער קאָובאָי״ פירט אונדז אַוועק אין נײַע מרחקים. מיר באַקענען זיך מיט אַ ווינקל, וואָס איז אינגאַנצן נײַ אין דער ייִדישער ליטעראַטור. אויב מיר האָבן פריער־אַמאָל פאַרבלאָנדזשעט אין דער ווײַטער וועסט, איז דאָס אויך געווען צו פאַרדאַנקען טאַקע דעם זעלביקן אַ. ראַבאָין. אין איצטיקן ווערק אָבער פילט ער זיך שוין דאָרט היימיש, ווײַל ס׳איז זײַן מלוכה, די ממשלה איבער פערד.

אַי איז געקומען אַהער אַרבעטן, פאַרדינען און זיך באַזעצן מיט דער צײַט אויף ערד. דער באַלעבאָס איז דער עקספּלואַטאַטאָר, דער וואָס „פאַרגעסט״ צו באַצאָלן זײַנע אַרבעטער די שווער־פאַרדינטע פאַר דאָלער. און קיין ייִדן האָט ער ניט ליב, און אײַזיק, זײַן בעסטער אַרבעטער, איז אַ ייִד און ער לאָזט זיך ניט שפּײַען אין דער קאַשע, ער מאָנט זײַנע שכירות.

„הילדנבערגן איז געפעלן, ווי אַזוי אַי האָט זיך מיט פיל גראַציע אַרויפגעכאַפּט אויף זײַן רײַטערל, ווי אַ געבוירענער קאָובאָי. דאָס פערדל האָט זיך געטאָן אַ בויג־אײַן פון דער געוויכטיקייט פון אים טראָט אין דעם טרעטער פונעם זאָטל.״ (ז. 63).

אונדזער ליטעראַטור איז באַרײַכערט געוואָרן, דורכן געבורט פון אַ לאַשיקל אויף דער פּרעירי, מיט אַ מײַסטערהאַפטיקער שילדערונג וועגן לאַשיקל אין „דער ייִדישער קאָובאָי״. ס׳איז אַ נײַעס בײַ אונדז סײַ אין דעם סיפור המעשה, סײַ אין דער שפּראַך, אין דער לעקסיק. עס אָטעמט מיט געזונטער פרישקייט פון ראַבאָיס נײַ ווערק. ס׳איז אַ געווינס פאַר

אונדזער יוגנט, ס׳איז א דערקוויקעניש פאר אונדזער לייענער און אז אפרו פאר זיינע ליטעראַרישע אַנגעצויגענע נערוון, וואָס האָבן יאָרנ־לאַנג אין דער היגער ליטעראַטור זיך אַנגעשטרענגט ביז צום פּלאַצן פון זייערע דענערווירטע העלדן.

„דאָס קליינע באַשעפעניש האָט זיך פון שרעק געטאָן א שטעל־אויף אויף זיינע צעשפּרייטע, דאַרע פיסלעך און איז אַרונטער זיך צו באַשיצן אונטער דער מוטערס קאָפּ. עס איז געווען א ראָזעוו לאַשיקל מיט ווייס־גרויע פיסלעך. אויף זיין פּנימל א ווייסער פלעק. עס האָט אויסגעוויזן ווי א יונגער הירש, וואָס האָט נאָך ניט קיין הערנער . . . עס איז געווען וואונדערלעך שיין און פּאַטעטיש. דאָס קערפּערל באַדעקט מיט געקרייזלטע ראָזעווע האָר, א שמאָלס און א קורצס, מיט הויכע דינע פיסלעך, מיט א קליינעם עק, ביי וועלכן עס האָבן געוואַקסן ווייסע האָר. עס איז ניט געווען גלויבלעך, אז פון אַזא שיין, צאַרט באַשעפעניש זאָל אויס־וואַקסן א האַרעפּאַשנער פערד.״ (ז. 65).

„ער האָט אַריינגעטראָגן דאָס לאַשיקל אין שטאַל אַריין. אַלע פערד, וועלכע זיינען דאָרט איצט געווען, האָבן אויסגעדרייט זייערע קעפּ און באַגריסט דאָס לאַשיקל מיט פרייל־עכע אויסגעשרייען ־ הירזשען. די מוטער האָט אַזש געציטערט פון אויפרעגונג און געפרינקעט, ווי זי וואָלט זיך געפּיעשטשעט.״ (ז. 67).

א. ראַבאַי דאַרף ניט קיין אויסערלעכע עפעקטן אין זיין שרייבן כדי צו געפעלן דעם לייענער. די תמימות, וואָס שיינט אַרויס פון די זייטן אין זיין ווערק, ברענגען דעם לייענער אַריין אין דער אַטמאָספער. נאַטיר־לעך העלפט דאָ אויך אַרויס די נייקייט פון דער טעמע פאַרן יידישן ליי־ענער, נאָר אויך דער ניט־יידישער לייענער וועט אפשר נאָך מער הנאה האָבן פון דער נאַאיוויטעט פון דער דערציילונג, פון צוגאַנג פונעם מחבר.

אַי איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער פרעירי, נאָר די דערצויגענע דאָרט ציט גראָד צו דער גרויסער שטאָט. קומט דערפאַר פאַר פאַלגנדיקער דיאַלאָג צווישן איען און עלענען:

— עס האָט מיר שוין דערעסן די פרעירי. איך האָב דאָ קיין שום אינטערעס ניט. איך וואָלט בעסער געוואָלט כאָטש איינמאָל א קוק טאָן אויף ניו־יאָרק, — אַזוי פילאָזאָפירט עלען. איר ענטפערט אייזיק:

— עס איז ניטאָ וואָס צו זען. קופּעס מיט מענטשן, גרויסע, ריזיקע הייזער, א פאַרטויבנדיקער טומל, זייער ניט קיין אַנגענעמע ריחות . . .

ווי פילט זיך אייזיק, דאָס יידיש קינד, צווישן ניט־יידן אויף די

פרעירים? ער האט תמיד אינזינען, אז מען קוקט אויף אים ווי אויף א יידן און ער וויל דעם יידישן נאמען ניט פארשעמען. און אויב עס פאסירט עפעס ביי דער ארבעט מיט אים, באטראכט ער דאס אויפן חשבון פון יידישן פאלק. ס'איז א סענסיטיווער ווינקל אין זיין נשמה. ווען א פארמער דערציילט ביים טיש א מעשה וועגן א „שיני", א פעדלער, וועלכן ער האט פארטריבן פון זיין הויף, ענטפערט אים אי, אז „דא מיט אייך זיצט א ייד, וועלכער איז א קאובאי" און אייזיק דערקלערט אים אויך אז „פעדלעריי איז אן איבל וואס קומט פון אן עקאנאמישן צו־שטאנד." דער פארמער בעט אנטשולדיקונג. און ס'איז ניט דאס ערשטע און לעצטע מאל וואס אייזיק נעמט זיך אן פאר זיין יידישקייט.

מיר באקומען אויך א קינסטלערישע באשרייבונג וועגן דער דחקות, וואס הערשט ביי די פארמערס. ווען אי באזוכט עלענס עלטערן, אויף דער דערבייאיקער פארם, בלייבט ער שטיין א געפלעפטער און ווייס ניט וואס צו טאן מיט זיך. „אזא ארעמקייט האט ער ניט דערווארט דא אין אמע־ריקע אויף דער פרעירי." (ז. 100).

אויף דער איינזאמער, שטילער פרעירי איז אבער פאראן גענוג דראמע. מאדזשי, הילדנבערגס ווייב, וועלכע ער האט באקומען דורך אן אנאנס אין דער צייטונג, איז א טיפ פאר זיך אליין. זי קומט ביי ראבאין ארויס בולט אוןווארעם, הגם דער מחבר היט זיך אומעטום אויס ארייננצופאלן אין סענטימענטאליטעטן. ווען דער באלעבאס זאגט זיך אפ צו באצאלן די ארבעטער זייערע שכירות, איז דאס פרוי מאדזשי, וואס נעמט אראפ די ביקס פון וואנט און סטראשעט ארייננצושיסן די ערשטע קויל אין איינגענעם מאן אריין, אויב ער וועט ניט באצאלן זיינע ארבעטער.

ראבאין געלינגט בעסער צו שילדערן מאדזשין ווי דאס מיידל עלען. די לעצטע קומט ארויס בלאס, כאטש זי איז א בלאס באשעפעניש, נאר דאס מיינט ניט אז דער מחבר האט אונדז ניט געקאנט איבערגעבן א פסיכאלאגישן פארטרעט פון איר.

אזוי שענקט ער אויך ניט גענוג אויפמערקזאמקייט צו די צוויי ערשטע פארמהענט אין בוך. דארט וואו ער מאכט א פארזוך זיי צו שילדערן, דערוועקט ער אונדזער אינטערעס צו זיי. דערפאר אבער קומט דער באלעבאס הילדנבערג, די צווייטע צענטראלע פיגור נאך אייזיקן,

ארויס קרעפטיק פון ראבאיס פען. כיטרע, בעל־גופיש, געלטגייציק, שווינד־לעריש, מעהדעריש איז הילדנבערג, און א. ראבאי ברענגט ארויס פאר אונדז אלע זיינע פעלערן מיט א טיפער פארשטענדעניש און ארייננדרינג. הילדנבערג רעפרעזענטירט מיט זיך א שיכט פון אמעריקע, דעם שיכט פון רויבערישן גרויס־פארמער, וואס אז אויסגעבונדן מיט דער פאליטישער מאשין פון זיין געגנט און ער האלט אין צוואנג דעם ארעמען פארמער און ער איזדעקעוועט זיך איבער זיינע פארם־הענט. אין דער אמעריקאנער ליטעראטור איז אזא הילדנבערג ניט קיין נייעס (סטיינבעק, פאלקנער, נאריס), נאר אין אונדזער יידישער ליטעראטור האט אים ראבאי צע־גלידערט.

ניי איז אויך פאר אונדז דער אינדיאנער, וואס א. ראבאי שילדערט אין דעם ווערק. וועגן אינדיאנער האבן ביי אונדז מער געשריבן ש. דייקסל, ש. מילער, ש. טענענבוים. ביי ראבאין קומט דער אינדיאנער ארויס צופעליק, נאר ער איז א טייל פון דער פרעירי, פון שטעטל, וואו די באגעגעניש קומט פאר. דער קרעמער פון שטעטל באציט זיך צום אינדיאנער מיט ביטול און אייזיק קומט צום באשלוס אז ס'איז ניט גלאטיק. ער פרעגט:

„ווער איז מער געפאר פארן לאנד? איז ניט אזא פראצענטניק ווי הילדנבערג מער געפערלעך, ווי די פארטריבענע פון זייערע פעלדער אינ־דיאנער? פארוואס איז אזא אומרעכט באגאנגען געווארן קעגן פרידלעכע מענטשן, ווי די אינדיאנער זיינען, וואס מען האט ביי זיי צוגענומען ערד, אפגעגרענעצט אין קאנצענטרירטע רעזערוואציעס?"

און ער ענטפערט זיך אליין גלייך:

„עס איז ניט געווען די ערשטע עוולה, וואס ער האט געזען. ער אליין, א קינד פון א פאלק, וואס האט געליטן פון באגרענעצונגען, האט זיכער געמיינט, אז דא אין אמעריקע וועט ער ניט פילן קיין שום יידנהאס. און צום סוף האט ער דא אין דער וועסט, ביי הילדנבערגן אין הויז, דערפילט א געפערלעכן האס צו אים אלס ייד." (ז. 141).

נאר אט די אלע טראכטענישן און גריבלענישן פארנעמען זייער א קליינעם פלאץ אין בוך. אייזיק רעדט מער וועגן דער פרעירי, וועגן די שקאפעס און דעם אגער. זיי זיינען די מיוחסים אין זיין ווערק. ווען אי דארף מאכן אז אפעראציע אויפן אגער, ווען ער דארף אים די ציין רייניקן, די קאפיטעס ארומשניידן, דאן דערזעען מיר איען אין זיין מיליע.

„פון הונדערטער העלדזער האָט נאָרט־דאַקאָטא געהירזשעט. עס האָט געשמעקט מיט דעם געזונטן ריח פון פערד און די ערד האָט גע־ציטערט אונטער די שווערע פיס פון די נאָרט־דאַקאָטער אַגערס — די שטאָלצע פּאַטערס פון אַ געזונטער ראַסע פערד, וואָס דאַרפן אַקערן די ערד, פירן די געלאַדענע פורן מיט ברויט צו דער באַן.״ (ז. 175).

דער ייד אייזיק טרעפט זיך דאָ אויף דער פּרעירי מיט אַן אוקראַאינער פּאַרמהאַנט, וואָס קומט אַרבעטן אויפן ראַנדזש. דער אוקראַאינער נוצט דאָס וואָרט „זשיד״. אייזיק וואָרנט אים און צום סוף פּאַרפּאַרט ער אים אין די ציין. עס קומט אויך צו אַ קלימאַקסישן מאָמענט, ווען אייזיק רעכנט זיך אָפּ מיטן באַלעבאָס הילדנבערג, ווען יענער באַליידיקט דעם יידן אין אים.

אייזיקס פּאַטער רופט אים צוריק אַהיים, ווייל ער האָט געקויפט אַ פּאַרם אין קאָנעטיקוט. איך ווייס ניט, צי דאָס איז געווען דער פּאָ־סיקער אויסוועג פאַר אייזיקן, אָדער צי האָט דער שרייבער מיט דעם געוואָלט סימבאָליזירן, אַז דער ייד באַלאַנגט נאָך דערווייל ניט אויף דער פּרעירי אײַן זאַך איז קלאָר, אַז דער „יידישער קאָובאָי״ איז גאָר אַ חשובער בייטראַג צו אונדזער אַמעריקאַנער יידישער ליטעראַטור. ס׳איז מער ווי דאָס. ס׳איז אַ געשעעניש, וואָס דאַרף באַגריסט ווערן מיט פרייד און שטאָלץ.

אַ שאָד, וואָס ס׳איז ניט פאַראַן קיין גלאָסאַר צום ווערק. איך האָב פאַרצייכנט ביי זיך די פאָלגנדיקע ווערטער, וואָס איך האָב באַגעגנט אין בוך און וועלכע זיינען ניט אינגאַנצן באַקאַנט דעם אַלגעמיינעם יידישן עולם, איבערהויפּט דעם מער אַמעריקאַניזירטן. זיי זיינען אויך אַז און פאַר זיך אינטערעסאַנט פאַרן יידישן פילאָלאָג. אָט זיינען זיי:

מוציקעס, מעדניצע, טשאַבאַלאָטעס, צעקאַראַדאַטשן, זאַפּאַרעס, סקאָס, דערביוועט, סטרעמענעס, געפּרינקעט, דוזקע, טערקאַטע, באַראַזדע, רינטשיק, פּיסנע, ריוטשיקעס, סטרעמעניעס, אַרומגעסטאַיפּעוועט, פּאָ־דאַליק, פּאַרסילעוועט, טוטשען, היטשקע, קאַפּיצע, קאַדע, זשאַלאַב, צו־געלאַנטשעט, זשמוט, טוסקלע, אָפּגעכיקעט, צעגראַטשעט.

ח

אַ. ראַבאָי האָט ליב געהאַט דאָס ערדישע, דאָס געזונטע. אין דעם פּרט איז ער אויך געווען אַן אויסנאַם צווישן די אַמעריקאַנער

פּראָזאַאיקער פֿון זיין דור. אַפֿט ווערט זיין רעאַליזם צו נאַטוראַליסטיש, אָפֿט פֿילט זיך אין אים אַ נאַאיוויטעט, וואָס דערגרייכט צו פּרימיטיווי־טעט, סיי אין אינהאַלט, סיי אין דערציילן. נאָר דאָס איז ניט קיין חסרון, אַזאַ, ס'איז דאַבאַים צוגאַנג צום לעבן, צו מענטשן.

איך קאָן דאָס כאַראַקטעריזירן מיט ראַבאַין דעם מענטשן אַליין. מיין לעצטע באַגעגעניש מיט אים איז פֿאָרגעקומען אַ האַלב יאָר פֿאַר זיין טויט. כ'האָב אים באַזוכט אין סאַניטאַריום, ווען כ'בין געווען אין לאָס אַנדזשעלאָס. געוואוסט, אַז זיין לאַגע איז אַ האָפֿענונגסלאָזע. ער האָט אָבער דערפֿון ניט געטראַכט און זיך געקליבן צו פֿאַרלאָזן דאָס פּלאַץ און זיך באַזעצן אין אַן אייגענער וואוינונג.

— ס'איז ניט פֿאַר מיר, — האָט ער אַרגומענטירט. — מען באַ־האַנדלט מיך טאַקע זייער פֿיין, נאָר איך האָב ניט ליב צו זיין צווישן קראַנקע. איר זעט אָט יענע טיר? אַ גאַנצן טאָג הערט זיך פֿון דאָרט אַ הוסטן, אַ קרעכצן. ס'ליגט, נעבעך, דאָרט אַ חולה מסוכן, אַ נוטה למות, ס'איז אַ ביטערער רחמנות, נאָר וואָס קאָן איך אים העלפֿן?

— איר זעט, אָט דאָ ביים פֿענסטער, — ער האָט אָנגעוויזן מיטן פֿינגער אויף אַ פֿענסטער פֿון אַ שכנישער שטוב, — ליגט אַ פֿרוי, זייער אַ קראַנקע. ווער איר הערן אַ מעשה. אַ גאַנצע נאַכט, די וואָך, האָט זי געהאַלטן אין איין קרעכצן, אַז זי שטאַרבט. שטעלט זיך פֿאָר ווי איך האָב געפֿילט, ווי יעדער איינער וואָלט געפֿילט, ווען מען קאָן אַליין קיין אויג ניט צוטאָן און דאָ ליגט איבער דער צווייטער וואַנט אַ מענטש און דערציילט אייך: „אוי, איך שטאַרב!" איך האָב געוואוסט, אַז זי גייט טאַקע, נעבעך, אויס. איך האָב געהערט, ווי מען האָט זיך אַרום איר גע'עסק'ט. בקיצור, זי האָט אַזוי געוויינט און געקרעכצט און געליטן, ביז עס איז געוואָרן טאָג. דאַן האָט זי אויפֿגעהערט. ערשט דעמאָלט האָב איך אַ דרימל געטאָן, טאַקע נאָר אַ דרימל געטאָן. ווען איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט, איז מיין ערשטער געדאַנק געווען צו זען, צי זי איז גע־שטאָרבן. איך בין געווען זיכער, אַז ווען איך וועל אַריינקוקן אין איר פֿענ־סטער, וועל איך זי זען אַן אויסגעצויגענע אויפֿן דיל. איר ווייסט דאָך. מען איז דאָך ניט מער ווי אַ מענטש און מען איז נייגעריק, האָב איך פֿאַר־זיכטיק זיך איינגעבויגן און אַריינגעקוקט פֿון דאַנען. שטעלט זיך פֿאָר, אַז איך האָב די דאָזיקע שטאַרבנדיקע פֿרוי ניט געפֿונען אויפֿן דיל, זי

איז אויך ניט געלעגן אין בעט. זי איז געזעסן ביים טיש און געגעסן פרישטיק און מיט גרויס אפעטיט . . . נו, דא בין איך א גאנצע נאכט געלעגן און איבערגעלעבט איר גסיסה און זי ווייסט ניט פון קיין זאך און רייבט א ברעקפעסט.

אט אין דער מעשה זיינער האב איך זיך דערמאנט, ווען איך האב נאר־וואס אויפסניי געלייענט ראבאיס „איז געקומען א ייד קיין אמעריקע", וואס איז ארויס אין א נייער אויפלאגע אין פארלאג פון „איקוף".

אזוי ווי ער איז געווען אין זיינע ווערק, אזוי איז געווען אין לעבן. אלץ האט אים אינטערעסירט; צוגעגאנגען צו יעדן עניין ווי אן עכטער פאלק־מענטש, מיט אפענע אויערן, א גלויביקער און דאך — א פארשנ־דיקער.

מיר האבן ניט ווייניק ווערק, וואס באשרייבן, אין ראמאן־פארם, דעם אנקום פון יידישן אימיגראנט אין די פאראייניקטע שטאטן. די מחברים שטעלן זיך תמיד אפ אויף די דראמאטישע, אפט מעלאדראמא־טישע און, אין פאל פון שלום־עליכמען, אויף די טראגי־קאמישע פאסי־רונגען און איבערלעבונגען פון ניי־אנגעקומענעם אין דער פרעמדער מדינה.

א. ראבאי באהאנדלט אט די אין עצם מיט־דראמע־אנגעלאדענע טעמע כמעט אידיליש. קיינעם ווערט ניט איינפאלן צו לאזן א טרער אויפן גורל פון דעם נאאיוון פאר, אין די פופציקער, וואס האט דא קיינעם ניט און וואס האט קיין באגריף ניט וואס ניו־יארק שטעלט מיט זיך פאר.

זיידע מאניס האט ניט קיין פאך אין האנט און די צוקונפט זיינע דא אין ניו־יארק — א ייד א לערנער פון דער היים, א פרומער און אן איידעלער — איז שוין גארניט קיין פארשפרעכנדיקע. ראבאי דערציילט אונדז אבער די געשיכטע פון מאניסן און שבען און זייערע ערשטע פאר חדשים אויף דעלענסי סטריט מיט אזא תמימות, אז מיר זיינען זיכער, אז קיין בייז אויג וועט זיי ניט שאטן און מיר פארלאזן זיך אויפן מחבר, אז ער אליין וועט אונדז ניט באאומרואיקן מיט א טרויעריקער פאסירונג וועגן זיי.

אין „איז געקומען א ייד קיין אמעריקע" האבן מיר די געשיכטע וועגן יידן, וואס איז מסתם אנגעקומען אין דעם אנהייב ניינציקער יארן פון לעצטן יארהונדערט; ס'איז א בילד פון יענעם שיכט יידן, וואס איז ניט אנטלאפן פון פאגראמען, נאר וואס האט אין גוטן מוט געוואלט

פּטור ווערן פון פּאניעז און ער איז געקומען אהער מיט אַ פּאָר דאָלער אין קעשענע — אַ געזונטער פיזיש און גייסטיק.

איז דערפאַר שוין טעמאַטיש אַליין „איז געקומען אַ ייד קיין אַמע־ריקע" אַ וויכטיקער בייטראַג צו דעם ווי אַמעריקע איז באַשריבן געוואָרן אין אונדזער ליטעראַטור. דער היגער געבוירענער, וואָס וועט לייענען דאָס בוך, דאָס יידישע קינד און דער ניט־ייד צוגלייך, וועט הנאה האָבן פון דעם געזונטן צוגאַנג פון שרייבער צו זיין טעמע.

ט

עס זיינען דאָ מינוטן אין בוך, וואָס לאָזן זיך ניט לייכט דערקלערן.

אַ פאָטער און אַ מוטער לאָזן איבער זייערע דערוואַקסענע קינדער אין דער אַלטער היים און קומען אַליין אין דער פרעמדער אַמעריקע. ראַבאַי דערציילט אונדז באַריכות וואָס מיט זיי געשעט דאָ. דאָך וויסן מיר לחלוטין ניט וועגן דעם לעבן פון זייערע קינדער און עס קוקט אויס, אַז די מאַמע האָט גאָר קיינמאָל ניט געבענקט נאָך זיי. עס גלויבט זיך ניט, אַז די בענקעניש נאָך זייערע קינדער האָט ניט פאַרנומען קיין אָרט אין זייערע הערצער. אָט דער מאָמענט פעלט אין דער דערציילונג און דער לייענער פילט דאָס.

מאַנים שרייבט אַ בריוו צום אייניקל און דאָס אייניקל קומט קיין אַמעריקע. אויך דאָ איז דער ענין ניט באַאַרבעט געוואָרן. דאָס אייניקל קומט, ניט האָבנדיק געשריבן פריער. ער ווערט פון באָבע־זיידע אויך אויפגענומען גאַנץ קילבלעך, ניט יידישלעך. דער אויפריכטיקער, ערלע־כער ראַבאַי שטעלט אָבער דאָ דעם לייענער ניט צופרידן. אַזעלכע אומ־באַהאָלפענע שטעלן מערקן זיך אין בוך ניט איינמאָל.

מאַנים איז אַ ייד אַ לערנער, נאַאיוו נאָר ניט קיין נאָר און ער האָט ניט קיין פאַרשטאָפּטן קאָפּ, דאָך דערציילט אונדז ראַבאַי וועגן אים, אַז נאָכדעם ווי ער איז שוין געווען אַ פּאָר חדשים אין לאַנד, געאַרבעט אין אַ יידישן שאָפּ ביי העמדער, געוואוינט אויף דעלענסי סטריט, האָט ער אַליץ ניט געוואוסט וואָס דאָס וואָרט „אויסגעגרינט" מיינט. ווי איז דאָס מעגלעך?

„— ער זאָגט, אַז איר האָט זיך שוין אויסגעגרינט, — גיט איבראַמס מאַניסן צו פאַרשטיין.

מאנים האט אפילו ניט פארשטאנען, וואס „אויסגעגרינט" איז."

דאס זיינען אבער אלץ קלייניקייטן.

דאס בוך „איז געקומען א ייד קיין אמעריקע" בלייבט א פערל אין אונדזער אמעריקאנער יידישער ליטעראטור. ס'איז עכטע ליטעראטור. ס'איז גאלד אין אונדזער קולטור־אוצר.

מאנים און שבע האבן, קומענדיק אהער, זיך ניט געקאנט אפוואונדערן פון דער גאז־באלויכטונג אין זייער וואוינונג, ווי אויך פון וואסער וואס מען צאפט פון וואנט און פון נאך ענלעכע זאכן, וואס זיי האבן אין דערהיים ניט געזען.

מאנים אליין באשרייבט די וואונדער צו זיין אייניקל. דאס איז דאס ערשטע און, דוכט זיך, דאס לעצטע בריוול וואס מאנים שרייבט. אט זיינען א פאר כאראקטעריסטישע שטעלן:

„. . . און איצט וועל איך דיר אביסל באשרייבן די וואונדער פון אמעריקע. קיין נאפט נוצן מיר נישט. מען טוט א דריי א קרענטל און א צינד אן א שוועבעלע און עס ווערט ליכטיק. דאס דאזיקע מין באלייכטונג רינט אין רערן איבער דער גאנצער שטאט און רינט אריין צו יעדן איינעם אין שטוב אריין . . . עס איז איינס פון גאטס וואונדער . . . ווידער איז דא פאראן אן אנדער וואונדער. אין די גאסן ברענען לאמטערן און זיי צינדן זיך אליין אן און זיי פארלעשן זיך אליין. די שטיבער האבן ניט קיין דעכער און אויך ניט קיין קוימענס . . . וואסער גייט דא פון דער וואנט און, זאלסט ניט לאכן, דער בית־הכסא איז דא סמוך לשולחנו, כמעט אין שטוב. פרעג שוין נישט. אזא וואונדער האט דא געמעגט נישט זיין. אבער פונדעסטוועגן איז דאס א וואונדער . . .

אמת, ווען דאס אייניקל קומט קיין אמעריקע אין א קורצער צייט ארום, איז ער שוין ניט אזוי נאאיוו ווי דער זיידע. פארקערט, ער לערנט שפעטער די אויסגעגרינטע ארבעטער פון שאפ ווי אזוי מען דארף האנדלען. זיידע און אייניקל זיינען גוטע פארשטייער פון דער עלטערער און דער נייערער אימיגראציע.

דאס בוך האט א קולטור־היסטארישן ווערט, אויסער א ריין בעלעטריסטישן. בכלל דארף יעדער ראמאן אנטהאלטן אין זיך אן אפשטעמפל פון דער סביבה און פון דער צייט. ווען מאנים און שבע קוקן ארויס פון זייער ערשטער דירה אין אמעריקע אויף דער גאס און זיי דערזעען חידושים, גענוסן מיר דערפון אויך.

„אי מאַניס, אי שבע קוקן אינדרויסן דורך די אָפענע פענסטער און אַלעמאַל באַגעגענען זיך זייערע פּנימער און אויגן און זיי פרעגן איינער ביים אַנדערן: האָסט געזען?

— וואָס?

— טרייבט אַ וואָגן מיט צוויי גרויסע פערד און זיצט און לייענט אַ בלאַט־צייטונג.

— יאָ, — ענטפערט מאַניס — לייענט אַ בלאַט־צייטונג און טרייבט פּאַוואָליע די גרויע פערד.

— און מען שווייגט אים?

— קיין מיתה קומט אים דערפאַר נישט! — לאַכט מאַניס."

אָבער וואָס מאַניסן וואונדערט איז דאָס, וואָס אַן אַנטרייבער קאָן לייענען אַ בלאַט־צייטונג.

אין דעם קליינעם עפּיזאָד געלינגט ראַבאָין איבערצוגעבן עפּעס וואָס איז פון גרויסן ווערט פאַרן לייענער. דער אונטערשייד פון דער אַלטער און נייער וועלט ווערט דאָ אַזוי בולט אַרויסגעבראַכט אויף אַזאַ פּשוטן אופן. אין דעם באַשטייט ראַבאָיס גרויסקייט.

אָדער ווען שבע געפינט אויס, אַז אין אַמעריקע —

„— זיצט זיך אַ מענטש אין מיטן גאַס און מ'פּוצט אים די שטיוול.

— אַזאַ מענטש מוז דאָס זיין, — מאַכט אַוועק מאַניס מיט אַ קרום פון זיינע ליפּן.

— זע נאָר ווי ער זיצט און קוועלט. איי, מוז דאָס זיין אַ בהמה — פאַרגייט זיך שבע.

— נידעריקער פון אַ בהמה — קרימט זיך מאַניס.

און אַזוי אויך די באַציאונג פון ייד צו ייד דאָ. די מחיצה, וואָס ליגט צווישן איין גרויסשטאָטישן מענטשן צום אַנדערן, האָט דער קליין־שטעטלדיקער מאַניס ניט געקאָנט משיג זיין.

עס געלינגט ראַבאָין אויף אַ וואונדערבאַרן אופן איבערצוגעבן אַט די שטימונג פון יענער צייט, ווען עס איז פאַרגעקומען דער שאַרפער קאָנ־פליקט צווישן איידעלן, גייסטיק־אַריסטאָקראַטישן אימיגראַנט און דעם ערב־רב, וואָס איז געקומען אַהער, ווייל ער איז אַנטלאָפן פון עפּעס . . .

ו

ראַבאָי באַשרייבט דעם אַמאָליקן שאַפּ, דעם אַמאָליקן יידישן אַרבע־טער, וואָס איז נאָך ניט געווען יוניאַניזירט און האָט אפילו ניט

געוואוסט וואס א יוניאן איז. ער, ראבאי, פאראידעאליזירט אים ניט, ער פארסענטימענטאליזירט אים ניט, ער גיט אונדז א געזונט בילד.

מאנים קומט אריין אין שאפ. ער האט קיינמאל אויף זיין לעבן ניט געארבעט.

„ווי אלט איז א ייד?
— כ'וויים . . . קרוב צו פופציק . . .
האט מאנים געזאגט אביסל פארשעמט.

— האסט ניט געקאנט זיין יינגער?
מאנים האט געפילט ווי אימיצער וואלט אים אפגעבריט. אבער ער האט גארניט געענטפערט. אפילו געפרואווט א שמייכל טאן.
— ווילסט זיין א פרעסער?
— כ'וויים? . . . — ענטפערט מאנים און כאפט דערוויל א קוק אהין, וואו עס שטייען יידן און הרגענען די טישן מיט די אייזערנע פרעסלעד. ער דערשרעקט זיך פאר איינעם פון יענע יידנס גרויסע, גרויע אויגן, וועלכע שרייען צו מאניסן, אז ער זאל נישט זיין קיין פרעסער, נישט זיין קיין פרעסער!

ס'איז א מייסטערהאפטיק בילד, וואס קריצט זיך איין אין זכרון און די שפראך-מיטלען, וואס דער מחבר האט דא גענוצט, קאנען דינען ווי א מוסטער פון ווערטער, וואס שילדערן, וואס באַרייכערן די שפראך.

וויפיל טויזנטער יידישע אימיגראנטן האבן איבערגעלעבט דאס דאזיקע בילד! וויפיל יידן האבן געהערט דאס געשריי פון די אויגן, „אז ער זאל נישט זיין קיין פרעסער, נישט זיין קיין פרעסער."

דער ייד מאנים, וואס האט אינדערהיים מסתם אריינגעקוקט יעדן טאג אין א ספר, האט דא אין אמעריקע געפילט, אז ער ווערט פארגרעבט און דאס האט אים געקאסט א סך געזונט. נאר נאך מער האט אים גע־קרענקט, וואס די ארבעטער אין שאפ זיינען געווען גראבע נפשות.

„א גאנצן טאג הערט מען נישט קיין איידלווארט . . . די ארבעטער אין שאפ זיינען איינס ווי איינס פארגרעבטע מענטשן."

און ראבאי דערציילט אונדז מיט איינצלהייטן וועגן דער פארגרעבט־קייט פון די ארבעטער. דאך דערוויסן מיר זיך וועגן די שטעפער פון שאפ, וואס האבן דא געזונגען טעאטער־לידער און זיי „האבן געקאנט נאכקרימען מענטשן און חיות". מיר באקומען אן אויסגעצייכנטן אריינבליק אויפן אמאליקן יידישן שאפ, אויף דער יידישער גאס.

עס האָט לאַנג ניט געדויערט און דער געזונטער מאַנים האָט איינ־געזען, אַז „איצט איז ער אין אַ נײַ לאַנד און וועט שוין זיין אַנדערש... וואָס, ס'איז דען עפּעס ניט שיין צו אַרבעטן? עס איז פּונקט אַזוי שיין צו אַרבעטן ווי צו זיין אַ רבֿ, אפשר נאָך שענער."

מען קאָן מיט זיכערקייט זאָגן, אַז ראַבאַין איז געלונגען איבערצו־געבן אַ געטרײַ בילד פֿון דער יידישער אימיגראַציע אין דעם אָנהייב ניינ־ציקער יאָרן. ניט מאַנים און שבֿע זיינען די העלדן פֿון זיין ראָמאַן, נאָר די יידישע גאַס, דער יידישער שאָפּ, דער שטייגער לעבן. און אַלץ ווערט איבערגעגעבן אַזוי נאַטירלעך און מיט אַ געפֿיל פֿאַר פֿאָלקס־הומאָר.

ווען דאָס אייניקל איסאַק קומט קיין אַמעריקע, באַנעמט ער, איסאַק, דאָס לאַנד אינגאַנצן אַנדערש ווי דער זיידע זיינער. ער קומט שוין אַהער אַן אויסגעגרינטער. ער איז דער נייער שיכט פֿון יונגען אימיגראַנט, וואָס פֿאַרמאָגט אַביסל בילדונג און מער אינטעליגענץ, דער טיפּ וואָס האָט געהאָלפֿן בויען די יוניאָנס.

ראַבאַי דערפֿירט אונדז שוין אין בוך צום אָנהייב פֿון אָרגאַניזירן זיך. ס'איז אַ פּרימיטיווער אָנהייב, נאָר ער פּאַסט זיך אַריין מיטן אַל־געמיינעם צוגאַנג פֿון מחבר צו זיינע העלדן.

די אַרבעטער ווייסן ניט וואָס צו טאָן, ווי אַזוי צו שטעלן פֿאָדע־רונגען צום באַלעבאָס. סעם, וואָס האָט געהאַלטן אַ דרשה פֿאַר די אַר־בעטער, ווייס ניט וואָס צו טאָן און ער ווערט אין כעס און זאָגט:

„— איך הייס אייך אַלע גיין אין דער ערד אַריין — טאַקע שוין!

— קאָן איך זיך אַריינמישן? — האָט פֿון דער זייט זיך אָנגערופֿן איסאַק.

— ניין! דו ביסט אַ גרינער. שאַראַפּ! — האָט סעם באַלד איסאַקן איבערגעשלאָגן די רייד.

און ווען דער גרינער איסאַק שלאָגט פֿאָר אַ סטרייק, לאַכט סעם פֿון אים. נאָר דער גרינער געווינט."

דער סטרייק ווערט איבערגעגעבן פֿון ראַבאַין אַזוי פֿאָלקסטימלעך, אַז מיר דערזעען תיכּף פֿאַר זיך יענע עפּאָכע: —

„אַ יידענע, איינגעוויקלט אין אַ טערקישן שאַל, איז צוגעקומען צו דעם אָרט, וואו די אַרבעטער פֿון דזשעיקאָבס פֿאַבריק זיינען געשטאַנען. איר אַלט פּנים איז געווען בלוי און ביינערדיק. זי האָט געפֿרעגט:

— וואָס איז דאָ, אימעצער געשטאָרבן? — דאָס וואָרט „גע־שטאָרבן" האָט זי אויסגעזונגען און אויסגעצויגן.

— דערווייל נאָך נישט, באָבעשי, — האָט סעם, דער הויכער, געזאָגט און געטאָן אַ וואונק מיט איין אויג צו זיינע חברים.

— עס האַלט שמאָל? — האָט די יידענע ווידער אַמאָל געצויגן אירע ווערטער.

— זייער.

עס זיינען דורכגעגאַנגען מענטשן.

— וואָס איז דאָ?

— זייער שמאָל! — ענטפערט שוין די יידענע אין טערקישן שאַל און זי באַגלייט אירע ווערטער מיט אַזאַ בלאָז פון איר נאָז, וואָס אַז מען וויל קאָן עס הייסן אַ טרער."

ראַבאַי האָט ליב געהאַט דאָס פּראָסטע פאָלק. ער איז געווען איינער פון אים. אים פאַרשטאַנען בעסער ווי אַנדערע שרייבער. דערפאַר איז „אַ ייד איז געקומען קיין אַמעריקע" אַ ווערק, וואָס וועט בלייבן לעבן, ווייל אין אים לעבן די פשוטע פאָלקס-מענטשן מיט זייערע פאַרגרעבטע נאַטורן, ווי מיט זייערע ערלעכע נשמות. אין אים לעבט די יידישע אַמעריקע פון אַמאָל און דורך איר קאָנען מיר פאַרשטיין די היינטיקע אַמעריקע.

שלום אש

א

אין 1909 איז שלום אַש צום ערשטן מאָל געקומען אויף אַ באַזוך קיין אַמעריקע. ער האָט דאָ לאַנג ניט פאַרבראַכט. פון 1910 ביז 1914 האָט ער געלעבט אין פּוילן און אין פּאַריז. ערשט ביים אָנהייב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער זיך באַזעצט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, הגם פּאַריז איז געווען זיין צווייטע היים ביז די שפּעטע דרייסיקער יאָרן.

ווען מען זאָל זיך גוט אַריינלעבן אין אַלץ וואָס אַש האָט געשאַפן, וועט מען קומען צו דער איבערצייגונג, אַז די הויפּט־טעמע פון אַלע זיינע ווערק איז שטענדיק — דער מענטש, די ליבע פאַרן יחיד. וואָס שטאַרקער ער האָט אים ליב, אַלץ בעסער קומט ער קינסטלעריש אַרויס אין זיינע ווערק; וואָס פאַרשטענדיקער ער איז אים, אַלץ סימפּאַטישער ווערט ער געשילדערט אין זיינע שריפטן.

שלום אַש פאַרמאָגט אַן אוצר פון באַגייסטערונג פאַר זיינע העלדן. ער דערגייט אָפט צו אַ מין פּרימיטיוו־נאַאיווער התפעלות, צו אַ מין אַנטפּלעקונג, ווי ער וואָלט געווען דער ערשטער מענטש אין דער וועלט אויסצוגעפינען די מעלות און די חסרונות פון זיינע העלדן. דאָס דערברענגט אים צו אַ סענטימענטאַליטעט, וואָס איז אַזוי יונג און פריש, אַז מען פאַרגעסט אַז דער מחבר איז שוין ניט קיין יונגערמאַנטשיק. פאַר דעם ציניקער וועט דאָס זיין אַ באַווייז, אַז אַש איז נאָך פון „שטעטל" ניט אַרויסגעגאַנגען; פאַרן חסיד איז דאָס דער גרעסטער לויב, וואָס מען קאָן זאָגן וועגן זיין באַליבטן שרייבער.

און ווייל שלום אַש ווערט כסדר באַגייסטערט פון דעם, וואָס איז אים ניי, איז זיין טעמאַטיק, באַטירלעבערוויז, אַזוי פאַרשיידנאַרטיק, ווי דאָס לעבן, אָדער ווי די וועגן פון שלום אַשס נשמה־וואַנדערונגען.

אין 1909 באַקענט ער זיך מיט אַמעריקע און פון דאַן אָן הייבט אַמעריקע אָן פאַרנעמען אַ חשובן פּלאַץ אין זיין שאַפן. עס ווערט געבוירן

די פּיעסע פון אימיגראַנטן־לעבן, „דער לאַנדסמאַן", און זיין „יאָסעלע" אין „קיין אַמעריקע".

מען קאָן זאָגן, אַז זיינע אַמעריקאַנער ווערק זיינען צווישן די סאַמע פּאָפּולערסטע ביים אַלגעמיינעם עולם. ווער האָט דאָס ניט געלייענט „אַנקל מאָזעס", „די מוטער", „טויט־אורטייל", „חיים לעדערערס צו־ריקקער" און זיינע אַמעריקאַנער איינדרוקן?

כדי בעסער צו פאַרשטיין ווי אַזוי אַמעריקע ווערט אָפּגעשפּיגלט אין די ווערק פון שלום אַש, וועט זיין נייטיק זיך צו באַקענען געגויער מיט יעדן ווערק באַזונדער און דאָן ציען אַ סך־הכל.

ביזן היינטיקן טאָג האָבן מיר נאָך ניט אין אונדזער היגער ליטע־ראַטור קיין איין געזונטן ראָמאַן וועגן יידישן אַרבעטער־לעבן. עס איז אויך ניט פאַראַן קיין פאַרטיפטע שילדערונג וועגן היגן געבוירענעם יידן. אונדזער ליטעראַטור פאַרנעמט זיך נאָך אַלץ מיטן אימיגראַנטן־לעבן. דאָס אויסוואָרצלען זיך פון דער אַלטער היים און דאָס איבערפּלאַנצן זיך אין דער נייער היים איז נאָך אַלץ די הויפּט־טעמע פון אונדזערע ראָמאַ־ניסטן און דערציילער. עס איז פאַראַן איין אויסנאַם — אַ. ראַבאַי.

מען קאָן ניט זאָגן, אַז שלום אַשס העלדן זיינען שטאַרק צופרידן אין נייעם לאַנד. דאָס מיינט ניט, אַז זיי האָבן עפּעס, חלילה, צו זייער נייער היים, נאָר אַש גיט אונדז איבער אויף זיין מייסטערהאַפטן אופן וועגן די שווערע באַדינגונגען, וואָס אַ מענטש מאַכט דורך, מער אינערלעך אין דער נשמה, ווי די אויסערלעכע, מאַטעריעלע שוועריקייטן. זיינע העלדן קאָנען זיך ניט צופּאַסן צום נייעם אָרט לעבן. זיי זיינען געקומען פון שטעטל אין דער גרעסטער שטאָט אין דער וועלט; זיי ווילן אָפּט, אַז ניו־יאָרק זאָל זיך צופּאַסן צו לענטשנע און ניט פאַרקערט. אָט די טיפן אינטערעסירן אַשן מער ווי דער ייִד, וואָס האָט זיך פּראָלעטאַריזירט, וואָס איז געוואָרן אַן אינטעגראַלער טייל פון היגן לעבן, וואָס האָט ניט די מינדסטע בענקעניש נאָך זיין אַלטער היים, וועלכע האָט אים געגעבן אַ ביטערע קינדהייט און אַ פאַרשטערטע יוגנט. אָט די אַמעריקע געפינען מיר דערווייל ניט אין אַשס ווערק.

ווען איך שרייב, אַז מיר געפינען זיי ניט, איז דאָס ניט אינגאַנצן ריכטיק. דאָ און דאָרט אין זיינע קורצע און גרעסערע דערציילונגען, אין

זיינע רייזע־איינדרוקן קומען ארויס און פארנייגן זיך פאר אונדז מענטשן, וואס ווילן זיך איינבירגערן אין אמעריקע, אויך אזעלכע, וואס זיינען ממש פארליבט אין היגן לעבן, נאר זיי זיינען ניט קיין טיפיש אשישע העלדן. אש האט זיי ניט אנגעשטעקט מיט דער באגייסטערונג, וועלכע מע געפינט אין זיינע באליבטע, דורכגעפילטע און אויסגעבאוועטע זין און טעכטער.

דער פערטער באנד פון שלום אשס געזאמלטע שריפטן הייסט „אמע־ריקע" (פארלאג „קולטור־ליגע", ווארשע, 1927). ער באשטייט פון 335 זייטן און איז איינגעטיילט אין פאלגנדיקע פיר אפטיילן: קיין אמעריקע; אויפן וועג קיין אמעריקע; אמעריקאנער איינדרוקן; א רייזע אין קאַ־ליפארניע.

עס וועט זיין כדאי זיך אפצושטעלן אי אויף די ריין קינסטלערישע זאכן, אי אויך אויף די רייזע־איינדרוקן און נאטיצן, ווייל שלום אש איז אינטערעסאנט און אריגינעל אין אלץ וואס זיין פען שאפט.

„קיין אמעריקע" איז די געשיכטע פון יינגעלע יאסעלע, וואס איז געקומען אהער און איז דא באלד געשטארבן. יאסעלעס טויט איז מער א סימבאלישער, ווייל זיין מאמע חנה־לאה איז זיכער, אז איצט וועט זי שוין דארפן בלייבן דא.

„און איר האט זיך געדאכט, אז זי מוז שוין דא פארבלייבן אויף דער ערד, — זי האט שוין דא א קבר . . ."

אט דער געדאנק גייט דורך ווי א מין לייט־מאטיוו אין אלע אמערי־קאנער ווערק פון אשן.

מאיר, דער טיפישער פוילישער ייד פון שטעטל — פרום, ארים, אן אויסזיכטן פון פרנסה, קומט קיין אמעריקע, און דא פילט ער זיך „אזוי ווי אן איינזאמער אין א וויסטע" אויף עסעקס סטריט, אין ניו־יארק.

צוויי טראגעדיעס האט מאיר דורכגעמאכט פלוצלינג. ערשטנס, דאס פארלאזן פון שטעטל, און צווייטנס, — „ער, מאיר ר' יאסעלע סאכאטשא־ווערס, וואס די שטאט האט געקלונגען מיט זיין לערנען, א גערער חסיד,— זאל ווערן א העמדל־נייער, ווי סענדערל דער „דאמסקער" שניידער ביי זיי אין שטעטל?"

אש גיט דא איבער ווי עס האבן געפילט טויזנטער ענלעכע מאירס, א דור אימיגראנטן. און ווען מאירס פרוי, חנה־לאה, דארף קומען צום

מאַן אין אַמעריקע, גייט זי זיך פריער געזעגענען מיט די אבות. אויפן גוטן אָרט באַקלאָגט זי זיך באַצייטנס, אַז זי וועט דאָרט אין אַמעריקע ניט האָבן קיין קבר — „ביי וועמען אויפן קבר וועל איך זיך קלאָגן?"

אַש פירט די משפחה איבער דער גרענעץ און דאָ איז אינטערעסאַנט צו פאַרגלייכן דעם דאָזיקן קאַפּיטל מיט שלום־עליכמס ענלעכען קאַפּיטל („מיר גנבענען די גרעניץ", אין „מאָטל פייסי דעם חזנס").

— געלויבט השם יתברך! — האָט חנה־לאה אויפגעהויבן די אויגן צום הימל, — די אבות האָבן זיך געמיט. — ביי אַשן:

— די מאַמע הויבט אויף די הענט אַרויף: „איך דאַנק דיר, גאָטעניו! — און צעוויינט זיך — ביי שלום־עליכמען.

יאַסעלע, דאָס באַליבטע קינד, ווערט ניט אַריינגעלאָזט קיין אַמעריקע צוליב אַ ניט־ריין קעפּל. ביי אַנדערע שרייבער איז דאָס טראַכאָמע, נאָר די טראַגעדיע איז אָפּגעשפּיגלט געוואָרן אין אַ צאָל ווערק.

עלים איילאַנד, דער טרערן־אינזל. די פאַמיליע טרעפט זיך, נאָר יאַסעלע ווערט צוריקגעשיקט, יאַסעלע „דער אַכט־יעריקער ייד".

יאַסעלע ווערט אויסגעהיילט און ער קומט ענדלעך קיין אַמעריקע. זיין ערשטער טאָג אין סקול. די יידישע לערערין, מיס איזאַבעל. דער צוזאַמענשטויס מיט אַ איטאַליענישן יינגל. יאַסעלע קאָן זיך דאָ ניט איינלעבן. ער איז פרום. די ברידער, וואָס האָבן זיך שנעל אַמעריקאַניזירט, וואָס שפּילן באָל און רעדן ענגליש, זיינען אים פרעמד. מיס איזאַבעל דערמאָנט זיך אין איר טאַטן אין רוסלאַנד קוקנדיק אויף דעם קליינעם יאַסעלע. זי קושט אים. און ווען ער ווערט קראַנק, קומט די מיס איזאַבעל אים באַזוכן. יאַסעלע שטאַרבט און די מוטער האָט שוין צוליב וואָס דאָ צו פאַרבלייבן — זי האָט שוין דאָ אַ קבר, פאַרענדיקט אַש.

אַט די מעשה וועגן יאַסעלען איז איינע פון די פּאָפּולערסטע. זי איז אַרויס פאַר די קינדער אין די שולן. פראַגמענטן זיינען אַריין אין די כרעסטאָמאַטיעס. טויזנטער פאַר אויגן האָבן זיך גוט אויסגעוויינט פון דער טראַגעדיע „יאַסעלע".

איז דאָס אָבער כאַראַקטעריסטיש פאַר די יאַסעלעך, וואָס זיינען געקומען קיין אַמעריקע? אָן צווייפל, ניט. ס'איז מער שלום אַשס בענקעניש נאָך דער אַלטער היים, נאָכן שטעטל; ס'איז זיין מיטגעפיל

צו די, וואָס האָבן געדאַרפט איבערלאָזן דאָס איינגעפונדעוועטע, ווי אָרים, ווי צוועקלאָז דאָס איז געווען.

אשם „יאָסעלע" איז געמיינט ניט אויף די אַכט־יעריקע ייִנגלעך, נאָר אויף די אַכציק־יעריקע ייִדן. אַש איז אַ סך טרעפלעכער, ווען ער מאָלט די „צוויי טויטע", וואָס פאַרן אַהיים שטאַרבן, אין „אַנקל מאָזעס". די יאָסעלעך, וואָס זיינען געקומען אין אַלע צייטן קיין אַמעריקע, האָבן ניט געקאָנט, ניט געהאַט צוליב וואָס צו בענקען נאָך זייערע שטעטלעך. ווי מיר ווייסן, האָבן די פרומע יאָסעלעך דאָ געפונען זייערע ישיבות און זייערע שומר־שבתניקעס.

ב

מער ווי אַ העלפט פון בוך „אַמעריקע" איז געווידמעט צו איינדרוקן.

צווישן די וויכטיקסטע קאָנען צוגערעכנט ווערן: „לייבל אין דער היים — לייבל אין אַמעריקע", און „די קינדער פון אברהם".

אין דער אַלטער היים איז לייבל געווען אַ גאַנצער קנאַקער. ער האָט חתונה געהאַט מיט דער רייכער אַלמנה פון אַלטן מלוה. דאָרט האָט ער אַלעמען געבאָרגט געלט און געבלאָזן פון זיך. דערזעלבער לייבל קומט קיין אַמעריקע און דאָ דאַרף ער אַרבעטן ביי מאַטל אַכלאָף, וואָס האָט ביי אים אין דער אַלטער היים געגנבעט וועש פון בוידעם. דאָ איז אַכלאָף דער פרעזידענט פון דער חברה אנשי קרושנעוויץ.

אָט ווי אַזוי אַש שילדערט די סצענע, ווען לייבל דערזעט דעם ערשטן מאָל ביים דאַווענען זיין צוקונפטיקן באָס: —

„באַלד האָט זיך די טיר אויפגעעפנט און עס איז אַריין אַ רונדיק יידל ווי אַ באַל, מיט אַ צילינדער־הוט און מיט צוויי רויטע באַקן און אַן אונטערגעמבע, וואָס פאַרטרעט די שטעל פון אַ באָרד. — ער זעט נישט קיינעם, ער קען נישט קיינעם, צוגעלאָפן צו דער מזרח־וואַנט, אַרויסגעכאַפּט פון טאַש אַ טליתל אַזוי גרויס ווי אַ נאָזטיכל און אַרויפגע־לייגט זיך אויפן קאַרק — מיטן באַפעל: שמש, דאַווענען!

— דאַווענען! דער פרעזידענט איז דאָ.

צום לייענען האָט דער פרעזידענט זיך גענומען אַלע פעטע עליות. ער האָט זיך גענומען דאָס אויסהויבן: שלישי און מפטיר. לייבלען האָט מען אָלס גאַסט מכבד געווען מיט חמישי; ביי דער תורה האָט דער פרע־זידענט לייבלען אָפּגעגעבן שלום עליכם, און אַז לייבל האָט אים געקוקט

אין די אויגן אריין, איז ער געווארן א פארשטיינערטער: ליבל האט דערקענט דעם פרעזידענט מאטל אכלאף.״

ביי אכלאפן אין שאפ האט ליבל דערזען גאנץ קרושנעוויץ. אלע אנגעזעענע מענטשן פון קרושנעוויץ האבן איצט געניים העמדער ביי אכלאפן. „די גאנצע מזרח־וואנט פון קרושנעוויצער שול געפינט זיך שוין ביי אכלאפן אין שאפ.״

ליבל פילאזאפירט פאר זיין ברודער הענעך, וואס ארבעט אויך אין זעלבן שאפ, אז גאנץ קרושנעוויץ איז אפגעשטארבן און דא ווידער גע־בוירן געווארן ביי אכלאפן אין שאפ. אויך ער, ליבל, איז אן אנדער ליבל געווארן, נאר דער ברודער דערקלערט, אז דער צונאמען „ליבל״ פון דער אלטער היים, דעם אויסדרוק פון מענטשלעכן רשעות, שטארבט נים. „אין יעדן פון אונדז איז דא א שטיקל ליבל, ער שטארקט זיך און זעטיקט זיך מיט אונדזער בלוט . . . וואלסטו נאר אביסעלע פעסטער געשטאנען אויף די פיס אין אמעריקע — וואלסטו געזען ווי דער גאנצער ליבל וואלט זיך מיטאמאל אפגעפונען און נאך מיט מער שטארקייט און מיט מער חוצפה, אז עס וואלט געווען א שרעק פאר דיר.״

אין „די קינדער פון אברהם״ פעדערט זיך אש מיט א קליינער פאר־רעדע, אז ער דערציילט די פאלגנדיקע מעשה מיט ניכטערקייט, ווי זי איז פארגעקומען.

איז געקומען א קראנקער ייד אין א שטעטל אין דרום, צווישן שווארצע. געשיקט האט אים אהין א גלח, א מיניסטער מיט א בריוו צום דארטיקן מיניסטער, אז א קינד פון אברהם קומט זיך באזעצן.

„טאמקינסוויל האט נאך נים געהאט געזען א קינד פון אברהם און נים געוואוסט ווי ער זעט אוים, — איז טאמקינסוויל געקומען און געזען, אז דאס „קינד פון אברהם״ זעט אוים ווי א געוויינטלעכער מענטש, גייט אנגעטאן ווי א געוויינטלעכער מענטש און טוט און רעדט ווי איינער פון זיי. האבן זיי זיך זייער געוואונדערט דערויף.״

אלזא, מאריטץ זילבערמאן, דאס ערשטע קינד פון אברהם אין שטעטל, האט זיך ארויפגעארבעט, אראפגעבראכט משפחה, וואס האט אראפגעבראכט נייע משפחות, און עס איז אנטשטאנען א ישוב. האט מען זיך אנגעהויבן ארומרייסן וועגן א שול. דער מיניסטער און די איבעריקע נים־יידן האבן זיך באצויגן גאר סימפאטיש צו די קינדער פון

אברהם און עס איז געווארן שלום על ישראל. מען האט זיך דערמאנט ווי אזוי מען איז אהער געקומען פון פארשיידענע טיילן וועלט.

„און מיר אלע, פון פארשיידענע מקומות, זיינען מיר דא, אין א ווייט, ווייט ארט, וואס מיר האבן קיינמאל ניט געהערט דעם נאמען דערפון — און מיר בויען צום ערשטן מאל א שול פאר גאט פון אברהם — איז עס ניט א גאטס־זאך?"

ביידע איינדרוקן, ווי עס איז צו זען, זיינען אלץ אימיגראנטישע, אנהייב אימיגראנטישע.

אשס רייזע־איינדרוקן פון קאליפארניע לייענען זיך ווי לידער אין פראזע. זיין באשרייבונג פון גרענד קעניאן איז א געזאנג. ער איז פארליבט אין לאס אנדזשעלאס. אין „די פעלקער פון לאס אנדזשעלאס" דריקט ער זיך אויס, אז אמעריקע איז ניט איין מדינה מיט איין ארט מענטשן, נאר אמעריקע איז די וועלט. דער מעקסיקאנער קווארטאל דערמאנט אים אין אן אלטער שפאנישער שטאט, אין א סעוויל. וועגן יידישן ישוב זאגט אש: „דער יידישער ישוב אין דער וועסט הייבט זיך אן מיט שווינדזוכט."

פון יאסעלען פון לענטשנע, ביז סאן דיעגא אין קאליפארניע, איז טאקע א ווייטער מהלך, נאר אש פירט זיי ביידן צונויף אין זיין באנד „אמעריקע". די קאמבינאציע איז כאראקטעריסטיש פאר שלום אשס שאפן.

ג

איינס פון די פאפולערסטע ווערק אין דער מאדערנער יידישער ליטעראטור איז שלום אשס ראמאן „אנקל מאזעס" (געזאמלטע שריפטן, צענטער באנד, פארלאג „קולטור ליגע", ווארשע, 1921, 216 זייטן). עס איז אויך איינס פון זיינע שטארקסטע זאכן. די אידיליע פון היימישן שטעטל ווערט פארוואנדלט אין א טראגעדיע, ווען דאס שטעטל וואנדערט איבער נאך ניו־יארק. קוזמין קלייבט זיך אריין אויף דער באוערי און עסעקס סטריט און דער היימישער גראבער יונג ווערט דא דער מעכטיקער באס, דער נייער פרעה, צו וועמען אלע פון שטעטל, אז אויסנאם, דארפן איצט אנקומען. גאנץ קוזמין נייט הויזן ביי אנקל מאזעס אין שאפ. דא זיצט דער אמאליקער דאזאר פון דער שול, ר' יואל חיים און חיימטשע

דער פעלדשער און איטשע דער שוסטער־יונג און זונדל דער גרויסער פראנט פון קוזמין. אלע נייען זיי הויזן. אנקל מאזעס האט אייסגעגלייכט גאנץ קוזמין. „נישטא מער קיין שיינע באלעבאטים, דאזארעם מיט ארימע בעלי־מלאכות, נישטא קיין תלמידי חכמים מיט גראבע יונגען . . .״

„אנקל מאזעס״ איז א שטיק אמעריקע, א פראדוקט פון גרויס־קאפי־טאליזם. ברוטאל, קרום, אז יושר איז דער אויפגעקומענער באלעבאס, וואס האט זיין שטעטל אהערגעבראכט צו ארבעטן פאר אים אין שאפ אויף דער באוערי. אנקל מאזעס אליין, וואס האט זיך דערווארבן די מאכט פון באלעבאס און עקספלואטאטאר, איז אין דער אמתן פון זעלבן קליינשטעטלדיקן טייג געקנאטן ווי זיינע ארבעטער, די לאנדסלייט. ער האט בלויז איבערגענומען די אמעריקאנער מעטאדן פון לוין־שקלאפעריי, נאר אין דער נשמה איז ער געבליבן שטעקן אין קוזמין.

אמת, שלום אש שענקט אים די פולסטע אויפמערקזאמקייט און זיין גאנצן טאלאנט. זייער זעלטן איז א טיפ אין אונדזער מאדערנער ליטעראטור ארויסגעקומען אזוי בולט ווי אנקל מאזעס. אש פארשטייט אים, דוכט זיך, בעסער ווי ער פארשטייט די ארבעטער. ער מאלט אפט מיט צו צארטע פארבן, ווי עס איז דער שטייגער ביי אשן, ווען עס קומט צו נשמה־גריבלעניש. דאך באקומען מיר א קלאר בילד פון א שיכט יידן, וואס האט דא געגרינדעט די לאנדסמאנשאפט־פאראיינען און וואס האט זיך קיינמאל ניט אמעריקאניזירט.

אפשר איז אין דעם שולדיק געווען דער ריזיקער קאנטראסט פון היימישן שטעטל מיט ניו־יארק, דעם גרעסטן כרך אין דער וועלט. דער אריבערגעקומענער אויסגעהונגערטער און הילפלאזער ייד, וואס האט קיין פאסיק פאר ניט געהאט אין האנט, איז מאמענטאל געפאלן א קרבן צו די אנקל מאזעסעס און ער האט זיי נאך די הענט געקושט פאר דער טובה.

און דאן די שטאט אליין מיט אירע הימלקראצערס, מיט אירע ריזיקע בריקן און אומענדלעכן מענטשן־שטראם; די שטאט אליין האט דעם אימיגראנט געמאכט נידעריקער פון גראז.

אש האט דאס דערפילט און גלייך אין אנהייב פון „אנקל מאזעס״ הויכט ער אונדז אן מיט דער דאזיקער מוראדיקער אטמאספערע.

„די וויליאמסבורגער בריק איז געווען, ווי אן אייזערנער, לעבעדיקער ריז וואלט זיך אויסגעצויגן איבער דעם איסט ריווער און מיט זיינע הענט

און פיס אנגעכאפט די ביידע ברעגן פון טייך. איבער זיין רוקן זיינען געפלויגן, ווי ווילדע אייזערנע חיות מיט אנגעצונדענע קעפ, איין באן נאך דער אנדערער. און די חיות האבן געהאט אין זייערע בייכער איינגעשלונגען טויזנטער און טויזנטער מענטשן, וואס זיינען געשטאנען קעפ אויף קעפ און מיט דערשראקענע געדייצטע אויגן ארויסגעקוקט פון די פענסטערלעך, פון די אייזערנע חיהשע פענסטער־אויגן.״ (ז. 6).

די בענקעניש נאך דער אלטער היים, דאס ניט וועלן אדער זיך ניט קאנען צופאסן צום נייעם סדר פון היגן לעבן איז איינע פון די הויפט־מאטיוון פון אשס אמעריקאנער ווערק. פארוואס אש האט ניט באשריבן דעם אימיגראנט, וואס געפינט אין אמעריקע די אמתע היים, אין וועלכער ער קאן זיך אויסלעבן אויף א פראדוקטיוון און שעפערישן אופן, איז ניט אונדזער אויפגאבע דא, נאר עס איז א פאקט. מעגלעך, אז אש האט זיך נאך ניט געוווינט אייננגעלעבט אין היגן יידישן לעבן; מעגלעך, אז ער האט נאך דעם נייעם אמעריקאנער יידן קינסטלעריש ניט דערפילט, — נאר דער ראשו ורובו פון די פינף מיליאן יידן ווארט נאך אויף זיין שרייבער.

וואס אש האט געטאן און מייסטערהאפט דערגרייכט איז געווען צו שטעלן אן אנדענק דעם אמעריקאנער קוזמין אין „אנקל מאזעס״. דער לאנדסמאן, וואס פארקויפט ניט בלויז זיין גוף, נאר זיין יונגע טאכטער, צו אנקל מאזעסן דערפאר וואס דער אמעריקאנער קרח האט דאס שטעטל באזארגט מיט ארבעט ביי זיך אין שאפ, ארויסגעהאלפן דעם נצרך, געשפילט די ראל פון אן אנקל, געבויט א קוזמינער שול אויף דער איסט־סאיד, אראפגעבראכט נאך לאנדסלייט (כדי צו פארזארגן זיך מיט נאך לוין־שקלאפן) — אט דער לאנדסמאן איז א נעבעכדיק באשעפעניש, וואס איז אין אמעריקע ווייטער ניט אוועק פון זיין שטעטל.

ווי דערמאנט, זיינען ניט אלע לאנדסלייט געווען ענלעך צו אשס קוזמינער. די וואס האבן געבויט די גרויסע יידישע יוניאנס און קולטור־אינסטיטוציעס, די וואס האבן ביינעטראגן צו אמעריקע זייערע בעסטע פייאיקייטן און מי און פארשריבן זייערע נעמען צווישן די אנגעזעענסטע אמעריקאנער, די דארפן ערשט ארייננגעבראכט ווערן אין אונדזער קינסט־לערישער ליטעראטור.

„אנקל מאזעס״ איז א נעגאטיווער טיפ. קאפיטאליזם פלאדיעט אזעלכע נפשות. און די יידן, איבער וועלכע אנקל מאזעס געוועלטיקט, זיינען נאך דא, נאר זיי זיינען די מתי מדבר, וועמעס קינדער זיינען אויפ־

געוואקסן אין דער היגער אטמאספערע און וואס האבן פון זייערע על־טערנס „א קלאג צו קאלאמבוסן” פסיכאלאגיע זיך אפגעזאגט אזוי גיך ווי זיי האבן דערשמעקט די אמעריקאנער לופט.

דערפאר האבן זיי, די עלטערן, די קינדער ניט פארשטאנען און פאר־קערט: דערפאר זיינען פארגעקומען די שטילע נשמה־טראגעדיעס אין די טויזנטער אימיגראנטישע היימען. שלום אש האט אט־די דראמאטישע עפיזאדן פאראייביקט אין זיינע ווערק.

אט ווי ער באשרייבט איינעם פון זיי:

„ער האט אזויפיל זאכן ניט פארשטאנען דא אין אמעריקע און איז געווארן צוגעוואוינט און גארניט מער געפרעגט. דער ייד האט געלעבט די צוועלף יאר, וואס ער איז אין אמעריקע, איינזאם, אליין, אין מיטן קרייז פון זיין פאמיליע. ער האט מיט קיינעם קיין ווארט ניט געהאט אויסצורעדן. ניט נאר זיינען זיינע קינדער דערוויטערט געווארן פאר זיינע אויגן, נאר זיין אייגן ווייב, מיט וועלכער ער האט קינדער געהאט און געלעבט אדורך זיין לעבן, איז אים דא אין אמעריקע פאר־פרעמדט געווארן.” (ז. 28).

און ווער איז געווען אט דער נאר־וואס דערמאנטער ייד? בערל דער חסיד, וועלכער פלעגט זיך קאכן אין קהלשן טאפ, א ייד א ברען, א סופר פון אמאל, געפארן נאך גער צום רבין, א וואוילער לערנער — דאס איז ער? אהרנען האט זיך געדאכט, אז ער האט צוויי ברידער, אז יענער בערל איז געבליבן אינדערהיים, אינם קליינעם שטעטל, און דער דא איז אן איינגעהויקערטער, אלטער קאמאשן־שטעפער, א קלאגעדיקער, צע־בראכענער ייד . . .” (ז. 29).

עס איז קלאר, אז אש פאראידעאליזירט דא דעם שטעטלדיקן יידן. מיר קענען דעם טיפ פון קוזמין, ווען די ביטערע נויט און די ציל־לאזיקייט פון שטעטל האט דערבראכט קיין אמעריקע.

ס'איז אמת, אז אט דער ייד האט דא, צוזאמען מיט זיינע לאנדס־לייט, „מער ניט געוואוסט, ווי נאר איין וועג: אינדערפרי צו דעם שאפ, אין אוונט פון דעם שאפ אהיים.” (ז. 35) נאר עס זיינען אויך אין יענער צייט געווען הונדערטער טויזנטער יידן, וואס האבן געוואוסט פון אנדערע וועגן. יענע יידן האבן אויפגעבויט ניו־יארק און אריינגעבראכט פרייד און זונשיין אין היגן לעבן. אש האט זיי אבער נאך ניט דערזען.

ד

די ביאָגראַפיע פון אָנקל מאָזעס איז טיפיש פאַר אַ סך רייכע יידן.

אָבער ווי אַש באַשרייבט אים, רופט ער ביי אונדז ניט אַרויס דעם ווידערגעפיל, וואָס ער וואָלט באַדאַרפט אַרויסרופן. צו אָביעקטיוו ווערט ער געשילדערט און, דוכט זיך, דאָ און דאָרט שטעקט אַרויס אַ באַהאַל־טענע סימפּאַטיע.

„מיט אונטערגעשלאָגענע זייטן, וואָס די מאַטראָסן האָבן אים געשלאָגן איבערן וועג, און מיט צוויי רובל רוסיש געלט, האָט ער דעם באָדן באַטראָטן — און היינט איז ער מאָזעס מעלניק, דער פאַבריקאַנט פון דער באוועריגאַס, פּרעזידענט פון דער חברה „אנשי קוזמין", באַשעפטיקט האַלב קוזמין ביי דער אַרבעט, די שענסטע יידן פון זיין שטאָט זיינען ביי אים פּרעסערס, שטעפּערס, און זיי ציטערן פאַר אים און זיי חנפענען אים; אַ באַלעבאָס פון הייזער, אין וועלכע די קוזמינער לאַנדסלייט וואוינען ביי זייער לעבן; אַ פאַר בעטלעד טראָגן זיין נאָמען אין שפּיטאָל ביקור חולים, אין וועלכן די קוזמינער יידן ליגן קראַנק, ווען זיי ווערן אַלט, און „מאָזעס מעלניק" פינקלט מיט גאָלדענע בוכשטאַבן איבער דעם טויער פון „שער רחמים", ביים אַריינגאַנג פון בית־עולם, אויף וועלכן די קוזמינער רוען נאָך זייער טויט." (ז. 45).

„עס איז אָבער ניט דאָס געלט, — זאָגט אַש, — וואָס שטעלט אָנקל מאָזעסן צופרידן, ווייל אויך ער, ווי אַלע אין אַמעריקע, איז „איינגעפּערעמט אין דער נאָדל". זיין פּערזענלעך לעבן איז נישטיק. ניט בלויז דערפאַר, וואָס ער איז אַן אַלמן, נאָר ווייל ער האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי צו לעבן, ווייל אויסער די פּיאַיקייט פון עקספּלואַטירן זיינע לאַנדסלייט פאַרמאָגט ער, ווייזט אויס, גאָרניט, אים פעלט ליבע, וואַרימקייט. ער איז איינזאַם. און ווען ער דערזעט ווי אַ קינד נעמט זיך אַן פאַר איר טאַטן, געפעלט עס אים שטאַרק. „אַלעס וואָלט ער אוועקגעגעבן אהרן מעלניקן פאַרן קינד, וואָס נעמט זיך אַן פאַר אים . . ." (ז. 52).

און דער מושל מאָזעס באַשליסט ביי זיך ניט בלויז אָפּצוקויפן די ליבע פון קינד צו איר טאַטן, נאָר אָפּצוקויפן דאָס קינד אַליין. דאָס מיידל, מאַשע, איז איצט פערצן יאָר אַלט און באַלד וועט זי קאָנען ווערן אָנקל מאָזעסעס כלה. פאַר געלט קאָן מען דאָך אַלץ קריגן. און ער פירט אויס. און זיין משפחה, וואָס גיט אים אַוועק די טאָכטער, טוט אויך אַלץ פאַר געלט, כדי זיך צו פאַרלייכטערן די שווערע מאַטעריעלע לאַגע.

אט די קוזמינער לאַנדסלייט זיינען געווען „שטאָלץ מיט אַנקל מאָזעסעס פאַרמעגן". אַז זיי זיינען דורכגעגאַנגען דורך אַ הויז, וואָס האָט געהערט צו אַנקל מאָזעס, האָבן זיי זיך דערמיט געגרויסט, ווי עס וואָלט געווען זייער הויז. (ז. 66.) עס איז צווישן זיי און אים ניט געווען קיין באַציאונג פון אַרבעטער צו אַ באַלעבאָס, נאָר אַ משפּחה־באַציאונג. און דערפאַר האָט מען ניט געקאָנט אָרגאַניזירן קיין יוניאָן־שאַפּ ביי אים. דער אַנקל האָט גוט פאַרשטאַנען ווי אַזוי צו געווינען ביי זיינע לאַנדסלייט.

„נישט ביי מיר, גוטער ברודער. ביי מיר אַרבעט מען נישט שבת, נישט יום־טוב. ביי מיר איז ניט קיין שאַפּ, וואָס מען זאָל דאָ אַריינלאָזן יוניע־לייט. ביי מיר זיינען לאַנדסלייט — משפּחה . . . וואָס וואָלט איר געטאָן אָן מיר? ווער האָט אייך געבראַכט קיין אַמעריקע? צו וועמען זייט איר געקומען נאָך אַ שיפסקאַרטע, נאָך געלט, אַז איר האָט געדאַרפט אייערע משפּחות אַהערברענגען? צו וועמען קומט איר, אַז איר זענט אין אַן אומגליק? — האָט אַנקל מאָזעס זיך צעשריען הויך אויפן קול, אַז די לאַנדסלייט האָבן געציטערט. — צו וועמען קומט איר? אַלעס צום אַנקל מאָזעס, העי? איז עס אַזוי? און ער וויל ביי מיר איינפירן אַ יוניע. נישט ביי מיר, ברודער!" (ז. 67).

עס איז געווען אַ טרויעריקע סצענע, דאָס געזעגענען זיך מיט די „צווייטע טויטע", וואָס זיינען אַהיימגעפאָרן באַגראָבן ווערן אויפן קוזמינער גוטן אָרט, — אַ סצענע, וואָס איז אַ פּערל אין דער יידישער ליטעראַטור, — נאָר די יונגוואַרג, וואָס איז געקומען צו דער שיף, האָט געלאַכט.

און דאָך איז דער אַנקל איינזאַם, זייער איינזאַם. זיין אייגענער פאָטער, וואָס פאָרט אַהיים נאָך קוזמין שטאַרבן און די לאַנדסלייט קומען צו דער שיף זיך געזעגענען מיטן העלד, צעשיידט זיך מיטן זון אויפן פאָלגנדיקן אופן:

„בלייב געזונט, פּרעה מלך מצרים, — האָט ער דעם זון צוגעשריגן,— — און איר, לאַנדסלייט, עבדים היינו, גייט צוריק צו פּרעה מלך מצרים אַרבעטן." (ז. 79).

פאָרט אַ טאַטע אַהיים, שטייט ער מיט אַ מיידל און לאַכט.

„— נאָ, דאָ האָסטו „אַמעריקע". זיי גייט דען עפּעס אָן? זיי וויסן דען פון עפּעס?
— זיי זיינען גאָר פון אַ גאַנץ אַנדערער וועלט, גאַנץ אַנדערע מענטשן, וואָס ווילסטו פון זיי? — האָט די משפּחה זיך געזאָגט." (ז. 80).

ה

מיר האָבן אין „אָנקל מאָזעס" אויך אַן אַמעריקאַניזירטן אימיגראַנט, אַ קוזמינער לאַנדסמאַן. ער האָט זיך דער ערשטער אַרויסגעריסן פון אַנקלס שאַפּ. „ער האָט באַלד דערכאַפּט די אַמעריקאַנער לופט און איינגעזען," אַז אויף קיין ערלעכן אופן וועט ער זיך דאָ ניט אַרויפאַרבעטן. איז ער געוואָרן אַ מין פּאָליטישן, אַ האַנט אין טעמעני האָל. פאַרוואָס עס האָט זיך ניט געפונען קיין איין קוזמינער דאָ אין אַמעריקע, וואָס זאָל זיך דערשלאָגן צו עפּעס רעכטס ביי אַש, איז שווער צו פאַרשטיין. זיכער האָט אַש געזען אַנדערע אימיגראַנטישע יידן, וואָס האָבן מיט זייער שוויים און מי געבראַכט נוצן אַמעריקע און דעם יידישן פאָלק. וואו זיינען זיי אַהינגעקומען אין אונדזער ליטעראַטור?

ווי עס ווייזט אָבער אויס, האָט אַש געוואָלט אַרויסברענגען דעם געדאַנק, אַז בלויז די יוגנט, די וואָס האָט זיך דאָ דערצויגן, קאָן זיך גוט איינלעבן און איינעמען דאָס לאַנד. דערפאַר איז דער צוואַנציק־יעריקער טשאַרלי, וועמעס פאָטער בערל איז אַהיימגעפאָרן שטאַרבן אין קוזמין, צופרידן מיט אַמעריקע. אמת, ער איז אַ סאָציאַליסט. ער וויל אָרגאַניזירן דעם אַנקלס שאַפּ, נאָר ס'איז זיין אַמעריקע, די מאַסע איז זיינע, קוני־איילאַנד איז זיינס, די לופט איז זיינע.

די דריי קאַפּיטלען וועגן קוני־איילאַנד זיינען צווישן די שענסטע פון אַשס אַמעריקאַנער שילדערונגען. דאָ דערפילן מיר אַמעריקע ניט בלויז אין גוף, נאָר אין גייסט. דער זאַמד־ברעג פאַראייניקט די באַפעל־קערונג פון שטאָט. דאָ פאַרגעסט מען, אַז עס איז דאָ שלעכטס אויף דער וועלט, דאָ ווערט מען אָנגעשטעקט מיט אַלגעמיינער פרייד. און גערעכט איז טשאַרלי, ווען ער זאָגט צו מאַשען, „אַז מען זעט אַ ניו־יאָרקער מאַסע, זעט מען די גאַנצע וועלט פאַר זיך." די אַלע אַריבערגעקומענע אַהער פון אַנדערע לענדער האָבן מיטגעבראַכט זייער שיינקייט, זייער ענערגיע, און צוזאַמען וועט געשאַפן ווערן אַ נייע אַמעריקע.

דער יונגער טשאַרלי פילאָזאָפירט וועגן זיינע אימיגראַנטישע על־טערן. ער זאָגט: „אונדזערע עלטערן זיינען אַראָפּגעקומען, זיינען זיי געוואָרן שקלאַפן אין אַמעריקע, און מיר מוזן זיי באַפרייען. מיר זיינען פאַרפליכטעט אַנדערש צו זיי ווי אונדזערע עלטערן." (ז. 133).

טשארלי און מאשע זיינען א פּאסיקע פּאר, נאר דער אלטער אנקל מאזעס ווערט איר חתן, ניט טשארלי. און דער סוף איז, אז סעם, דער אויפזעער ביי אנקל מאזעסן, איז דער אמתער טאטע פון אנקלס קינד. אט אזוי ווי דער אנקל האט אמאל צוגערויבט די ליבע פון אן אנדערן מאן און אונטערגעקויפט דעם מאן מיט געלט, ווייל ער, דער אנקל, האט געהאט א חלק אין יענעמס קינדער, אזוי־א פּאסירט צום סוף מיטן אנקל אליין. סעם ווערט דער נייער פּרעה און דער אנקל ווערט ביי אים די אפּגעשלאגענע הושענא.

אנקל מאזעס האט זיך דאך אין דער אמתן קיינמאל ניט אמעריקאניזירט. ער איז געבליבן אין תוך דער גראבער יונג פון שטעטל. ווען דער אנקל איז אמאל, ווען ער איז נאך געווען דער מושל, אריינגעקומען אין שאפּ אומגעריכטערהייט און געטראפן די לאנדסלייט דערציילן פון קוזמין, האט זיך דער אנקל פארטראכט, א טרויעריקער.

„א מינוט האט ער געקלערט. אפשר וואלט גאר בעסער געווען צו באפרייען קוזמין און אליין אהיימפארן צוריק אין קליינעם שטעטל און ווערן דער גרעסטער נגיד, מיט שבת, מיט יום־טוב — מיט צוויי גרויסע בולאנעס, ווי ר' יצחק דער אקסן־סוחר, זיין באלעבאס, האט געהאט, און צו לעבן דאס אלטע יידישע לעבן, וואס ער האט געדענקט פון זיין קינדהייט." (ז. 150).

און ווען דער אנקל איז שוין געווען אינגאנצן אן איבעריקער, אן אויסגעשפּילטער, פלעגט ער ליב האבן אריינצוקומען אין שאפּ און רעדן פון קוזמין.

טשארלי האט אויסגעפירט און עס איז געקומען צו א סטרייק פון די קוזמינער לאנדסלייט ביי אנקל מאזעסן אין שאפּ. אין זיין אייגענער שול האבן די סטרייקערס אפּגעהאלטן זייערע מיטינגען. דאך האבן די לאנדסלייט ניט געוואגט צו סטרייקן אזוי לאנג ווי ער איז געווען אן „אינוויניקסטער מענטש", נאר זינט דער אויפזעער סעם איז געווארן זייער באס, האבן די ארבעטער געהאלטן, אז זיי מעגן שוין. אזוי טייטשט דאס אוים שלום אש. מסתם זיינען געווען סיבות, וואס וואלטן די ארבעטער ארויסגערופן אין סטרייק אפילו ווען אנקל מאזעס וואלט געווען דער איינציקער באלעבאס. משמעות, אז אשם גוטהערציקייט צו אנקל מאזעסן האט אים ניט דערלאזט דאס טאן . . .

צווישן אנקל און סעמען קומט פאר אן איבעררייד. דער אנקל דער־לאזט ניט שלאגן די סטרייקערס. סעם הייסט זיך אים ניט מישן אין זיינע ביזנעס. מאשע סימפאטיזירט מיט די סטרייקערס. זי ברענגט אירע פערל צו זיי, נאר זיי נעמען דאס ניט אן. זי סטרייקט אויך. זי רעוואלטירט. זי דערקלערט אים, אז ס'איז ניט זיין קינד. און דא קומט דער סוף צו דער אנקל מאזעס דינאסטיע.

„אנקל מאזעס" וועט בלייבן אין דער יידישער ליטעראטור ווי אן אפשפיגלונג פון א געוויסן פעריאד אין יידישן לעבן פון אמעריקע. ס'איז א שטיק אמעריקע, א ווינקל פון לאנד און אירע פירונגען.

ס'אז בלויז פארדריסלעך, וואס אונדזער היגע ליטעראטור איז פול מיט נעגאטיווע טיפן פון יידישן לעבן, וואס האבן געשפילט נאר א קליינע ראל. דער אמתער בייטראגער צום לאנד דארף ערשט געפינען א תיקון אין דער ליטעראטור.

ו

וועו א זון איז געפארן קיין אמעריקע און אין א צייט ארום געשיקט

שיפסקארטן נאך טאטע־מאמע און ברידער און שוועסטער, איז דער געפיל ביי די איבערוואנדערער געווען א זיכערער, א לויטערער. אנשל און שרה רבקה מיט זייערע קינדער פארן קיין אמעריקע, ווייל זייער בכור שלמה חיים האט זיי אלעמען געשיקט שיפסקארטן און גע־שריבן גוטע בריוו. די נויט איז אין שטעטל קרושנעוויץ געווען גרויס, נאר אנשל איז געווען א ייד א טרוימער און תמיד געבויט לופט־שלעסער. דער עול איז געפאלן אויף דער ווייב. אירע געטרייסטע פריינט זיינען געווען די טעפ פון קיך. אין זיי האט זי געפונען אן אייביקן קוואל פאר וועטשערע. זי האט תמיד געקאנט „מעלקן" אירע טעפ. זי האט זיי גע־געבן וואסער און זיי האבן איר צוריקגעגעבן מאכלים מעדני מלכים. איין סגולה האט זי געהאט צו די טעפ — א קרעכץ. די טעפ האבן זיך ווי צוגעהערט צום קרעכץ און ארויסגעגעבן פון זיך דאס ביסל בידנע חיונה.

מיר באקענען זיך מיט דער אנשל־משפחה אין אש'ס ראמאן „די מוטער" (געזאמלטע שריפטן, פערצנטער באנד, פארלאג קולטור־ליגע, ווארשע, 1925, 407 זייטן). נאך בעת דער זון האט געוואוינט אין

שטעטל און געזאמלט געלט אויף א שיפסקארטע, האט דער פאטער זיינער ארויסגעקוקט אויף דעם גרויסן מאמענט. ניט איינמאל האט ער דעם זון געפרעגט ביים עסן:

— נו, מיין זון, ווען לייזט דו אונדז שוין אויס פון גלות? ווען פארסטו שוין אראפ קיין אמעריקע און נעמסט אונדז אלע אהין? (ז. 25).

און ווען דער גרויסער מאמענט איז געקומען און מען האט זיך געפאקט אין וועג אריין, איז דאס הויפט־פראבלעם ביי דער מוטער געווען — די טעפ. אמת, ניט בלויז האט זי געוואלט די טעפ מיטנעמען קיין אמעריקע, נאר יעדע כלי, יעדעס שטיקל מעבל איז איר געווען טייער און איינגעוואקסן אין הארצן.

ניט אומזיסט נעמט אש א ביבלישן טאן, ווען ער באשרייבט אנשלס אויסוואנדערונג. נאכדעם ווי מען האט זיך שוין געהאט געזעגנט מיט אלע טייערע אויפן גוטן ארט, איז אנשל מיט זיין הויזגעזינט „גרייט געווען צו פארלאזן די אלטע היים, וואו ער און זיינע עלטערן און זיינע עלטערנס עלטערן זיינען געזעסן פון דורות און אויסצואוואנדערן אין א ווייטער און פרעמדער מדינה, וואס ליגט איבער וועלדער און ימים; וואו זיין זון איז פאראויסגעגאנגען פאר אים אויסצושפירן, אויב עס איז דא אין יענעם לאנד ברויט צו עסן, ווארים אין זיין לאנד איז געווען א הונגער . . .” (ז. 102).

דער פאקט, וואס אויף זיי האט געווארט אין עליס איילאנד זייער זון, האט שוין לייכטער געמאכט די לאגע. די מאמע האט געזאגט, אז אמעריקע איז ליכטיק געווארן אין אירע אויגן און זי האט זיך אויפגעהערט שרעקן.

נאר באלד קומט די גרויסע אנטוישונג. אט די אנטוישונג געפינען מיר אין אלע אשס אמעריקאנער ווערק. די אנטוישונג פון איבערבייט. אמעריקע איז ניט דער גן־עדן, וואס מען האט זיך פארגעשטעלט. ניט בלויז קומט דא אויס צו לעבן אין ארימקייט, נאר אלץ איז אזוי גרויזאם פרעמד, ערגער ווי עס איז געווען אין דער אלטער היים. דער אימיגראנט וויל זיך ניט ענדערן, נאר ער וויל, אז דאס לאנד זאל זיך צופאסן צו אים. און אמעריקע וויל זיך ניט צופאסן.

אנשל און זיין משפחה זיינען אריינגעקומען אין דער געדיכטסטער ענגשאפט, מיטן רעש פון עלעווייטעד איבער זיי, מיט ריחות פון די רור־

מענישע מאכלים פון דעם רעסטאָראַן דערנעבן. אמת, דאָ איז קעלער איז געווען אַ קראַן מיט פליסנדיק וואַסער. מער וועט מען ניט דאַרפן שלעפן וואַסער פון פּלימפּל. דאָ איז פאַראַן גאַז און אַנדערע באַקוועמלעכקייטן. נאָר וואָס קומט אַרויס? אַנשלס טאַלאַנט אַלס אַ בעל־קורא האָט דאָ ניט אַנגערירט. זיין לייענען האָט ביי די לאַנדסלייט ניט אויסגענומען און דער בעל־קורא פון דער גרויסער סלאָוונער שול מוז ווערן אַ העמדל־נייער.

די מאַמע האָט געוואָלט אַפּראַטעווען דעם בעסטן לערנער פון אירע זין, יונה גדליהו, פון אַמעריקאַנער פייער, וואָס האָט דאָ איבערגעקאָכט איר משפּחה. „עס איז געווען אַ שאָד דער גוטער קאָפּ פאַר דער אַמעריקאַנער שול״, און זי האָט פאַר אים געזוכט אַ ישיבה.

שלום אַש פאָלגט נאָך טריט ביי טריט די מוטער און איר הויזגעזינט דאָ אין אַמעריקע. פיר חדשים איז מען שוין דאָ געווען אַרומגערינגלט מיט מיליאָנען מענטשן, „ווי אַ פלאַנץ, וואָס איז אויסגעריסן געוואָרן פון אַ ישוב און איז פאַרטראָגן געוואָרן אין אַ וויסטן מדבר.״

דער זון, וואָס האָט זיי געבראַכט קיין אַמעריקע, קלייבט זיך אַרויס פון זייער דירה. ער האָט חתונה. די טאָכטער, וואָס איז נאָך אין דערהיים באַקאַנט געוואָרן מיט אַ סאָציאַליסט, וויל אין קיין ניט־יוניאָן־שאַפּ ניט אַרבעטן. די מאַמע פרוווט פאַרשטיין דאָס היגע לעבן. זי סימפּאַטיזירט מיט די קינדער, נאָר די נויט וואַקסט. איר קומען צוהילף די היימישע טעפּ, וואָס האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו באַזיצן אין דער נייער היים די זעלבע גוטע סגולות פון דער אַלטער היים. אויך האָט איר צווייטער זון, משהלע אַקס, וואָס האָט איצט געהייסן מאָזעס לעבן, איר אַהיימגעבראַכט פעקלעך שפּייז, זינט ער האָט געאַרבעט אין אַ גראָסערי. די צרה איז געווען מיטן דירה־געלט. אין דערהיים, ווען אַ באַלעבאָס האָט געסטראַשעט מיטן „קאָמאָרניק״, האָט מען אים געגעבן מסור און ער איז פאַרשאָלטן געוואָרן אויף קינדס־קינדער. דאָ ווייזט מען איר דעם זייגער, אַז ביז דריי נאָכמיטאָג, איידער דאָס געריכט פאַרמאַכט זיך, האָט זי צייט צו באַצאָלן דעם פולן רענט.

אַנשל דער בעל־קורא קאָן זיך נאָך אַליין ניט צוגעוואוינען צו דער ירידה פון זיצן אין שאַפּ צוזאַמען מיט איטאַליענישע שיקסעס. דאָך, ווען ער פאַרטיפט זיך אַמאָל אין זיין לאַגע, קומט ער צום באַשלוס, אַז ס׳איז גאָרניט אַזוי שרעקלעך. עס דוכט זיך אים, אַז ער איז גאָר אַן אַנדער

אנשל געווארן דא, א בעסערער, א שענערער, אן ערלעכערער, ווייל וואס איז ער דען געווען אין דערהיים? א ליידיקגייער, א פוסט־און־פאסניק, וואס האט גארניט ניט געטאן, נאר ער האט זיך ארומגעדרייט אין גאס... „און דא, אז איך ניי דאס העמד, ווייס איך, אז א מענטש וועט עס טראגן. הייסט עס דאך, אז איך ברענג א נוצן דער וועלט מיט מיין ארבעט. הייסט עס דאך, אז איך בין א ניצלעכע זאך אויף דער וועלט. איך עס ניט בחינם מיין ברויט. דאנק איך און לויב גאט, וואס ער האט מיך געמאכט פאר אן ארבעטער.״ (ז. 165).

איז שוין, דוכט זיך, גוט, האט אבער אנשל דורכדעם פארשעמט זיין זון דעם חתן, וואס האט געהאט איינגערעדט דער כלה און די מחותנים, אז זיין פאטער אנשל איז א „רעוורענד״. די טאכטער דבורה גייט אין נייט־סקול און די לערערין איזאבעל (יאסעלעם לערערין?) פאר־אינטערעסירט זיך מיט איר און דערפון קומט ארויס א לאנגע געשיכטע, ווי מיר וועלן עס שפעטער זען.

אש פירט דבורהן (און אונדז) אריין אין דער געזעלשאפט פון דער איסט־סאידער אינטעליגענץ. א דיכטער, א יוניאן־בעאמטער, א פידלער, א פריילעכע געזעלשאפט. זי באקענט זיך מיטן סקולפטאר בוכהאלץ. די קינסטלער גלויבן אין רעכט אויף הונגערן. זיי ציען דבורהן אריין אין אן אנדער אטמאספערע. זי פארברענגט אויף א פריילעכן אופן, נאר ווען זי קומט שפעט ביינאכט אהיים אין קעלער, האט זי געטראפן איר מוטער ביים סינק וואשן די וועש, וואס אירע קינדער דארפן אנטאן מארגן פרי.

די מוטער איז די, וואס טוט די הויפט־ארבעט און זי איז די ערשטע אוועקצופאלן. דאן דערזעט זי, אז זי איז ניט איינזאם. אירע שכנות זארגן זיך פאר איר. זיי ראמען אויף דאס הויז. זיי גרייטן צו עסן פאר די מאנסבילן.

ז

און אט איז די טאכטער פארשוואונדן אויף גאנצע וואכן און די מאמע האט דערפון געהאט עגמת נפש, נאר אמעריקע איז אזא לאנד, אז ווען א מיידל גייט אוים מיט א בחור, מישן זיך די עלטערן ניט אריין, דערקלערט דער עלטערער ברודער. וואלט עס דער מוטער ניט געארט, נאר זי זעט, אז איר דבורה גייט ארום אן א רעכט קליידל אויף זיך, אן א פאר

נייע שיך, אנגעטאָן אין שמאַטקעס, אין שטיקלעך און ברעקלעך. די מאַמע ווייסט ניט, אַז זי פירט אַ ליבע מיטן סקולפּטאָר בוכהאָלץ, אַ מאָדנער נפש. אָבער די לערערין איזאַבעל האַלט, אַז ער איז אַ גרויסער טאַלאַנט, נאָר די מיליאָנערן גיבן אויס געלט אויף אייראָפּייאישער קונסט און די אייגענע קינסטלער לאָזן זיי אויסגיין פון הונגער.

אַז חופּה וקדושין איז דבורה אַוועק לעבן מיט בוכהאָלצן, און די מאַמע קומט צו איר און פרעגט: — פאַרוואָס קומט דאָס מיר? וואָס האָב איך דיר אַזעלכעס געטאָן, מיין קינד? איך האָב געמיינט, אַז איך וועל די זכיה האָבן דיך צו פירן אונטער דער חופּה מיט מיינע אייגענע הענט.

— איך האָב ניט געקענט אַנדערש, מאַמע, — זאָגט דבורה, קוקנדיק ערגעץ אין אַ זייט.

די מוטער קאָן דעם צער ניט אַריבערטראָגן. ווען זי זעט נאָכאַמאָל די טאָכטער און עס געלינגט איר ניט אַרויסצוקריגן קיין ענטפער וועגן איר חתונה, קומט זי צום פאָלגנדיקן אויספיר: „מיין קינד, איך פאַרשטיי ניט מער די וועלט. איך האָב אויפגעהערט צו פאַרשטיין, איך פאַרשטיי ניט מער. עס איז צייט, אַז איך זאָל שטאַרבן” (ז. 276).

די מוטער איז קראַנק געוואָרן און מען האָט זי אין אַן אַמבולאַנס אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל, און ווען מען האָט זי דורכגעטראָגן דורך דער קיך, איז איר בליק געפאַלן אויף די טעפּ. עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז „זיי בלישטשען און בלאַנקען ווי נאָך קיינמאָל נישט.”

ווען דבורה קומט צו דער מאַמען אין שפּיטאָל, איז זי די איינציקע פון די קינדער וואָס וויינט ניט. קיינער האָט זיך אויף איר ניט אומגעקוקט און קיינער האָט מיט איר ניט גערעדט. זי פילט זיך אָבער ניט שולדיק אין גאָרניט.

די מוטער שטאַרבט. די קינדער זעצן זיך אַריין אין קאַטש, נאָר בלויז אַנשל גייט נאָך אַנגעלענט מיט די הענט אויפן אָרון „און די מענטשן, וועלכע זיינען דורכגעגאַנגען און געזען דאָס טאָג־טעגלעכע בילד פון אָרון מיט איין־איינציקן יידן הינטער אים, איז גאָרניט איינגעפאַלן, אַז דאָס פירט מען אַ גרויסן העלד צו זיין אייביקער רו.” (ז. 294).

שלום אַש זעט אין דער פרוי די אייביקע מוטער, און דבורה, וואָס פאַרשווענגערט פון סקולפּטאָר, ווידמעט זיך דאָך אינגאַנצן צו אים, כדי

ער זאָל קאָנען פרײַ אָנגײן מיט זײַן אַרבעט. זי, די מוטער, איז בײַ אַשען די שטענדיקע געבעריין און ניט קיין נעמעריין. אַט־אַזוי ווי שרה רבקה האָט איר לעבן אַוועקגעגעבן פאַר אירע קינדער און וועגן זיך קיינמאָל ניט געטראַכט, אַט־אַזוי איז איר טאָכטער דאָ אין אַמעריקע גרייט אַלץ אַוועקצוגעבן, כּדי איר מאַן זאָל דערפון געניסן.

און ער, דער סקולפּטאָר בוכהאַלץ, ווען ער האָט אויסגעפונען, אַז זײַן דבורה האָט פון זיך דאָס צוקונפטיקע קינד אָפּגעטריבן, כּדי עס זאָל אים ניט פאַלן צולאַסט, האָט פיבערהאַפטיק געשאַפן זײַן קונסטווערק „די מוטער", וואָס האָט אַרויסגערופן שאַרפע קריטיק בײַ זײַנע קאָלעגן. נאָר ער און דבורה האָבן זיך גוט פאַרשטאַנען. ער האָט די פיגור אַוועק־געדרוקט און זי באַהאַלטן, ווי מען באַהאַלט פון פרעמדע אויגן עפּעס אייגנס, אינטימס, און ער האָט געזאָגט צו דבורהן: — „דאָס איז פאַר קיינעם ניט באַשאַפן, נאָר פאַר אונדז אַליין."

די מיס איזאַבעל, וואָס איז ניט גלײַכגילטיק צום סקולפּטאָר, העלפט אים ווערן באַרימט. זי פאַראינטערעסירט אַ באַוואוסטן קונסט־קריטיקער מיט זײַנע ווערק. אַ דאַנק יענעמס אַרטיקל ווערט בוכהאַלץ פּאָפּולער. עס קומען צו אים אין סטודיאָ אַרײַן מבֿינים און מעצענאַטן. די סקולפּטור „מוטער" נעמט אויס. בוכהאַלץ באַקומט דאָס גרויסע געווינס, נאָר דבורה אַרבעט נאָך אין שאַפּ. בוכהאַלץ דאַרף מאַכן סקאַנדאַלן, אַז זי זאָל אויפהערן. זי פילט אָבער, אַז מיס פוירסטער האָט בוכהאַלצן מער נענגעבן ווי זי און זי ווערט טרויעריק און איר האַרץ שרעקט איר, אַז זי איז אַן איבעריקע. זי דערקלערט אָפּנהאַרציק איזאַבעלן, אַז בוכהאַלץ דאַרף מיט איר פאָרן קיין פּאַריז, ווײַל זי פאַרדינט זיך דאָס.

דבורה פילט אינסטינקטיוו, אַז מיס פוירסטער (איזאַבעל) באַלאַנגט מער צו בוכהאַלצן ווי זי און דערפאַר וויל זי אָפּטרעטן. זי וויל צו דער „פּאַרטי", וואָס מיס פוירסטער מאַכט לכּבֿוד בוכהאַלצס דערפאָלג, ניט גיין.

עס קומט פאָר אַ נשמה־געראַנגל צווישן בוכהאַלצן, מיס פוירסטער און דבורהן. נאָר ס'איז דבורה וואָס ווערט באַהערשט פון איר אייביקן מוטערלעכן געפיל. ער דאַרף זי מער ניט האָבן. ער דאַרף האָבן מיס פוירסטער פאַר זײַן דערפאָלג. זי וועט מיט אים אַרומפאָרן אין אייראָפּע. זי וועט וויסן ווי אַרומצוגיין אַרום אים. דבורה זאָגט עס בוכהאַלצן אָפּן און ער ווייגט, דאָס גרויסע קינד. ער האָט מיטלייד מיט דבורהן, נאָר

עס ציט אים צו דער מים פוירסטער. ער וועט לויפן צו דער מים פוירסטער אַנזאָגן, אַז אַז דבורהן וועט ער אין איראָפּע ניט פאָרן, נאָר דבורה הערט אים אויס גוטמוטיק. ווען ער איז אַרויס פון שטוב, פּאַקט זי אירע פּאַר זאַכן און זי פאַרלאָזט אים.

אַש ענדיקט „די מוטער" מיט פאָלגנדיקע שורות: „און זי איז ערגעץ אַנדערשוואו אַוועק צו דערפילן די פאַרבאָרגענע פליכט, וואָס זי טראָגט אויף זיך, אַ ירושה פון אירע מוטערס . . ."

זי גייט צוריק צו איר פאָטער דעם אַלמן אויפפּאַסן אויף זיינע קליינע קינדער.

דבורה האָט זיך צום באַהעמע־לעבן ניט געקאָנט צופּאַסן. אין איר איז געבליבן די ירושה פון איר מוטער, דער אייביקער געבערין.

ח

דער מענטש קאָן זיך ניט איבערפּלאַנצן, ער באַלאַנגט צו דער ערד וואָס האָט אים געזויגן. אָט דער איינדרוק באַקומט זיך, ווען מען לייענט אַשס אַמעריקאַנער ווערק. איבערהויפּט איז דאָס חל אויף דעם עלטערן דור. דער יונגער מענטש, וואָס יינגער ער איז, קאָן זיך צופּאַסן צו די נייע אומשטענדן, הגם ער איז ניט אינגאַנצן זיכער מיט זיך. דאָ און דאָרט וואַקלט ער זיך, ווי זיינע פיס וואָלטן געווען צו שוואַך צו באַטרעטן דעם נייעם באָדן.

נאָך אַן איינדרוק: דאָס נייע לאַנד, דאָס נייע לעבן קוקט תמיד פון דער ווייטן אויס אַ סך לאַקערדיקער ווי אין דער ווירקלעכקייט. טעאָרעטיש איז אַמעריקע אין אַשס ווערק אַ וואונדערבאַרע מדינה. דאָ קומען זיך צונויף פעלקער פון דער גאַנצער וועלט, ברענגען אַריין זייערע קולטורן, באַרייכערן דאָס לאַנד מיט זייערע אינערלעכע אוצרות; עס ווערט געבוירן דער צוקונפטיקער קאָסמאָפּאָליט. אין דער אמתן אָבער, ווען אַש נעמט מאָלן די טיפּן, וואָס געפינען זיך דאָ, זעען מיר ניט, אַז די טעאָריע זאָל שטימען מיט דער ווירקלעכקייט. דאָס לעבן דאָ ווערט ברוטאַל, אָפּט זינלאָז, באַנאַל, אָן אַ נשמה, אָן טראַדיציעס און שיינקייט.

אין זיין פּראַכטפולער דערציילונג „אויף אַ שיף" (געז. שריפטן, 20־טער באַנד, קולטור־ליגע, 1928) שילדערט אַש פאַרשיידענע נאַציאָנאַ־

ליטעטן, וואס קומען קיין אמעריקע. זיי האלטן זיך אפגעזונדערט איינער פון אנדערן; אז צוטרוי; אונטערשייד פון שפראכן, גלויבנס, מנהגים, קולטורן. צוזאמען פארן זיי אבער אויף איין שיף, צום זעלבן לאנד. עס שטייט זיי פאר די זעלבע געפאר פון קאמף פאר עקזיסטענץ. זיי וועלן זיך אלע דארפן צופאסן צום נייעם לעבנס־שטייגער. אלע ווערן מסתם באהערשט פון די זעלבע דאגות וועגן איינאָרדנען זיך אין אמעריקע.

וואס טוט אש? ער געפינט א טרייסט פאר די אלע וואגלער. צווישן די אימיגראנטן געפינט זיך אויך א זון פון אייביקן וואגלער — א יידל. ער איז אבער שוין אן אמעריקאנער און ער פארט איצט, פון א לוסט־רייזע מסתם, צוריק אהיים אין אמעריקע. מיט אים געפינט זיך זיין טאכטער, וואס איז אינגאנצן אן אמעריקאנעריןז. און בשעת די אנדערע אימיגראנטן, די דייטשן, די פאליאקן, די איטאליענער, פילן זיך אנטמוטיקט, דערשראקן — טאנצט די אמעריקאנער יידיש מיידל דזשעז און זי רופט אלעמען צום טאנץ. און איר פאטער, דאס קאמיש יידל, „דער דיניטשקער מיטן דיקן בייכל", ווערט דער בעל־תכלית, יעדנס בעל־תכלית. ניט בלויז געפינט ער טרייסט פאר די אומדערפארענע אימיגראנטן, נאר ער באזארגט שוין באצייטנס, דא אויף דער שיף, יעדן איינעם מיט א פאסיקער פרנסה.

„פאר די דייטשע עמיגראנטן האט ער געפרואווט אויסמאלן זייער לעבן אין דער ווייטער וועסט, אויף די פעטע פעלדער. אפילו פארן שפאנישן אקס־קעמפער האט ער געפונען אן ארט אין א רייכן וואדעוויל.

„אזוי האט ער אראפגעקייקלט די שטיינער פון די הערצער, די שווערקייט פון די געמיטער, וועלכע האבן זיך געלייגט אויף די פאסאזשירן."

און עס איז דאס יידל מיט זיין זינגענדיקער און טאנצנדיקער טאכטער, וואס בלאזט אריין א ניי לעבן, א זיכערקייט אין די הערצער און אין די געמיטער פון די וואנדערער. אלע ווערן דורך זיי ביידן אריינגעצויגן אין טאנץ. אלע זינגען זייערע אייגענע לידער. און דער ייד אילוסטרירט דורך דעם צו אז עכטן אמעריקאנער, וואס געפינט זיך אויף דער שיף און וועלכן ער האט גלייך באטיטולט „גאווערנאר", אז אט די פרעמדע זיינען א ווערטפולער בייטראג צו אמעריקע.

„נו, זאגט אליין יור האנאר, — זאגט דאס יידל צום אנגעבלאזענעם יענקי — אט זיינען מיר מענטשן פון פארשיידענע ערדן, פון פארשיידענע לענדער, מיט פארשיידענע שפראכן, געטראפן זיך צופעליק אויף איין

שיף, ווי מיר וואָלטן זיך פון אייביק געקענט. און מיר לעבן אַלע צוזאַמען ווי איין משפּחה. מיר רעדן פאַרשיידענע שפּראַכן און מיר פאַרשטייען זיך איינע די אַנדערע. מיר הערן פאַרשיידענע לידער און מיר האָבן זיי ליב צו הערן. מיר זעען פאַרשיידענע טענץ און מיר האָבן זיי ליב צו זען — מיר זיינען אַלע ווי ברידער און שוועסטער. פאַרוואָס קאָנען מיר ניט זיין אויף דער טריקעניש, ווי מיר זיינען עם אויפן ים?"

„ווייסט איר וואָס איך וועל אייך זאָגן, גאָווערנאָר, דער ים פאַראייניקט אונדז — די ערד צעשיידט אונדז."

די אויבנדערמאָנטע קורצע דערציילונג איז סימבאָליש. דער ייד איז דער, וואָס לערנט דעם אימיגראַנט און דעם יענקי צוגלייך ווי אַזוי זיך איינצולעבן צוזאַמען. דער ייד, דער אייביקער וואַנדערער און זוכער פון תּכלית פאַר זיך, איז דאָ דער בעל־תּכלית פאַר יעדערן.

ט

שלום אַש האָט אויך באַמערקט דעם יידישן פאַרמער אין אַמעריקע, נאָר ער האָט אים קינסטלעריש ניט באַנומען, ווי, למשל, א. ראַבאָי. אין זיין לאַנגער דערציילונג „דער רוף פון שטאָט", וואָס פאַרנעמט 90 זייטן, פילט זיך אַ געמאַטערטקייט אין דער טעמע. ברוך מרדכי איז געוואָרן אַ פאַרמער. די ווייב איז קעגן אים. דער זון, וואָס האָט זיך פאַקטיש אויפגעהאָדעוועט אויף דער פאַרם, האָט חתונה געהאַט מיט אַ שטאָטישער מיידל און זי צווינגט אים אויפצוגעבן די פאַרם און דער יונגערמאַן פאָרט אַוועק זיך באַזעצן אין שטאָט און די פאַרם בלייבט איבער ביים אַלטן פאָטער, וואָס האָט תּמיד געטרוימט, אַז דער זון וועט ווערן דער באַלעבאָס פון דער ערד.

אין זיינע „אַמעריקאַנער דערציילונגען" (געזאַמלטע שריפטן, פינפטער באַנד, אַרויסגעגעבן פון שלום אַש קאָמיטע, ניו־יאָרק, 1923, פון זייט 98 ביז 292) באַקענט אונדז אַש אויף אַ סקיצירטן אופן מיט דער יידישער היים אין אַמעריקע. מען קאָן ניט זאָגן, אַז דאָס היגע לעבן נעמט אויס ביי אַשן, אין זיינע ווערק. פאַרקערט. אין דער לענגערער דערציילונג „דאָס נייע לעבן" איז דאָס לעבן ניט ניי און ניט קיין לעבן. די יונגע יידישע אימיגראַנטן פאַרשעלטן זייער געביין, וואָס זיי דאַרפן אָפּגעבן זייער יוגנט דעם שאַפּ, וואָס זויגט פון זיי אויס זייער פרישקייט. די דיסקוסיעס וועגן אָרים און רייך, דאָס אַריינברענגען אַז אַמעריקאַנער־

געבוירענעם יונגענמאן, א פארמעגלעך זינדל, וואס וויל שפילן א ראמאנס מיט דער שיינער אימיגראנטקע, לאזט אויף דעם לייענער נישט איבער קיין געווינטשטן איינדרוק און מעגלעך עס בלייבט בכלל קיין איינדרוק ניט. די זאך איז געשריבן געווארן אין 1913, אין פראנקרייך. אַש, ווי אַלע אַנדערע שרייבער פון זיין צייט, זיינען צערודערט געווארן פון די ענדערונגען און קאמפן, וואס דער יידישער אימיגראנט האט דאַ געדאַרפט דורכמאכן, און דערפאר איז דער טאָן אין די דערציילונגען געווען אַ פּעסימיסטישער.

אין דער דערציילונג „נאטהינג, באט ביזנעס" שילדערט אונדז אַש דעם טיפּ אמעריקאַנער יידן, וואס דער טיטל אַליין דערציילט שוין אַלץ וועגן אים. ער ווייס ניט פון קיין ליבע, פון קיין צערטלעכקייט, פון קיין ווייב אדער קינד, נאָר ביזנעס — און די ביזנעס איז אַפּשטויסנדיק. „און אפילו די לויה איז געווען „גארנישט נאָר ביזנעס": מען האט זיך געדונגען מיט דער סאסייעטי וועגן קרקע, און מיט דעם אַפּיס, וואס האט פאראנשטאַלט די לויה, האט מען זיך געדונגען וועגן פּרייז, און אפילו מיט די מעמבערס פון דער חברה, וועלכע האבן געדאַרפט מיטגיין מיט דער לויה, האט מען זיך געדונגען וויפל צו באצאָלן." (ז. 156.) ס'איז א שניידנדיקע סאטירע אויפן היגן לעבן. גלייך נאך דער דערציילונג פאלגט נאך א מעשה וועגן א פרוי, וואס האט דאַ אויסגעגעבן אירע קינדער און דאך זיך ניט געקאנט צופּאסן און זי איז צוריקגעפאָרן אהיים אין שטעטל („אַ צעפּירטע הויז"). פּעסימיזם ווייט אויף אייך אויך פון דער דערציילונג „אַ פאַרשוואונדענער מאַן", וואָס פאַרלאָזט די ווייב מיט די קינדער, ווייל ער קאָן מער ניט פאַרטראָגן דאָס לעבן פון אַ שאָפּ־אַרבעטער אין ניו־יאָרק. אַזוי אויך מיט די אַנדערע זאַכן אין דער סעריע. דאָרט וואו אַש ווערט לירישׁ און זוניק („מילד", „שטיל, אַ מענטש ווערט געבוירן") איז דאָס אין אַזעלכע טעמעס, וואָס זיינען ניט אַמעריקאַניש, כאָטש זיי זיינען אַריין אין דער אַמעריקאַנער אָפּטיילונג.

ו

דאָס לעבן פון צווייטערליי יידישע אימיגראַנטן גייט דורך אין אַשס אַמעריקאַנער ווערק, אָדער ווערק וועגן אַמעריקע: דאָס לעבן פון קליינשטעטלדיקן יידן, וואָס איז אַריינגעשליידערט געוואָרן אין קעסלגרוב

פון ניו־יאָרק און דאָ פאַרזונקען געוואָרן אין תהום פון ביטערער נויט, פון צוועקלאָזיקייט און אָפּהענטיקייט, און דאָס לעבן פון דעם אַרויפגעד אַרבעטן אימיגראַנט, וואָס דערגרייכט דעם חלום פון ווערן רייך, נאָר אין תוך פאַרמאָגט ער גאָרניט. ער איז ניט גליקלעכער פון דעם קבצן. אויף אַלעמען וואַרט דער זעלבער טויט, די זעלבע גרוב. אַלע טרוימען זיי וועגן אַן אַנדער לעבן, בענקען נאָך דער אַלטער היים, נאָכן שטעטל, וואָס האָט זיי אויסגעשפּיגן.

די צוויי בולטסטע געשטאַלטן פון אַש׳ס ווערק וועגן יידישן אימיד גראַנט אין אַמעריקע זיינען: אַנקל מאָזעס און חיים לעדערער; ביידע פאָרשטייער פון פאַרמעגלעכן שיכט. נאָר ביידע זיינען קעגנזאַצן. אַנקל מאָזעס איז געקומען קיין אַמעריקע אַ גראָבער יונג, חיים לעדערער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך „אייניקע ביכער אין דער רוסישער שפּראַך, פון באָקל, פון ספּענסערן, אַ פּאָר בלעטלעך פון אַ ספר אין לשון קודש, אַ פּאָר ביכלעך פון אַ רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער און אַ דיק בוך וועגן אַסטראָנאָמיע „די געהיימנישן פון הימל".״

אַנקל מאָזעס האָט געהאַט גרויסע אַמביציעס, חיים לעדערער האָט בלויז געוואָלט זיך פאַרזאָרגן מיט אַ רואיק לעבן. ביידע האָבן געמיינט, אַז רייכקייט וועט זיי מאַכן גליקלעך, ביידע זיינען אַנטוישט געוואָרן. ביידע זיינען געווען קליינשטעטלדיק אין זייערע השגות.

„חיים לעדערערס צוריקקומען" (געזאַמלטע שריפטן, 22־טער באַנד, פאַרלאַג קולטור־ליגע, וואַרשע, 1927, 150 זייטן) איז מער אַמעריקאַניש אַלס אַ ווערק ווי „אַנקל מאָזעס". אַש פירט אונדז אַריין אין אַ מאָדער־ניזירטן שאָפּ און אָפיס, צווישן מער אַמעריקאַניזירטע טיפּן. ס׳איז אַמעריקע אין אַלע הינזיכטן, סיי אין דער טעמע, סיי אין דער באַהאַנדלונג פון סוזשעט.

חיים לעדערערס אידעאַל איז שטענדיק געווען צו פאַרזאָרגן זיך מיט אַ זיכערן מאָרגן, און ווען ער האָט שוין געהאַט דערגרייכט זיין אידעאַל, איז ער אַלץ ניט געווען גליקלעך. פאַרקערט, ער איז דאַן געווען אומצופרידענער ווי ווען ער האָט געאַרבעט אין פינסטערן שאָפּ און ווען די ווייב זיינע האָט אים אָפּגעוואַרט אויף דער שוועל פון הויז און מיט איר שמוציקן פאַרטוך אָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערן.

אַש שילדערט פאַר אונדז ווי אַזוי לעדערער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט.

דער באַגער צו פאַרזאָרגן זיך און זיין משפחה מיט אַ זיכערער פּרנסה האָט פון אים מיט דער צייט געמאַכט אַ באָס, אַן עקספּלואַטאַטאָר. אין הארצן האָט ער געהאַט אַמביציעס פון אַן אַנדער מענטשן: ער האָט געוואָלט דערגיין דעם סוד פון לעבן; ער האָט ליב געהאַט צו הערן אַ לעקציע און אַ דיסקוסיע אויף דער טעמע: „צי דער מענטש האָט יאָ אַ נשמה — צי נישט".

צו זעכציק יאָר גיט לעדערער איבער זיינע געשעפטן צו זיין זון מאָריס און אַליין באַשליסט ער צו נעמען זיך צו די גייסטיקע פּראָבלעמען, וואָס האָבן אים אינטערעסירט, ווען ער איז געווען אַ יונגערמאַן. ער הייסט זיך אויסזוכן די ביכלעך, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך, ווען ער איז געקומען פון אייראָפּע. ער וויל איצט לערנען, דערגיין דעם ציל פון לעבן, אויסגעפינען וועגן די שטערן אין הימל, — אין אַנדערע ווערטער, באַקומען די בילדונג, וואָס ער האָט פאַרפעלט צו באַקומען, ווען ער איז געווען אַ קבצן.

דער רייכער ייד לעדערער איז אין דער נשמה געבליבן דער זעלבער פּשוטער חי וקים ווי זיינע ניט-באַוואוסטזיניקע אַרבעטער אין שאַפּ. מיט זיין גאַנץ פאַרמעגן איז ער אָבער געווען קאַרג צו זיך.

„ער האָט זיך נאָך ביזן היינטיקן טאָג ניט געקאָנט פאַרגינען אַ גאַנץ שטיקל צוקער אין דער קאַווע כאָטש זיסע קאַווע איז געווען ביי אים אַן אויסערגעוויינטלעכע דעליקאַטעסע. ער האָט געמוזט דאָס שטיקעלע צוקער ברעקלען אויף צוויי חלקים, איינס פאַר איצט און איינס באַהאַלטן אויף שפּעטער." (ז. 37).

ערשט ווען ער האָט זיך געקאָנט פאַרגינען איבערצוגעבן זיינע ביזנעס און לעבן אַ פריי, זאָרגלאָז לעבן און דערגרייכן אַלע זיינע אַמ־ביציעס פון זיין יוגנט — ערשט האָט ער ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיין געלט און מיט זיין גאַנצער פרייער צייט.

די צייט אַליין האָט אָבער יאָ עפּעס געטאָן מיט אים: זי האָט אויפגעמישט די בלעטער פון זיין לעבן און זי האָט געמאַנט אַ דין וחשבון. לעדערער מיט זיך אַליין, זיך צוהערנדיק צו דער שטים פון זיין געוויסן, איז ערלעך ביז גאָר.

ער האָט אויסגעפירט וואָס ער האָט געוואָלט. קיין געלט פעלט ניט אים, ניט די קינדער. צוליב זיי האָט ער דאָך דאָס געטאָן. דער מאָרגן

זיינער איז אַ געזיכערטער. דאָך איז נאָך חיים אין זיין לעבן ניט געווען אַזוי אומצופרידן ווי ער איז איצט געווען.

וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן? זיינע קינדער — צוויי זין און אַ טאָכטער — זיינען אויסגעוואַקסן אינגאַנצן פרעמדע צו אים, ווייל סוף כל סוף האָט ער זיי גאָרניט ניט געהאַט צו געבן און זיי האָבן געמוזט זוכן אַטמאָספערע און לעבנס־מנהגים אין דער פרעמד. ער איז געבליבן דער קליינשטעטלדיקער ייד, וואָס האָט מיט זיין אַמביציע דערגרייכט צום לייטער פון דערפאָלג מאַטעריעל, נאָר ער האָט ניט געהאַט קיין אַמביציע צו לערנען זיך, צו אַנטוויקלען זיך גייסטיק, מיינענדיק, אַז דאָס געלט וועט שווין אַליין פאַרגיטיקן און, שטייענדיק אויפן שפּיץ פון דערפאָלג, דערזעט ער, אַז ער איז אינגאַנצן באַנקראָט גייסטיק, אין דער נשמה.

די קינדער קוקן אַייף אים ווי אויפן ניט־ציוויליזירטן טאַטן, וואָס ווייס ניט ווי אויפצופירן זיך אין זייער אַריסטאָקראַטישער געזעלשאַפט; די ווייב זיינע פרוואווט נאָכטאַנצן די קינדער, נאָר אירע בריליאַנטן און קורצע קליידלעך קליידן איר ניט, און ביי איר מאַן, דעם ערלעכן אין דער נשמה מענטשן, רופט זי אַרויס אַ געפיל פון פאַלשקייט, פון וועלן חנפענען זיך פאַר די קינדער.

דער פאָטער איז ביי די קינדער „אַ ניהיליסט", הגם ער ווייסט ניט וואָס דאָס וואָרט באַדייט. ער גייט ניט אין טעמפּל, ווי זיי. ער ווייסט דאָך אָבער, אַז דער זון, וואָס באַלאַנגט צום טעמפּל, טוט דאָס ניט דערפאַר, וואָס ער איז פרום, אָדער ווייל ער גלויבט אין דעם, נאָר ווייל ער דאַרף זיך איינקויפן אין דער יחוסדיקער געזעלשאַפט פון די „דייטשן", מיט וועלכער ער פאַרקערט.

די קינדער זיינען איצט ניט זיינע מער; דאָס ווייב איז אים פרעמד און דערווידער. אין דער רייכער היים, מיט די דינסטן, מיט דער לימוזין, פילט ער זיך ניט גוט. ניט צוליב דעם האָט ער זיין גאַנץ לעבן געדאַרפט אַרבעטן און קעמפן קעגן די יוניאָנס און פאַרשקלאַפן די אַרבעטער, כדי ער זאָל זיך פילן איינזאַם אצינד און ווי אין אַ פרעמדער סביבה אין אייגענעם הויז.

אַש גיט אונדז דאָ אַ בליק אויף דער אויפגעקומענער אַלרייטניצע, ווי איר אייגענער מאַן, חיים לעדערער, זעט זי.

„עס איז אים ניט געפעלן געוואָרן, וואָס דאָס ווייב פּוצט זיך אויס אין אַ מיטן מיטוואָך נאָכמיטאָג און גייט אויף „טיי" צו אַזאַ יידענע, ווי זי איז, אָדער זי אַראַנזשירט אַ קאָרטן־שפּיל פון אַלטע ווייבער ביי זיך אין שטוב. — אין אַ ווייבערישער שול האָט זי געדאַרפט זיצן, ניט קאָרטן שפּילן, — האָט ער זיך געזידלט." (ז. 78).

אויף אַ מייסטערהאַפטיקן אופן שטעלט פאַר אונדז אַש פאַר אַ סצענע ווי לעדערערס טאָכטער ברענגט אין הויז אַריין די נירענבערגס, די אַמע־ריקאַנער געבוירענע רייכע משפּחה, מיט וועלכער זי וויל זיך משדך זיין. דער אימיגראַנט וויל אויסנעמען ביים היגן־געבוירענעם אַריסטאָקראַטישן יידן. צוליב דעם בייט מען איבער דאָס מעבל, די מאַמע פאַרפּוצט זיך אין עסיק און אין האָניק, פול מיט בריליאַנטן; דעם טאַטן טרענירט מען ווי זיך צו האַלטן. נאָר דער אַלטער לעדערער גייט אַרויס פון די האַלאַבלעס. איצט קאָן ער זיך דערלויבן צו זאָגן דעם אמת וועגן זיך, און ווען דער אַמעריקאַנער ייד דערהערט, אַז חיים באַלאַנגט ניט צו קיין טעמפּל אָדער אַ שול, ווי מען האָט אים פריער געהאַט פאַרזיכערט, פאַרלאָזט ער דאָס הויז און עס ווערט אויס שידוך.

אַש געלינגט דאָ אַריינצודרינגען אין דעם אַרט לעבן פון די רייכע יידן, וואָס איז טיפּיש פאַר אַ גאַנצן דור.

און ווען לעדערערס זון קומט צום טאַטן זיך אויסטענהן מיט אים און אים פאַרשלאָגן, אַז ער זאָל מיט דער מאַמען אוועקפאָרן אויף אַ לוסט־רייזע, וואַרפט ער פאַר דעם טאַטן, אַז ער האָט זיך נאָך ניט אויסגעגרינט . . . „און אַז דער פאָטער וויל אונדז דאָס פּנים פאַרשוואַרצן, וועלן מיר דאָס ניט צולאָזן."

דער פאָטער האָט פיינט די קינדער און דאָס ווייב. ער וויל אַנטלויפן פון זיי. וואוהין? עס ציט אים צוריק צום אַלטן לעבן, צום שאָפּ. דאָס גאַנצע לעבן איז אַיין שאָפּ. ער קומט אַרויף אין שאָפּ און פאַרגנבעטער־הייט נעמט ער זיך אַרבעטן. זיין זון איז זיכער, אַז ער איז פון זינען אַרונטער און מען ברענגט צום טאַטן אַ פּסיכיאַטער.

חיים לעדערער קוקט זיך אַרום, אַז עס איז אים געווען בעסער, ווען ער איז געווען אָרים און האָט געליטן. ער קומט צום באַשלוס, אַז ער איז פונקט אַזוי שולדיק אין אַלץ ווי זיינע קינדער. ער מיט זיין גאָט־לאָזיקייט, מיט זיין געלט־לוסט אַלס אַן אידעאַל, האָט זיי דערבראַכט צו זייער בליק אויף אים.

אין „חיים לעדערער" שילדערט אונדז אַש די פּוסטקייט פֿון אויפֿגעקומענעם הײַנטיקן גביר, וואָס שטעקט מיט ביידע פֿיס נאָך אין שטעטל. עס איז אַ אַשיש ווערק דורכאויס. אַש האָט דאָ אין לאַנד קיין אַנדערע יידן אונדז ניט געוויזן, און עס איז אַ שאָד.

„די „אַנקל מאָזעסעס" און „חיים לעדערערס" זיינען געווען און זיי זיינען נאָך פֿאַראַן, נאָר בלויז ביי אַשן קאָן אַ לעדערער צוריקגיין אַרבעטן אין שאַפּ, כדי זיך צו פֿילן ניצלעך. אַזעלכע פּאַראַידעאַליזירטע גבירים האָבן מיר דערוויל דאָ ניט געטראָפֿן. עס איז פֿאַרשטענדלעך, אַז אַש האָט דאָ אין זיינען געהאַט די אידייע דערפֿון, ניט די אמתע פּאַסירונג אין לעבן. אין דער אמתן האָבן מיר געזען ווי די חיים לעדערערס לעבן זיך אויס אויף אַ מער פּראַקטישן אופֿן.

קינסטלעריש שטייט „חיים לעדערער" צווישן די בעסטע זאַכן, וואָס אַש האָט געשאַפֿן וועגן אַמעריקע. אַש איז געבליבן דער פּעסימיסט, און דערוויל האָט ער נאָך די ליכטיקע זייט פֿון יידישן לעבן דאָ ניט געזען.

יא

ווי אַזוי האָט דאָס אַנדערשדיק לעבן פֿון דער גרויסקאַפּיטאַליסטישער אַמעריקע געווירקט אויף שלום אַשן? ווי האָט זיך דאָס אָפּגעשפּיגלט אין זיינע ווערק? מיט וואָס האָט זיך דער קינסטלער אָנגעשעפּט פֿון דער אַמעריקאַנישקייט?

מיר האָבן געזען, אַז זיינע שריפֿטן אויף היגער טעמאַטיק זיינען אָנגעזאַפּט מיטן טיפּאַזש פֿון יידישע אימיגראַנטן, וואָס האָבן זיך יאָ־און־ניט איינגעלעבט דאָ, נאָר וואָס זיינען קיין אַמעריקאַנער, אין אָנגענומענעם זין פֿון וואָרט, ניט געוואָרן. ס'איז אַ דור, וואָס איז ניט אַהין און ניט אַהער, אַ דור הפּלגה, וואָס האָט צוליבן בבל־טורעם זיך ניט געקאָנט פֿאַרשטיין.

שלום אַש האָט געשאַפֿן איין ווערק, וואָס איז דורך און דורך אַמעריקאַניש, וואָס איז אַזוי עכט אין סוזשעט, אַז בלויז דאָ אין לאַנד האָט אַזאַ ווערק געקאָנט געבוירן ווערן און ניט אין ערגעץ אַנדערש.

דאָס איז זיין בוך „טויט־אורטייל", וואָס איז אַריין אין זיינע „געזאַמלטע שריפֿטן" (ניינצנטער באַנד, פֿאַרלאַג קולטור־ליגע, וואַרשע,

1930). אינגאַנצן פאַרמאַגט עס 152 זייטן. מען קאָן ניט זאָגן, אַז עס געהערט צו אַשם בעסטע שאַפונגען. „אַנקל מאָזעס" שטייט מיט קעפּ העכער דערפון, נאָר „טויט־אורטייל" גיט אונדז אַ שטיק פון דער מאָ־דערנער אַמעריקע, וואָס איז כמעט ניט באַרירט געוואָרן אין אונדזער היגער ליטעראַטור.

מערקווירדיק איז דאָס, וואָס הגם דער העלד פון ווערק איז אַ ייד, לאָזט אונדז אַש זיין יידישקייט ניט פילן דורכן גאַנצן בוך. פאַרביי־גייענדיק געפינען מיר אויס דערוועגן. זיין יידישקייט שפּילט דאָ פּאַקטיש קיין ראָל ניט.

די געשיכטע פון „טויט־אורטייל איז געבויט אויף צייטונג־נייעס־באַריכטן. דער באַנקיר סטאַון פון ניו־יאָרק פאַרשפּעטיקט די באַן, וואָס דאַרף אים פירן צו זיין אָפּגעפרעמדטער פרוי און טעכטערל, וואָס געפינען זיך איצט אויף אַ זומער־וואוינונג. ער בלייבט נעכטיקן אין אַ האָטעל. ס'איז אים אומעטיק. ער נעמט אַ פּאָר „וויסקי סאָדעס". די „לאָבי" פון האָטעל האָט איר רייץ פאַר אים. ער איז איבערזיכטיק אויף זיין פרוי, וואָס פאַרברענגט מסתם אַציינד מיט זיין פריינט אויף דער זומער־וואוי־נונג. ער דערמאָנט זיך אין זיין אייגענער אַמאָליקער געליבטער. אַ ריח פון פּערפום האָט אים געגעבן אַ שלאָג אין די נאָזלעכער. אַ פרוי איז פאַרבייגעגאַנגען און זי האָט אים פאַראינטריגירט. זי איז געווען מיט אַן אַלטיטשקען. איר פאָטער? עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, אַז זי איז געווען זיין געליבטע. זי האָט זיך צוגעקלעפּט צו סטאַונען, אַז ער זאָל זי באַפרייען פון דעם אַלטן. סטאַון טאַנצט מיט איר. זי איז בראַנד־פייער.

סטאַון קעמפט מיט זיך, נאָר די תאוה צו איר קריגט די אויבער־האַנט איבער אים. זי קומט צו אים ביינאַכט אין זיין צימער אין האָטעל. זי גיט זיך אים איבער. און דאַן קלאַפּט איר געליבטער אַן אין סטאַונס טיר. ער שטורעמט די טיר. עס שמעקט מיט אַן עפנטלעכן סקאַנדאַל. סטאַון לאָזט דעם אַלטן אַריין און דאַן אין אַ ווילדן מאָמענט כאַפּט ער אים אַן ביים האַלדז און דושעט אים. סטאַון האָט איבערגעכאַפּט די מאָס. דער אַלטער איז געווען טויט.

סטאַון זוכט מיטלען ווי אַזוי זיך אַרויסצודרייען פון דעם פּלוצלינג־דיקן מאָרד, וואָס איז געווען אַזוי אומגלויבלעך, אַזוי נוצלאָז. דער גרויס־

שטאַטישער מענטש אין אים ווייסט, אַז אַדוואָקאַטן קאָנען אים ראַטעווען. ער קלינגט אָן זיין הויפּט־אַדוואָקאַט; יענער זאָגט אים ווי צו האַנדלען. סטאָון קלינגט אָן צו דער פּאָליציי.

פון איצט אָן שפּילן די טעגלעכע צייטונגען די הויפּט־ראָל. נאָך זיי — סטאָונס אַדוואָקאַטן. צום ערשטן מאָל אין דער יידישער ליטעראַטור הייבט זיך אָן איינבירגערן דער דאָזיקער פּאַרנעם.

סטאָונס פרוי שווייגט. זי וויל פון מאַן מער ניט וויסן, און דאָס שטערט מער ווי עפּעס אַנדערש אין זיין פּאַרטיידיקונג. די געריכט־געפעכטן צווישן אַנקלאָגער און פּאַרטיידיקער זיינען לעבעדיק געשילדערט, איינגאַנצן אויפן נוסח פון אַמעריקאַנער קינסטלערישן רעפּאָרטאַזש.

סטאָון פאַרלירט. מען פירט אים אָפּ אין סינג־סינג, אין טויטן־הויז. עס דערוואַרט אים דער עלעקטריק־שטול. ביסלעכווייז דערווייטערן זיך פון אים אַלע פריינט און באַקאַנטע און די אַדוואָקאַטן פון דער פּאַרטיידיקונג. דער באַרימטער באַנקיר סטאָון איז איינזאַם. די איבערלעבונג אין טויטן־קאַמער פאַרנעמען פּאַקטיש דעם אויבנאָן פון בוך.

אָט דאָרט „דערהערט ער דורך דער וואַנט אַ מאָדנע ברומען, אַזוי ווי אַ הונט וואָלט געקלאַגט הינטער דער וואַנט."

סטאָון האָט ניט געקאָנט אויסהאַלטן. ער איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און הויך גערופן דעם וועכטער.

„— וואָס איז דער מער? — האָט דער וועכטער אַריינגערוקט זיין פּנים דורך דער גראַטע פון טיר־פענסטערל.

— וואָס איז עס פאַר אַ שטימען, וואָס מען הערט דורך דער וואַנט? מען קאָן ניט איינשלאָפן.

— יאָ, דאָס איז רעפּ דער נעגער, דיין שכן. יעדן אָוונט הייבט ער אָן אָפּשפּילן זיין מוזיק, אַז ער איז אומשולדיק, אַז ער איז בחינם פאַר־אורטיילט געוואָרן. אָבער ער וועט זיך באַלד באַרואיקן, ער וועט באַלד איינשלאָפן."

אָט דער נעגער שפּילט די וויכטיקסטע ראָל אין די לעצטע טעג פון סטאָונס לעבן. אין דער היגער יידישער ליטעראַטור פאַרנעמט דער נעגער ניט קיין מינדערוויכטיקן פּלאַץ. איבערהויפּט זעט ער זיך אָן אין דער פּאָעזיע. ניט דאָ איז דאָס אָרט אַריינצוגיין אין דעטאַלן, פאַרוואָס די יידישע ליטעראַטור האָט מער מאַטעריאַל וועגן נעגער ווי וועגן דעם

אמעריקאנער, דעם פּאָלאַק, דעם רוס, דעם איטאַליענער און אַנדערע שכנים, מיט וועלכע דעם ייד קומט אויס צו לעבן יאָר־איין יאָר־אויס.

איך ווייס ניט פון קיין מער־דירנדיקע און טיף מענטשלעכע שטעלן וועגן נעגער ווי די, וואָס שלום אַש ברענגט אַרויס אין זיין „טויט־אורטייל". נאָר וועגן דעם אַ ביסל ווייטער.

אַש דערמאָנט סטאַונס יידישקייט פאַרבייגייענדיק. ווען סטאַון זיצט אין טויטן־הויז, אַנאַליזירט ער זיין גאַנץ לעבן. דאַן געדענקט ער אין זיינע עלטערן.

„ער דערמאָנט זיך, ווי פון דער פינסטערניש אַרויס: עס ברענען ליכט און לייכטער אויפן טיש. עס איז עפּעס אַ יום־טוב. אַ שבת אפשר? יאָ, שבת. דערנסטמאָל, ווען די יידן טאָרן ניט די ליכט אויסלעשן. ער מעג, דערפאַר ווייל ער איז אַ קליינער."

דאָך איז דאָס ניט געווען קיין עכט־יידיש הויז. דער פאָטער איז געווען אַ שיכור. פון יידישקייט האָט סטאַון פּאַקטיש ניט געוואוסט. ער איז אפילו צו דער לויה פון זיין פאָטער ניט געקומען. ער פילט, אַז ער האָט זיך דערצויגן אַליין, אָן עלטערן.

עס גייט פאַר אונדז דורך דאָס לעבן פון אַ געלט־מענטשן, פון אַ מענטש, וואָס איז באַגאַנגען אַלע לעגאַלע פאַרברעכנס, וואָס פירן צום מאַטעריעלן דערפאָלג. אַש גיט אונדז אַ בילד פון די איבלען פון גרויס־קאַפּיטאַליזם, וואו געלט הערשט איבער מאָראַל, איבער מענטשלעכקייט און יושר.

אין טויטן־הויז האָט סטאַון גענוג צייט און געדולד אַלע זיינע מעשים איבערצואוועגן, איינזען דאָס שלעכטס, וואָס ער האָט אין לעבן געטאָן, און פרואוון זיך פאַרענטפערן.

סטאַון ווייסט, אַז אַלץ איז פאַרפאַלן. אויך אין דעם איז שולדיק די סיסטעם פון גרויס־קאַפּיטאַל. ער באַשליסט צו באַגעגענען דעם טויט מוטיק. מער ווי אַלץ קרענקט אים, וואָס זיין פרוי אָדער קינד זיינען אים קיין איין מאָל ניט געקומען באַזוכן, און ער איז צו־שטאָלץ צו בעטן זיך ביי זיי.

זיינע חברים פון טויט האָט ער מקנא געווען, דערפאַר וואָס יעדער פון זיי האָט געהאַט אַ ווייב, אַ קרוב, וואָס האָט אָפּגעשלאָגן די טירן פון

די רעגירונג־באַאַמטע צו ראַטעווען אים פון טויט. בלויז ער, סטאַון, האָט קיינעם ניט געהאַט. ער און דער נעגער רעפּ.

און דאָ דערהויבט זיך אַש צו זיין קינסטלערישער הויך. סטאַון, דער פאַרשטייער פון גרויס־קאַפּיטאַל, דער געוועזענער וויצע־פּרעזידענט פון אַ באַנק, פילט זיך איצט אין דער זעלבער לאַגע ווי דער איינזאַמער, נידעריקסטער שיכט פון דער געזעלשאַפט, דער אַכצן־יעריקער נעגער־יינגל רעפּ. ביידע ווערן אַצינד באַפריינדט. ביידן דערוואַרט דער זעלבער אורטייל, ביידע האָבן מער קיין האָפענונגען ניט אויף קיין רעטונג.

סטאַון, וואָס איז זיין גאַנץ לעבן געווען ברוטאַל צו מענטשן, וואָס האָט צוליב געלט יעדן געטראָטן מיט די פיס, — סטאַון לאָזט זיך אַראָפּ צום נעגער און זיין האַרץ גייט אויס פון רחמנות צו אים. ער טרייסט אים, זאָרגט זיך פאַר אים.

אַש שרייבט, אַז „דאָס טויטן־הויז האָט, ווי יעדע אַנדערע מענטש־לעכע געזעלשאַפט, געהאַט זיינע „אַריסטאָקראַטן" און זיין „פּעבל". דער נעגער רעפּ איז געווען פאַררעכנט פאַר דעם נידעריקסטן פון די נידעריקע. רעפּס שרעקלעכע זינד איז געווען — די פאַרב פון זיין הויט. די „אַריס־טאָקראַטן", די מערדער און באַנק־רויבער „האָבן זיך געפילט באַליידיקט, וואָס דער שוואַרצער הונט וואוינט מיט זיי צוזאַמען אין איין הויז און וועט האָבן די זכיה צו זיצן אויף דער זעלבער שטול צום טויט, וואָס זיי. — דענקסטו דען ניט, אַז מען דאַרף פאַר נעגערס האָבן אַ באַזונדערן טויטן־שטול?"

„דורכדעם קאָן מען זיך פאָרשטעלן די איבעראַשונג, וואָס האָט אַרויסגערופן אין „טויטן־הויז", אַז די אַריסטאָקראַטן האָבן דערזען, אַז דער „באַנקיר" (ווי זיי האָבן גערופן סטאַונען) האָט פון אַלע קאַנדידאַטן אויפן טויט — אויסגעזוכט דווקא דעם שוואַרצן פאַר אַ קאַמעראַד און מיט אים אַליין פון אַלע האָט ער זיך געחברט. די אַנדערע זיינע קאָלעגן האָט סטאַון כמעט ניט ווי באַמערקט."

צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט סטאַון ניט געטראַכט וועגן זיך אַליין, נאָר וועגן אַ צווייטן, וועגן גורל פון רעפּן. „ער האָט דאָך נאָך גאָר ניט געלעבט." און סטאַון פּרוּווט רעדן מיטן וואַרדן לטובת רעפּן.

און סטאַון באַשליסט ביי זיך צו שרייבן אַ פּעטיציע צום גאַווערנאָר, אַ פּעטיציע ניט פאַר זיך, נאָר פאַרן נעגער־יינגל.

עס האָט גאָרניט ניט געהאָלפֿן. אי רעפּ, אי סטאָון האָבן באַצאָלט מיט זייערע לעבנס.

אין דער פּיגור סטאָון האָבן מיר פֿאַר זיך אַלע איבלען, מיט וועלכע קאַפּיטאַליזם שטעקט אָן דעם מענטשן. רעפּ, דאָס נעגער־יינגל, איז אַ קרבן פֿון ראַסן־האָס, פֿון פּאַראורטיילן. די גאַנצע נאָוועלע „טויט־אורטייל" איז דאָס אַמעריקאַנישסטע ווערק פֿון שלום אַש, נאָר עס איז ניט יידיש, און דערפֿאַר דערגרייכט עס ניט צו דער קינסטלערישער הויך פֿון זיינע אַנדערע ראָמאַנען.

אין „טויט־אורטייל" האָט אונדז שלום אַש געגעבן אַ צייט־אָפּשניט, וואָס איז אַ דירעקטער רעזולטאַט פֿון דער גרויסשטאָט אַטמאָספֿער; פֿון דער ציוויליזאַציע, וואָס האָט געשאַפֿן דעם „מאָדערניזם" פֿון עלעקטריק־שטול, און פֿון אַ לעבן, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט אַזעלכע טיפּן ווי סטאָון און זיין קרבן.

אַש האָט אונדז געוויזן, אין „טויט־אורטייל", אַמעריקע אין שטורעם פֿון געשעענישן. ס'איז אַן איינגאַרטיק ווערק אין דער יידישער ליטעראַטור.

דוד פּינסקי

„דאָס הויז פון נח עדאָן", ראָמאַן, אַרויסגעגעבן פון „דוד פּינסקי ביכער, אינק.", ווארשע, 1938, 406 זייטן.

די אַמביציע פון יעדן אַמעריקאַנער יידישן שרייבער איז איבערגעזעצט צו ווערן אויף ענגליש. און ס'איז אויך נאַטירלעך. עס ווילט זיך האָבן אַ גרויסע אוידיטאָריע. מען לעבט אָפּ אַזויפיל יאָר אין לאַנד, די קינדער ווערן דאָ געבוירן און דער ארום ווערט אייגן. שלום אַש, י. י. זינגער, י. אָפּאַטאָשו און דוד פּינסקי זיינען צווישן די געציילטע יידישע שרייבער, וועמעס ווערק עס זיינען ארוים אין ענגלישער איבערזעצונג.

נאָר דאָ האָבן מיר אַ רעכט צו שטעלן אַ פראַגע: דאַרף דער מחבר האָבן אַ געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו זיין אייגענער ליטעראַטור? דאַרף ער ניט אין זינען האָבן, אַז מיט זיין דערשיינען פאַרן ניט־יידישן עולם שטעלט ער מיט זיך פאָר דעם פאָרטרעטער פון דער יידישער ליטעראַטור?

לאָמיר נעמען דוד פּינסקין פאַר אַ ביישפּיל. זיינע צוויי ראָמאַנען פון אַמעריקאַנער לעבן זיינען ארוים אויף ענגליש („אַרנאָלד לעווענבערג" און „דאָס הויז פון נח עדאָן"). עס זיינען אויך ארוים זיינע פּיעסן און איינ־אַקטערס. פּינסקי איז פּאָפּולער ווי אַ דראַמאַטורג. ער איז אַ פּיאָנער פון דער נייער יידישער ליטעראַטור. נאָך אין 1915 איז זיין „אוצר" ארוים אין אַן ענגלישער איבערזעצונג פון לודוויק לואיסאָן, אין פאַרלאַג „ווייקינג". אויף אים האָט מען אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַרישער אַטמאָספערע געקוקט ווי אויף איינעם פון די אָנגעזעענסטע שריפטשטעלער פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע.

אין 1928 איז ארוים פּינסקיס ראָמאַן „אַרנאָלד לעווענבערג" אין ענגליש (פאַרלאַג: באָני ענד ליווריט). אין 1931 איז דערשינען אין

ענגליש זיין „די דורות (דזשענערעישאַנס) פון נח עדאַן", אין פאַרלאַג: מעקאַלי. איך האָב בכיוון אָנגעגעבן די פאַרלאַגן, ווייל זיי זיינען בכבודיקע.

איצט שטעלט זיך אַ פראַגע: האָט פינסקי אין זיינע ראָמאַנען וועגן יידישן לעבן אין אַמעריקע פאַרשאַפט אונדז — און זיך — כבוד אין דער ברייטער ענגלישער שרייבער־ און לייענער־וועלט?

דער ענטפער איז אַן עמפאַטישער „ניין!" די צוויי דערמאָנטע ראָמאַנען געהערן צו זיינע שוואַכסטע זאַכן און דערפאַר האָבן זיי אין ענגליש בלויז פאַרשאַטנט זיין אייגענעם פרעסטיזש און שאַדן געבראַכט דעם גוטן נאָמען פון דער יידישער ליטעראַטור.

איך וויל זיך דאָ אָפּשטעלן אויף זיין ראָמאַן „דאָס הויז פון נח עדאַן". איך האַלט עס פאַר אַן אומדרוקבאַר ווערק. פינסקי האָט אינגאַנצן אויפגעהערט אַרבעטן איבער זיך. זיין שפּראַך איז צעקאַליעטשעט, אָנגעפילט מיט דייטשמעריזמען. דער זאַץ־בוי איז פאַרקריפּלט. עס גלויבט זיך ניט, אַז אין דער איצטיקער צייט זאָל אַן אָנגעזעענער שרייבער וואַגן אַרויסצוגעבן אַזאַ אומגעלומפּערט אָנגעשריבענע זאַך. מען דאַרף האָבן אינגאַנצן אָנגעוואוירן דעם רעספּעקט פאַר דער ליטעראַטור, מען דאַרף אָדער ניט האָבן געלייענט די ווערק פון יינגערע טאַלאַנטפולע שרייבער, פון וועמען מען וואָלט זיך געדאַרפט לערנען שלייפן אַ זאַץ, אָדער מען האָט בכלל מער ניט קיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט צום יידישן און אין דעם פאַל אויך צום ניט־יידישן לייענער.

ווען מען גיט אַרויס אַ ווערק פון אַמעריקאַנער יידישן לעבן אין ענגלישער איבערזעצונג, מעג מען דאָך אַ טראַכט טאָן, אַז דאָס ווערק דאַרף אויף וועלכן ס'איז אופן אָפּשפּיגלען די אַמעריקאַנער סביבה, די אַמעריקאַנער סצענע. מיר האָבן זי, בעסער אָדער שוואַכער, ביי אָפּאַטאָשון, ביי אינגנאַטאָוון, ביי אַשן, ביי ראַבאָין, ביי לעאָן קאָברינען, ביי כאַווער פאַווערן, דעמבלינען, געלבוימען.

מיר האָבן זי ניט אין „דאָס הויז פון נח עדאַן". די גאַנצע געשיכטע האָט פונקט אַזוי געקאָנט פּאַסירן אין וואַרשע און אין פּאַריז, אין לאָנדאָן און אין אַרגענטינע. אַ וויכטיקער טייל פון דער האַנדלונג קומט פאָר בשעת דער לעצטער מלחמה. פינסקי, אין זיין ראָמאַן, דערמאָנט בלויז פאַרבייגייענדיק די מלחמה, ווי ער וואָלט דערמאָנט דעם באַטלער ביי איינעם פון זיינע רייכע העלדן.

ב

און וועגן וואָס האַנדלט זיך אין דעם ראָמאַן, וואָס מען האָט אויך געהאַלטן פאַר נויטיק צו באַקענען דעם ענגלישן עולם מיט אים?

נח און מערע עדאַן קומען פון קלענסטן שטעטל אין דער ליטע אין דער גרעסטער שטאָט פון אַמעריקע, אין די אַכציקער יאָרן פון לעצטן יאָרהונדערט. זיי האָבן מיטגעבראַכט געלט מיט זיך און דריי זין. נח איז געווען און געבליבן אַ פרומער ייד, „פול מיט פיינער מענטשלעכקייט״. אַזוי אויך זיין פרוי מערע. נאָר די זין זיינען ניט אַוועק אויף די וועגן פון זייערע עלטערן.

דער עלטסטער זון מאָרי האָט אָוועקגעוואָרפן די בילדונג, ווייל ער האָט געוואָלט ווערן רייך, זיין אַ גרויסער געשעפטסמאַן. ער איז עס אויך געוואָרן. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ מיידל, ניט ווייל ער האָט זי ליב געהאַט, נאָר אויסגערעכנטערהייט, איבערצונעמען איר פאָטערס רייכטום. זיין פרוי פאַרראַט אים מיט זיין יינגסטן ברודער, ווען זי איז אין די הויכע מאָנאַטן.

דער צווייטער ברודער האָט אויך חתונה ניט אויס ליבע. זיין פרוי איז אַ ביישפּיל פון איבערגעבנקייט און געטריישאַפט. ער ווערט אַ גרויסער אַדוואָקאַט און ער האַלט ביים באַקומען אַ הויכע ריכטער־שטעל. ס׳איז אָבער דאָ איין צרה ביי זיי אין הויז:

„וואַלטן זיך נאָר די שאָופערס ביי איר געהאַלטן, וואַלט גאָר קיין סוף נישט געווען צו איר רואיקייט און גליקלעכקייט.״ (ז. 355)

אַזוי פילאָזאָפירט דער מחבר וועגן דאַראַן, דעם אַדוואָקאַטס פרוי. נאָר אָט שוין אויפן צווייטן זייטל נעמט די פיינע ערלעכע באַלעבאָסטע, וואָס האָט אָפּגעלעבט אַ גליקלעך לעבן מיט איר מאַן און ער מיט איר, און זי פאַרליבט זיך אין שאָופער, און ווען דער מאַן קומט אַהיים שלאָפן, געפינט ער אַ שטיקל פּאַפּיר אויפן קישן. פּרעסטאָ. זיין ווייב איז אַוועק מיטן שאָופער.

דער דריטער ברודער, דער יינגסטער, טשאַרלס, אָט דער, וועמעס עלטסטע שוועגערין האָט אים אַמאָל פאַרגוואַלטיקט, ווערט אַ דאָקטאָר־מעדיצין און ער פאַרליבט זיך אין אַ קראַנקן־שוועסטער, ניט קיין שיין מיידל, נאָר דערפאַר אַן אמת פיינדיקע נשמה, וואָס איז זיך גרייט מקריב

צו זיין פאר די קראנקע און ליידנדיקע. זיין גאנץ לעבן פילט זיך אבער דער דאקטאר ניט גוט פון זיינע יוגנט־זינד מיט זיין שוועגערין. עס קומט א צייט, ווען זיין עלטסטער ברודער געפינט אויס פון זיין אייגן ווייבס מויל, אז איר ערשטער געליבטער אין איר פארהייראט לעבן איז געווען זיין יינגסטער ברודער טשארלס. מארי באשליסט אוועקצופארן קיין רינא נאך א גט. נאר פריער רופט ער ארויס פון אפיס זיין ברודער דעם דאקטאר און ער לאזט אים אפ א פאטש אין פנים. איצט פילט זיך דער דאקטאר דערלייכטערט. „ווען מארי וועט קומען צוריק, וועט ער א קוש טאן די האנט, וועלכע האט אים געפאטשט און בעטן מחילה.״ (ז. 404).

האבן מיר דא פאר זיך די דריי זין, וואס נח און מערע האבן אהער־געבראכט און וואס אמעריקע האט פון זיי א לייט געמאכט. שוין איינמאל א לייט . . .

ג

יעדער פון די דריי זין האט געהאט צו איין קינד. דער עלטסטער מארי, דער רייכער געשעפטסמאן מיט דער אויסגעלאסענער ווייב, וואס ברענגט אירע געליבטע אין איר ביבליאטעק־צימער אריין, וואו עס שטייט א זינדיקע קושעטקע, האט געהאט א זון נארמאן. ער טרעפט דאס אמאל זיין מאמען אין א ניט־דרוקבארער פאזע.

דער צווייטער זון, דער אדוואקאט, האט א טעכטערל זעלדע. ווען זי איז קוים זעכצן יאר אלט, פארפירט זי איר קוזין, מארי׳ס זון, נארמאן, וואס איז צוואנציק יאר אלט. זי שיכורט אים אן, זי טוט אים אויס, און אלץ ביי זיך אין צימער, אין הויז פון אירע עלטערן.

בלויז דער יינגסטער זון, דער דאקטאר, האט א געראטן יינגל, וואס חלומט ווי א אידעאליסט. ווען דאס יבוד שליסט זיך, רעדט ער שיינע רייד, אט אזוי ווי זיינע זיידע־באבע, די איינציקע לייטישע מענטשן אין בוך, נאר ער איז נאך צו־יונג פאר שונד־שטיק.

ווען דעם אדוואקאטס פרוי פארלאזט מיטן שאופער, נעמט זיין טעכטערל זעלדע איר צוקונפטיקן חתן, דעם קוזין נארמאן, און זי דער־קלערט אים, אז זי איז שוועגעריק. זי האט אבער אויך געהאט עסקים מיט א צווייטן קוזין, פון איר מוטערס צד. זי בעט נארמאנען, אז ער זאל זי ארויסנעמען אין זיין אויטאמאביל פאר א שפאציר. זי נעמט אליין

איבער דאָס רעדל און טרייבט משוגענערווייז און פּאַרט איבער אויף טויט אַ פאַרמער, און אין געראַנגל מיט איר קוזין פון רעדל, שטויסט זיך די קאַר אַן אין אַ בוים און זיי ווערן ביידע דערהרגעט.

ניט מיר זעען אַמעריקע אין בוך, ניט מיר פילן די אַטמאָספערע פון שטאָט, אָדער די סביבה. אַלץ וואָס פּינסקי גיט אונדז איז שונד, אונטער דעם פּיינעם נאָמען, וואָס ער האָט זיך געשאַפן אין דער ליטעראַטור. מיטן אויסנאַם פון נחן און מערען, וואָס רעדן און האַנדלען מער אָדער ווינציקער באַגלויבט, האָבן מיר דאָ ניט קיין איין אמתע כאַראַקטער־שילדערונג. ער דערציילט אונדז וועגן דריי זין, זייערע פרויען און זייערע קינדער, נאָר קיינער פון זיי איז ניט קינסטלעריש באַלעבט; עס איז ניטאָ קיין קינסטלערישע באַרעכטיקונג פאַר זייערע האַנדלונגען, ניטאָ קיין לעבן אין זיי.

„דאָס הויז פון נח עדאָן" דערמאָנט אונדז כסדר אין אַ ביליקער מעלאָדראַמע אין יידישן טעאַטער. עס איז אַ זאַלאַטאַרעווסקי שטיק אין ראָמאַן־פאָרם.

צו וואָס האָט מען נאָך אַזאַ זאַך געדאַרפט אַרויסגעבן אין ענגליש? צו פאַרשוואַרצן אונדז דאָס פּנים פאַרן ברייטן לייענער־עולם?

וואָס קאָן טראַכטן וועגן אַזאַ ווערק דער אַמעריקאַנער געבוירענער יידישער יונגערמאַן, וואָס לייענט ניט קיין יידיש? ער ווייס, אַז דוד פּינסקי איז אַ זייל אין דער יידישער ליטעראַטור. וואָס פאַראַ ליטעראַטור איז דאָס, ווען פּינסקי שאַפט אַזאַ שונדיסטיש פאַלש ווערק ווי „דאָס הויז פון נח עדאָן"?

ניט בלויז טעמאַטיש איז דאָס ווערק ניט־מאָסגעבנדיק אפילו פאַרן רייכן יידישן לעבן אין אַמעריקע, נאָר עס איז אין דעם ניטאָ קיין ניצוץ פון אַמעריקע, וואו די האַנדלונג קומט פאָר. מאַרי בויט אַ וואָלקנקראַצער, נאָר מיר זעען מאַרי'ן און ניט דעם וואָלקנקראַצער. מיר זעען אַ דינערשאַפט אין רייכן הויז, נאָר זי איז אייראָפּייאיש, ניט אַמעריקאַניש.

צוליב וואָס האָט אונדז דוד פּינסקי געדאַרפט פאַרשעמען פאַרן אַמעריקאַנער עולם? עס איז געווען חרפה צו האָבן אַזאַ טאַלאַנטלאָז ווערק אין אונדזער אייגענער ליטעראַטור.

פרץ הירשביין

צום זעכציקסטן געבוירנטאג יובילײ פון פּרץ הירשביין איז דערשינען זיין ראמאן וועגן זעכציק יאר מזרח־איראפּייאישער יידישער איינוואנדערונג אין די פאראייניקטע שטאטן.

ס'איז א ריזיק בוך — אין וואג, אין צאל זייטן (1,350 זייטן, ארום 675,000 ווערטער). דער ראמאן הייסט „בבל". קיין פארלאג איז ניט אנגעגעבן אויפן שער־בלאט, נאר דער מחבר ווידמעט דאס בוך „צו די מיטגלידער פון פארלאג קאמיטעט, וואס האט מעגלעך געמאכט אין איצטיקער צייט, די טרילאגיע „בבל" זאל געדרוקט ווערן. געבענטשט זאל זיין אייער גוטער ווילן."

וויל איך זיך דא מודה זיין, אז איך האב מיט אומגעדולד און מיט א פריידיקן ציטער גענומען לייענען דאס בוך. די טעמע איז מיר מער ווי נאענט. לעבנדיק צווישן אינטעליגענטע יידישע ארבעטער, קלייןבירגער און פּראפעסיאנאלן איז מיר ניט איינמאל אויסגעקומען צו ענטפערן אויף די טענות — פארוואס איז ניט פאראן קיין גוטער ראמאן וועגן יידישן לעבן אין אמעריקע? איך האב פארטיידיקט אונדזער ליטעראטור און אירע שאפער, הגם אין הארצן האב איך געהאט די זעלביקע טענות, ווי מיינע פרעגער.

נאך עפּעס. איבער צוואנציק יאר האב איך פארבראכט אין קרייז פון היגע געבוירענע שול־קינדער, אין וועלכע איך האב געפּרואווט, ווי יעדער לערער, פארפלאנצן די ליבע פאר אונדזער יידיש ווארט. די קינדער זיינען אויסגעוואקסן. די סביבה איז נאך ניט געווען רייף פאר אונדזער ארבעט. דאך האבן זיך געפונען, אין מיין דערפארונג, א שיינע פאר צענדליק יוגנטלעכע, וואס זיינען געקומען צו מיר מיט דער לאנג־דערווארטעטער בקשה: „רעקאמענדירט אונדז א יידישן ראמאן פון אמעריקאנער לעבן, אזא וואס זאל זיין אינטערעסאנט און ווערט אונדזער צייט".

ס'איז ניט געווען קיין גרינגע אויפגאבע. אש, קאבריז, פינסקי, ראבאי, איגנאטאוו, אפּאטאשו, גלבוים, דעמבלין — א טאלאנטפולער

צעטל, נאָר קיין סך נחת — מיט דער אויסנאַם פון א. ראַבאַין — האָבן מײַנע יונגנטלעבע לייענער ניט געהאַט פון די ווערק. מערסטנס זײַנען דאָס לייענער, וואָס האָבן דורכגעמאַכט אַן אַמעריקאַנער מיטלשול און אַ צאָל אויך אַן אוניווערסיטעט. פאַר דער לעצטער צײַט זײַנען די ווערק פון די אויבנדערמאָנטע שרײַבער געווען ווײַט פון דער אמתער אַמעריקע, כאָטש די טעמאַטיק איז געווען דורכאויס אַמעריקאַניש. די יוגנט האָט זיך דערצויגן אויף דרײַזערן, אויף העמינגווייַ, אויף סטײַנבעקן און דאָס פּאַסאָס. אונדזערע שרײַבער זײַנען אין זייערע אויגן געווען צו נאַאיוו, צו דילעטאַנטיש. אפילו דער עכטער ראַבאַי האָט דעם יונגען לייענער בלויז פאַרוויגט, נאָר ניט אויפגעברויזט.

און ס׳איז ניט דער יונגער לייענער אַליין. מיר עגבערט שוין לאַנג דער היגער ייִדישער אינטעליגענט, דער דענטיסט, דער דאָקטאָר, דער אינזשענער, בוכהאַלטער און מייסטער פּאַכמאַן. דער עלעמענט, וואָס לייענט נאָך ייִדיש און קאָן קויפן אַ בוך. פאַרוואָס קוקט ער מיט ביטול אויף אַ נײַ־דערשינענעם בוך? פאַרוואָס איז אים גרינג אויסצוגעבן אַ פּאָר דאָלער אויף ענגלישע ביכער ראָמאַנען און ער וויל דעם ייִדישן בוך ניט נעמען אין האַנט אַרײַן?

פּרץ הירשביין האָט אַ פײַנעם נאָמען אויך בײַם אַמעריקאַנער ייִדישן לייענער. ער געדענקט אים פון זײַנע דראַמעס, פון זײַנע קינסטלערישע באַשרײַבונגען, פון זײַנע קינדער־מעשׂיות. איצט איז דערשינען הירשביינס גרויסער ראָמאַן.

וועל איך אים רעקאָמענדירן צו מײַנע פרײַנט, די יוגנטלעכע לייענער און צו מײַנע באַקאַנטע, די פּראָפעסיאָנאַלן?

אַ ראָמאַן פון זעכציק יאָר ייִדיש לעבן אין אַמעריקע. ווי פריש איז די טעמע, ווי פײַן עס קלינגט אַזאַ רעקאָמענדאַציע! פאַרוואָס הייסט אָבער די טרילאָגיע: „בבל״? דער נאָמען שמעקט שוין מיט נעגאַציע. גיבן מיר אַ קוק אויף די נעמען פון יעדן טייל, ווערט נאָך שטאַרקער דער פאַרדאַכט. ערשטער טייל — גלות; צווייטער טייל — צעריסענע וואָרצלען; דריטער טייל — בבל.

איך האָב דעם גרויסן ראָמאַן איבערגעלייענט פון אַלף ביז תּוו. ס׳איז מיר אָנגעקומען גאָר שווער. אויך דרײַזער און דאָס פּאַסאָס און

אפּטאַן סינקלער לייענען זיך אַפּט שווער. דער לייענער דאַרף דורך־אַרץ האָבן פאַרן שרייבער און זיך אָנשטרענגען, אויב נויטיק, אַריינצודרינגען אין דעם היכל פון זיין ווערק. ער דאַרף זיך דערהויבן צום שרייבערס געדאַנקען און געפילן. אין דעם באַשטייט דער נחת רוח. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז אַלץ געגערדט געוואָרן, ווען דער שרייבער איז דער מייסטער, וואָס ער האָרף זיין.

פּרץ הירשביינס „בבל" איז אַ געמאַטערט ווערק. איר האָט דעם געפיל לייענענדיק, אַז ס'איז אַ רחמנות אויפן פיינעם דראַמאַטורג הירש־ביין, וואָס ער האָט זיך גענומען צו אַ טעמע וואָס איז ניט אין זיינע כוחות. ער האָט זיכער געמיינט גוט. אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן, געשטעלט אַ רעשטאַוואַניע, אויפגעבויט אַ בנין, אויסגעשטאַט מעבל, נאָר — קיין פונדאַמענט ניט געלייגט. עס וואָלט הירשביינען אַ סך בעסער געלונגען אָנצושרייבן אַ סעריע עסייען וועגן זעכציק יאָר יידיש לעבן אין אַמעריקע. מיר וואָלטן מסתם ניט געווען צופרידן מיט זיינע אויספירן, נאָר מיר וואָלטן זיך צוגעהערט צו זיין וואָרט מיט גרויס רעספּעקט און זיך פאַר־טיפט אין זיין אינהאַלט. אַנדערש איז אָבער מיט אַ ראָמאַן. עסייען זיינען צייט־זאַכן, אַ ראָמאַן דאַרף בלייבן לזכרון פון אַן עפּאָכע. די טיפּן אין אים דאַרפן זיין אומשטערבלעך. מיר דאַרפן קאָנען מיט זיי זיך אַן עצה האַלטן, אויב נויטיק. מיר דאַרפן פון זיי זיך לאָזן פירן אין די לאַבירינטן פון דער עפּאָכע, אין וועלכע זיי פיגורירן.

הירשביינס טיפּן אין זיין ראָמאַן „בבל" זיינען ניט קיין יחידים; יעדער פון זיי, ווי איך פאַרשטיי, סימבאַליזירט מיט זיך אַ שיכט פון די איינגעוואַנדערטע דורות. איז פון אַלע טיפּן אין בוך מיר געבליבן אין זכרון בלויז איינער (דר. לוריע), וואָס דריקט מיט זיך פאַקטיש אויס הירשביינס לעבנס־אָנשויאונג.

אין די אָנהייב אַכציקער יאָרן פון לעצטן יאָרהונדערט איז אָנגע־קומען אין ניו־יאָרקער האַפן אַ פאָטער מיט זיינע זיבן קינדער, זעקס זין און אַ בת־יחידה. די מאַמע איז געשטאָרבן אויף דער שיף און מען האָט זי מקבר געווען אין אַטלאַנטיק. דער ערשטער סימבאָל — דער גייסט פון דער אַמאָליקער היים איז אַפּגעווישט געוואָרן מיטן אָנקומען אַהער. יעדער פון די קינדער (צווישן זיי זיינען פאַראַן צוויי צווילינגען) סימ־

באליזירט א פאזיציע פון יידישן לעבן אין לאנד. איינער איז געווארן א פארמער, ווייל ער האט פיינט געהאט די שטאט (די עם־עולמניקעס, ראבאישע טיפן, די פארשיידענע פארם־קאלאניעס); דער צווייטער איז געווארן טעטיק אין דער ארבעטער־באוועגונג; דער דריטער האט זיך ארויפגעארבעט און ער איז געווארן אן אלראיטניק און א ציוניסט; דער פערטער האט זיך פארנומען מיט וויסן־שקלאפן האנדל (די אמאליקע אלען סטריט), און שפעטער איז ער געווארן א רעקעטיר; דער פינפטער איז נעבעך געשטארבן פון טשאכאטקע, און דער זעקסטער, דער בעסטער, איז געווארן א דאקטאר־מעדיצין און פון אים, דעם איינ־ציקן, האבן מיר א ביסל נחת.

הירשביין האט געפרואווט ארומנעמען די וויכטיקסטע פאסירונגען אין יידישן לעבן פון ניו־יארק. מיר האבן דא דעם טראיענגל־פייער, שלום־עליכמס טויט און לויה, א.א. נאר איך דערפילט גלייך, אז עס איז ניט קיין ארייננעוואקסענער טייל פון ראמאן. די ווייסע שטעך זעען זיך שטארק אן.

איבערן גאנצן ווערק גייט דורך ווי א רויטער פאדעם דער באוואוסט־זיין, אז הירשביין נוצט אויפן ראמאן דעם מעטאד פון דראמאטורג, זייער א שלעכטער און פאלשער מעטאד. דערפאר האלטן די העלדן אין איין רעדן, דערפאר זיינען די האנדלונגען מעלאדראמאטיש און טעאטראליש, דערפאר ווילט זיך אייך ארויסגיין און איבערהיפן דעם צווייטן און דריטן אקט און אריינקומען צום פערטן, לעצטן אקט.

דער מחבר שטעלט פאר אונדז אוועק דאס פראבלעם פון געמישטע חתונות אין בוך; דאס פראבלעם פון קינדער־דערציאונג אונטער אזעלכע אומשטענדן. דאס אייביקע פראבלעם פון יוגנט און עלטער, און נאך פראבלעמען, וואס זיינען אן אוצר פאר אן עסייאיסט, נאר א גרוב פארן ראמאניסט. לייענט איר דיאלאגן, וואס ווערן סופלירט פון שרייבער און ווערן דעקלאמירט פון אקטיארן־פורצעס.

האב איך, לייענענדיק „בבל", זיך ניט געקאנט צוריקהאלטן פון טראכטן וועגן דעם צוקונפטיקן לייענער פון דעם ווערק. האב איך זיך פארגעשטעלט ווי דער אמעריקאניזירטער ייד וועט אויפנעמען דאס ווערק. וואס ווייטער איך האב געוואנדערט — ס'איז געווען א ווייטער וואנדער — אלץ מער האב איך באדויערט מיין לייענער. וואס וועט ער

טראַכטן וועגן אַ שרײַבער מיט אַ פּאָפּולערן נאָמען, וואָס שרײַבט אַזוי אומבאַהאָלפֿן, אַזוי קינדעריש־פּשוט, וועגן אַזעלכע רויט־בלוטיקע ענינים ווי טאָג־טעגלעכע לײַדנשאַפֿטן — רופֿט עס ליבע, אויב איר מוזט — וועגן סטרײַקס און אַרבעטלאָזיקייט, וועגן פּאָליטיק און גרויסשטאָטיקן ווירוואַר, וועגן רעליגיע און שמעלץ־טאָפּ, וועגן נשמה־אויפֿברויזן און פּאַרצוקנדיקע גופֿים?

הירשביין פּאַרמעסט זיך אויף פּאָליטישע דיאַלאָגן, דיסקוסיעס צווישן ציוניסטן און אַסימילאַטאָרן, צווישן סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן, א.אַ. — ער האָט געוואָלט וואָס מער אַרײַננעמען, אָנשטאָפּן דעם זאַק פֿון געשעענישן. האָט זיך באַקומען אַ הירשביינישער דיאַלאָג אומעטום.

עס איז ניט שווער צו דערגיין אין בוד, גלײַך בײַם אָנהייב פֿון יעדן נײַעם קאַפּיטל, ווער מיט וועמען עס וועט חתונה האָבן. און מען מוז צוגעבן, אַז דער מחבר איז אַ גוטער שדכן. איר האָט ווידער דאָס געפֿיל פֿון אַ ניט־דערבאַקן שטיק טעאַטער, געשפּילט פֿון אַמאַטאָרן. איר גייט אויס פֿון לאַנגווײַל.

שוין אָפּגערעדט, וואָס בײַ הירשביינען אין ראָמאַן זײַנען די פֿרויען די אַגרעסיווע, מישטיינס געזאָגט, די, וואָס שלעפּן ממש די מענער צו זיך, ר״ל. בכלל זײַנען די ליבעס־סצענעס אַזעלכע געקינצלטע, אַז ס׳איז פּשוט אַ רחמנות אויף די פּאַרלעך.

די סיטואַציעס אין „בבל״ זײַנען מעלאָדראַמאַטיש פֿאַלשע, די טיפּן — לעבלאָזע, דער אינטערעס שטייגט ניט שטופּנווײַז.

גוט איז הירשביין אויפֿן פּאָרם, אין זײַנע נאַטור־שילדערונגען, אין אידילישע מאָמענטן.

„בבל״ איז אַ בבל פֿון מחברס געדאַנקען און געפֿילן. אין דער איצטיקער קריטישער צײַט איז אַ ווערק פֿון אַזאַ כאַראַקטער אַ פֿאַרשווענד פֿון צײַט און ענערגיע פֿאַרן שרײַבער און נאָך מער פֿאַרן לייענער.

קענטיק, אַז כּדי צו קאָנען שרײַבן אַז עפּאָפּעיע איז ניט גענוג צו זײַן אַ שרײַבער. מען דאַרף אויך פֿאַרשטיין די צײַט, וועגן וועלכער מען שרײַבט, און מער ווי אַלץ — מען דאַרף האָבן אַ גרונט־ציל, און זיך דערהויבן דורך די טיפּן, וואָס מען ברענגט אַרויס.

הירשביינס אידעאלאגישע צעשוואומענקייט באקומט איר תיקון אין זיין ראמאן „בבל".

דאס יידישע לעבן פון אמעריקע ווארט נאך אויף זיין ראמאניסט. א וואונדערבארע טעמע בעט זיך רחמים, אז מען זאל פאר איר געפינען א היים און אן אדרעס.

לאמעד שאפירא

א

עס איז פאראן נאך אלץ א קליינשטעטלדיקער פארנעם, א מין פרעמד־קייט ביי אונדזערע דערציילער, וואס פארמעסטן זיך צו שרייבן וועגן אמעריקע. אין דעם רוב ווערק, וואס עס האבן ארויסגעגעבן אונדזערע ראמאניסטן און דערציילער, מערקט זיך נאך אלץ די ניט־איינגעזעסנקייט, דאס ניט קאנען זיך גייסטיק איינפונדעווען אין לאנד.

עס איז ניט קיין פראגע פון דער צאל יארן וואס מען לעבט דא. מען קאן וואוינען צענדליקער יארן און דאך זיך פילן פרעמד, און מען קאן אין משך פון א קורצער צייט אויפנעמען דעם ריטם פון לאנד און דעם פולס פון זיין באפעלקערונג. .

מען קאן געבוירן ווערן אין ניו־יארק און דאך ניט דערפילן דאס אמתע גרויסשטאטישע. ניט איין אמעריקאנער יידישער שרייבער איז איבערגעשראקן געווארן פון דער טעמע אמעריקע, וואס ער האט געהאט פאר זיך; זי האט אים באוועלטיקט, און ניט — פארקערט.

מען פילט ביי פיל יידישע שרייבער, אז זיי קאנען ניט אויסוואָרצלען דאס שטעטל אין זיך און פון זיך. די מערסטע העלדן פון די ראמאנען, פון די מאדערנסטע ראמאנען אפילו, שטעקן נאך פסיכיש אין זייער גע־בורט־שטעטל. ווי זייערע העלדן, זיינען זיי אריבערגעקומען אהער נאך אין זייערע קינדער־יארן, ווען דער איבערברוך האט געלאזט טיפע שפורן אויף זיי.

לאמעד שאפירא איז פון די געציילטע יידישע דערציילער, וואס האט זיך ניט דערשראקן פאר דער גרויס־שטאט. ער שרייבט וועגן איר ווי אן איינגעבירגערטער און א דאאיקער. וועגן דעם יידישן ניו־יארק שרייבט ער ווי אן עכטער ניו־יארקער. ער איז דער אורבאניסטישער שרייבער אין דער יידישער ליטעראטור.

לאמער שאפּירא האָט נישט קיין סך געשריבן. זיין אַמעריקאַנישקייט קאָן מען אורטיילן פון זיין „ניו־יאָרקיש", הגם אין אים געפינען זיך אַ צאָל ניט־אַמעריקאַנישע טעמעס. ווינציק שרייבער קאָנען זיך פאַרגלייכן צו שאַפּיראָן אין אויפּפאַסן די היגע אַטמאָספּערע. אמת, זיינע טיפּן זיינען אויך אימיגראַנטן, זיין צענטער איז ניו־יאָרק, דאָך שטייט הינטער דעם אַלעם אַן אַמעריקאַנער שאַפער, איינער וואָס האָט אויפגענומען אַמעריקע מיט זיין גאַנצער נשמה.

אין זיין זשורנאַל „סטודיאָ" האָט לאַמער שאַפּירא אָפּגעדרוקט טיילן פון זיין ראָמאַן „דער אַמעריקאַנער שד". ס'איז אַ ראָמאַן וועגן אונדזערע טעג, אונדזערע מענטשן. יעדער דעטאַל אין אים איז אונדז וואויל באַקאַנט און דערפאַר טאַקע קאָנען מיר נאָך בעסער אָפּשאַצן לאַמער שאַפּיראָס גרויסן טאַלאַנט. ער איז בכלל שפּאַרעוודיק אין רייד און קאַרג אויף דער פּראָזע. ער דאַרף ניט אָנקומען צו קיין אויסטערלישע טיפּן, צו קיין גענגסטערס. זיינע העלדן זיינען פּשוטע אַרבעטער, קליינבירגער. זיין מלוכה (אין דעם ראָמאַן) איז די מלוכה פון אַ פּרוכט־ און גראָסערי־מאַרק אין די בראָנקס. (אויך אין דעם פּרט איז שאַפּירא אָריגינעלער פון די אַנדערע יידישע ראָמאַניסטן, וואָס קאָנען זיך נאָך אַלץ ניט באַפרייען פון דער איסט־סאַיד, הגם בראָנקס און ברוקלין זיינען אויסגעצייכנטע קאַנוועס פאַר בילדער פון יידישן לעבן.)

דזשייק טרוימט פון אַ כלה און — אַ סאָדע־קליטל. און ווען ער באַקענט זיך מיט סוזין, וואָס טרוימט פון אַ מאַן און זי וויל פּטור ווערן פון שאַפּ־לעבן, טראַקטירט ער איר מיט אַ גלעזל סאָדע — און נאָכאַמאָל מיט אַ גלעזל סאָדע. און ער קלייבט אַזוי לאַנג דעם קאַפּיטאַל פאַרן סאָדע־קליטל אידעאַל, ביז די באַנק, אין וועלכער ער האַלט זיין געלט, פּלאַצט. אָט דאָס איז אַמעריקאַניש, אָט דאָס איז ניו־יאָרקיש.

שאַפּירא פירט אונדז אַריין אין אַ יידיש הויז אין די בראָנקס, וואו עס קומען זיך צונויף אינטעליגענטישע טיפּן, פּראָזאַאישע, ניכטערע נפשות. אָט איז בעטי סוואַרטץ, די שונד־שרייבערין פון אַ יידישער צייטונג, וועמעס גרעסטע אַמביציע איז דערשלאָגן זיך צו האָליוואָוד — שרייבן סצענאַריאָס פאַר קינאָ־בילדער — און זי פאַרלאַנגט פונם זעצער אין דער רעדאַקציע: „זעץ סוואַרטץ און ניט „שוואַרץ".

מיר קענען די טיפן, וועלכע שאפּירא מאָלט. ווי פּריש, ווי מייסטער־האַפּטיק קומען זיי אַרויס ביי אים! ווי שטאַרק געלינגט אים, מיט גאָר ווינציק ווערטער און זאַצן, אַריינצובלאָזן אַ לעבעדיקן אָטעם אין זיי; ווי עכט שטייען זיי פאַר אונדזערע אויגן, ווי באַגלויביק זיינען זייערע רייד און האַנדלונגען!

ווען שאַפּירא דערציילט אונדז, אַז „דער גאַנצער בלאָק אויף איין זייט בווירנסאַיד עוועניו האַנדלט מיט עסנוואַרג, ווייל אין בראָנקס עסט מען", גלויבן מיר אים, ווייל באַלד גיט ער אונדז אַ מאָל־אויס דעם „פּיור פוד מאַרקעט", ניט קאַטאַלאָגיש, — מיר דערפילן דעם ריח און די לופט פון מאַרקעט, וואו עס האָבן זייערע שטעלן און ווינקלען: „אַ גרינסער, אַ מילכער, אַ קצב פון בשר כשר, אַ פישלער, און הענעד קאַץ, דער גראַסער." שאַפּירא גיט צו יעדער פּראָזע זיין אייגנאַרטיקן סטיל. דאָס וואָרט גייט דורך אַ זייער.

עס איז געגנוג פאַר שאַפּיראָן צו געבן אונדז אַ פּאָר שטריכן וועגן דעם גראָסערי־אַרבעטער יאָסל, וואָס ענטפערט ניט ווען מען רופט אים דזשאָו, אַז מיר זאָלן האָבן פאַר זיך דעם פּרצוף פון אים. דאָס זעלבע מיט דעם איטאַליענישן אַרבעטער פון גרינסן, וואָס הייסט דזשוזעפּאָ, נאָר אַלע רופן אים טאָני, ווייל אַן איטאַליענער דאַרף זיין טאָני.

עס קומט פאָר אַ סטרייק אין מאַרקעט. אויך דער סטרייק איז געגעבן ווי אַ מאָזאַאיק — מיר זעען פאַר זיך דעם סטרייק מיט אַלע זיינע פאַזן.

סוזי האָט חתונה געהאַט מיט הענעד קאַץ, דעם גראָסער. זי האָט, קענען איר ווילן, אַ קינד מיט אים. זי דערשיינט אויף דער סצענע מיטן קינדער־וועגעלע, זי העלפט אַרויס אין גראָסערי. איר האָט פאַר זיך טויזנטער ענלעכע יידישע בראָנקסער און ברוקלינער פרויען פון קרעמער.

און דאָס איז ניט קיין היגע אויפלאַגע פון אַמאָליקן יידישן קרעמער פון דער אַלטער היים. דאָס איז אַלץ אַ דאָ־געוואָרענער, אַן עכטער היגער פּראָדוקט, וואָס בלויז ניו־יאָרק אַליין האָט אים געקאַנט שאַפן.

צום באַדויערן, איז דער גאַנצער ראָמאַן נאָך ניט פאַרעפנטלעכט.

„דער אַמעריקאַנער שד" איז דערשינען אין „סטודיאָ", יאַנואַר־מערץ נומער, 1935. דאָס איז „אַן ערשטער טייל פון אַ ראָמאַן אין פיר טיילן, פון אַמעריקאַנער לעבן, פון אונדזערע טעג — לאָמיר זאָגן, פון די לעצטע 10 יאָר", האָט באַמערקט דער רעדאַקטאָר (שאַפּירא) אין זיינע נאָטיצן

פון דער רעדאַקציע. אין ערשטן נומער „סטודיאָ״, יולי־סעפּטעמבער, 1934, איז דערשינען „דער שטול״, אַ קאַפּיטל פון זעלבן ראָמאַן.

דאָס יאָר איז 1927, די אַנקומענדיקע נאַכט פון 22־טן אויפן 23־טן אויגוסט. עס איז געווען די נאַכט פון סאַקאָ און וואַנזעטי. די גאַנצע וועלט האָט געפיבערט מיט דער געשעעניש. סאַקאָ און וואַנזעטי זיינען געוואָרן דער סימבאָל פון רעכט קעגן מאַכט. אין ניו־יאָרק איז דער אויסדרוק פון פּראָטעסט קעגן געפּלאַנטן געזעצלעכן מאָרד פאַרגעקומען אויף יוניאָן־סקווער. לאַמעד שאַפּיראָ, דער מאָדערנער קינסטלער מיט מאָדערנע מיטלען פון זיין טאַלאַנט, האָט געפונען פאַר נויטיק אָפּצו־שפּיגלען יענעם היסטאָרישן מאָמענט אין זיין ראָמאַן. דער עלעקטרישער שטול, אויף וועלכן סאַקאָ און וואַנזעטי זיינען אומגעבראַכט געוואָרן, האָט קינסטלעריש אין אונדזער ליטעראַטור געפונען זיין אָנדענק־פּלאַץ אין שאַפּיראָס קאַפּיטל פון ראָמאַן.

שאַפּיראָ איז קיינמאָל ניט סענטימענטאַל. ער אָפּערירט ניט מיט עמאָציאָנעלע מיטלען. ער איז ניכטער אין זיינע שילדערונגען, אין זיינע פּסיכאָלאָגישע עקספּאָזיציעס.

אָט ווי ער גיט איבער איינעם פון די שטאַרקסטע מאָמענטן אויף יוניאָן־סקווער, ווען ס׳איז באַקאַנט געוואָרן, אַז סאַקאָ און וואַנזעטי זיינען אומגעקומען.

„אַ ציטער — אַן אומזיכטיקער ציטער, פאַרבאָרגן פון מענטשנס אויג, איז געלאָפן איבער אַלע עלעקטרישע דראָטן איבער דער גאָרער וועלט: „דער שטראָם איז געעפנט״. אין די רעדאַקציעס פון די צייטונגען האָט מען דאָס שווייגנדיק געלייענט, נאָר דער עולם אויף די גאַסן און סקווערן האָט זיך בלויז אַנגעשטויסן. ביי יאַלקוטן האָט זיך אויפגעשטעלט דאָס צעפּל אויפן קאָפּ. לעבן אים, ביי דער טיר פון דער קאַפעטעריע, האָט זיך די לאַנגע פיגור פון דזשערעמאַי ווילסאָן אויסגעצויגן משונהדיק לאַנג. דער נעגער ליוק האָט געשוויצט קאַלט און קלעפּיק, ניט געקוקט אויפן הייסן אָוונט. דזשייק בערעזע איז ערגעץ נעלם געוואָרן.״

און אַ ביסל שפּעטער קומט פאַר דער ראַיאָט אויפן סקווער. שאַפּיראָ באַשרייבט אים פּולבלוטיק, קרעפטיק. עס וועט בלייבן ווי אַ מוסטער אין אונדזער ליטעראַטור.

אַזוי איז אויך די „לינקע״ קאַפעטעריע אויפן סקווער אריין דורך שאַפּיראָן אין אונדזער ליטעראַטור אויף אַ מייסטערהאַפטיקן אופן. פאַרבנ־

רייד, קרעפּטיק, גרויסשטאָטיש. מיר קענען גוט דעם טיפּ דזשייק בערעזע, וואָס „רק ער קריגט זיך מיט די לינקע און רק ער האַלט זיך אַרום זיי". און דער אַמעריקאַנער לינקער דזשערעמאַי ווילסאָן, וואָס זיצט ביים טישל, איז פון שאַפּיראָן אַזוי כאַראַקטעריזירט געוואָרן: „ער איז אַ גוטער חבר, נאָר די פאַרעינערס קומען אים פאָר אַ ביסעלע — אַ, בלויז אַ האַרעלע! — „קוויר" — מאָדנע, הייסט עס — און די באַציאונג פון זיי צו אים איז אַ קאַפּעלע — אַ, אַ טראָפּעלע! — סובטיל־חניפהדיק, און צוריקגעהאַלטן, און אָפּגעהיט . . . ביידע צדדים וואָלטן זיך געשעמט מודה צו זיין זיך אין די דאָזיקע געפילן וואָס זיי האָבן זיך מיט אַלע כוחות באַמיט אויס־צולעבן, נאָר וואָס זיי האָבן נאָך דערווייל ניט אינגאַנצן אויסגעלעבט."

מער ווי ביי וועלכן ס'איז אַנדערן יידישן דערציילער אין אַמעריקע וועט מען קאָנען ביי ל. שאַפּיראָן דורך זיין ראָמאַן „דער אַמעריקאַנער שד" דערפילן די עפּאָכע, דעם שטורעם און דראַנג אין יידישן לעבן אין די שפּעטע צוואַנציקער יאָרן.

עס איז אַ שאָד, וואָס ל. שאַפּירא האָט זיין ראָמאַן ניט פאַרענדיקט און וואָס ער האָט ניט באַקומען די נויטיקע דערמוטיקונג צו קאָנען זיך ווידמען דעם יידישן לעבן פון אַמעריקע. ער האָט דעם נויטיקן צוגאַנג צו דעם אַמעריקאַנישן אין דער יידישער ליטעראַטור.

אין ל. שאַפּיראָס בוך „ניו־יאָרקיש" (פאַרלאַג „אַליין" ניו־יאָרק, 1931) געפינען זיך פינף דערציילונגען, פון וועלכע דריי זיינען אויף אַמעריקאַנישע טעמעס. די ערשטע הייסט „ניו־יאָרקיש" און די האַנדלונג הייבט זיך אָן אין אַן אויטאָמאַט. אַ יידישער בחור באַשטעלט בלינעס („ווהיט קעיקס") ביים „מיידל מיט די נאַקעטע, ברוינע אָרעמס, אין ווייסן פאַרטוך און מיטן לייוונטענעם מיצל אויף די האָר". זיי קענען זיך ביידע ניט, נאָר דעם זעלבן אָוונט האָט זיי די אומרו פון דער שטאָט דער־נענטערט און זיי זיינען געוואָרן גאָר־גאָר נאָענט. צוזאַמען אַריין אין אַ מואווי, צוזאַמען געגעסן אין אַ גוטן רעסטאָראַן און צוזאַמען געשלאָפן.

ס'איז אַ דערציילונג, וואָס האָט, דוכט זיך, אין זיך אַלע עלעמענטן פון שאַבלאָן. ניט איין שרייבער וואָלט געשטרויכלט געוואָרן דערביי, נאָר ביי שאַפּיראָן איז אַרויסגעקומען אַ רייפע, געשליפענע און גאַנצע זאַך. דער נאָמען „ניו־יאָרקיש" איז ווי צוגעפּאַסט צו איר. עס איז דאָ ניט

וויכטיק דער סיפור המעשה, נאָר דער ריטם פון ניו־יאָרק, דער טעמפּ פון היגן לעבן, און דאָס איז שאַפּיראָן געלונגען איבערצוגעבן.

אין „נסיעה דורכן מילכוועג" האָט שאַפּירא אין א 15 קליינע זייטן אריינגעפּאַקט מער אינהאַלט און אַמעריקאַנישקייט ווי אַנדערע ראָמאַניסטן אין א דיקן באַנד. ער כאַראַקטעריזירט זיין העלד נאָך דער וואָג זיינער. „אין עטלעכע חדשים ארום האָט מען אים אַרויפגעצויגן צו הונדערט און דרייסיק פונט." „א מענטש האָט זיך אַרויפגעאַרבעט, געוואָרן רייך, אָנגעפּירט גרויסע געשעפטן. אַרבעטער האָבן געסטרייקט קעגן אים. דער סוף איז געווען — צוקער (קרענק). ווי קום איך צו צוקער? וואָס פאַר א געשעפטן האָב איך מיט צוקער?"

ער ליגט אין שפּיטאָל. נוירם — האָט דער קראַנקער געאָטעמט באַרג־אַרויף. — נוירם, ליבע . . . אַז איכ'ל געזונט ווערן . . . וועל איך אָפּגטן מיין ווייב . . . און חתונה האָבן מיט דיר."

אַט האָט ער נאָך געפילט דעם לייב אונטער אירע קליידער און אַט וואַנדערט ער שוין דורכן מילכוועג און ער פאַרפליט אין די ווייטע רוימען און פאַרגעסט דעם וועג אויף צוריק.

די לעצטע דערציילונג אין בוך הייסט „דאָק", פאַרקירצט פון דאָקטאָר. ניט איין היימישער אינטעליגענט האָט אין אַמעריקע געוואָלט ווערן א דאָקטאָר. בייטאָג געאַרבעט אין שאַפּ, אין אָוונט געגאַנגען אין פּריפּעריטאָרי סקול און זיך געגרייט צו ווערן א דאָקטאָר. ל. שאַפּירא פירט אונדז אַריבער אין יענע יאָרן, ווען „א מיטאָג האָט געקאָסט צוואַנציק סענט, און א בחורשער צימער האָט זעלטן ווען געהאַט א פענסטער", און ווען מען האָט אויסגעדריקט די אומצופרידנקייט מיט אַמעריקע דורך זאָגן: „אין יוראָפּ איז אַנדערש".

בעני מילגרוים האָט געוואָלט שטודירן אויף דאָקטאָר און „אין שאַפּ איז געווען אַזאַ מיידל און אַזוי ווייטער."

די איסט־סייד, קוני־איילאַנד, שלומס קאַפע, די באַלפור־דעקלאַראַציע, און — צייטן בייטן זיך, „אוים איסט־בראָדוועי" — און בענים פּרייַנט, פישלער, מאַכט איין מאָל א תכלית פון דער יידישער ליטעראַטור און פּרעסע. און וועגן לאַמעד שאַפּיראָן זאָגט שאַפּירא מיטן מויל פון פישלערן:

„ל. שאַפּירא לעבט אין זכות פון זיין אַמאָליקן „צלם", וואָס איז פון אַלע מאָל געווען א פאַלשע, באַמבאַסטישע זאַך, געשריבן אויף א ביי־קול.

אויף דעם סמך קוקט ער איצט אויף אלעמען מיט גדלותדיקער עניוות, וואס דארף אונדז געבן צו פארשטיין, אז אין תוך איז ער שיער ניט דאס געווויסן פון דער יידישער ליטעראטור, נאר מיר טפשים, ווייסן ניט דערפון."

פישלערס אנאליז איז איינגנטלעך געווען א מוסטער פון די פאררוי־כערטע רייד, וואס מען האט אין יענער צייט געקאנט הערן אין דער ליטעראַרישער קאפע.

בעני — דר. מילגרוים — האט אפגעלעבט א לעבן פון פוסטקייט און בענקעניש און צום סוף אנגעשטעלט די ראדיא אויף דער סטאנציע וו.א.י.פ. און — עס איז שוין ניט געווען ווער עס זאל זי פארדרייען. איז זי ביינאכט געגאנגען, די ראדיא, און „פונקט זיבן אזייגער האט די ראדיא־סטאנציע זיך אויפגעכאפט פון שלאף. פונם דאקטארס פענסטער ארויס האט זיך דערהערט א שטים: „'ד מארנינג, לעידים ענד דזשענטלמען! איך האף, אז איר זענט גוט געשלאפן. מיר וועלן אייך היינט ארויסנעמען פון בעט מיט אן אויסוואל פון אריעס פון אלטע רוסישע אפערעס." . . . א כאר פון מיידלשע שטימען האט שטיל אנגעהויבן אויף רוסיש: „נאך וואסער צו דער ליכטיקער אראגווע יעדן גייען מיר פארנאכט."

נאר דער דאק האט שוין לאנג ניט געהאט געהערט.

מיט אים איז אפגעשטארבן א דור פון יידישע אינטעליגענטן, וואס האבן געוואלט אנטלויפן פון הארטן אמעריקאנער לעבן, פון קאמף און יאגעניש נאך עפעס בעסערס.

ווי מיר זעען, האט לאמעד שאפירא געשריבן איבער אמעריקע נישט פיל, אבער דאס ביסל, וואס ער האט אונדז געגעבן, איז זייער וויכטיק און אנגעלייגט.

כאווער פּאווער

א

צווישן די דערציילער פון יינגערן דור יידישע שרייבער אין אמעריקע איז כאווער פּאווער איינער פון די טאַלאַנטפולסטע און פּאָפּולערסטע. ער איז אויך איינער פון די באַליבטסטע שרייבער ביי די אמעריקאַנער־געבוירענע קינדער, וואָס האָבן זיך דערצויגן אין די יידישע שולן. כאווער פּאווער האָט געשריבן ספּעציעל פאַר קינדער. זיינע צוויי ערשטע ביכער מעשהלעך, וואָס זיינען דערשינען אין ניו־יאָרק מיט איבער צוואַנציק יאָר צוריק, האָבן יאָרן־לאַנג אויסגעפילט אַ ליידיק פּלאַץ אין אונדזער אָרעמער קינדער־ליטעראַטור. זיי האָבן אין זיך ניט פאַרמאָגט די לייכטקייט און שפּילעוודיקייט פון לעאָן עליבעס שפּראַך, זיי זיינען אָבער געווען מער דערציילעריש, אָפּט צו־טרויעריק, נאָר זיי זיינען איינגעשלונגען געוואָרן פון נייעם דור. כאווער פּאווערס ראָמאַן פאַר קינדער, „פון יענער זייט טייך", האָט געהאָלפן אמעריקאַנער יידישע קינדער זיך צו באַקענען און ליב באַקומען די יידישע שפּראַך. שפּעטער זיינען אַרויס זיינע צוויי ביכער וועגן הינטל „לאַבזיק", וואָס האָבן שוין געהאַט צו טאָן מיט דער אמעריקאַנער סביבה. אין די „לאַבזיק"־מעשיות האָט דער מחבר אַריינגעבראַכט זיין איינגאַרטיקן הומאָר און איינפאַלן. אַזוי אַז ווען מען וועט שרייבן וועגן „אמעריקע אין דער יידישער קינדער־ליטעראַטור" וועלן זיינע „לאַבזיק"־געשיכטעס פאַרנעמען אַן אָנגעזעען אָרט.

כאווער פּאווער האָט אַריינגעבראַכט אין אונדזער ליטעראַטור זיין איינענעם סטיל. זיינע זשורנאַליסטישע אַרבעטן (ער איז יאָרן־לאַנג אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דער „מאָרגן־פרייהייט") האָבן אין זיך אַ פּאָעטישע קוואַליטעט און אַ נשמהדיקן אַנהויך. זיי טיילן זיך אויס פון דעם טאָג־טעגלעכן רעפּאָרטאַזש.

כאווער פּאווער האָט זיך פּאָפּולער געמאַכט ביי די לייענער פון זיין

ציטונג מיט זיינע געריכט־בילדער, וואס זיינען ניי און אנדערשדיק און פארמאגן אין זיך קינסטלערישע שטריכן. זיי זיינען דערשינען אין בוך־פארם.

ב

כאַוווער פאַוווער האָט געשאַפן א צאל ראמאנען פון יידישן לעבן. זיי זיינען געדרוקט געווען אין דער „פרייהייט", נאר ניט אלע זיינען דערשינען אין בוך־פארם. אין 1930 איז געגאנגען זיין ראמאן „בראנז־וויל", וואס איז ניט ארויס אין א בוך. דערפאר קאן מען וועגן אים ניט שרייבן, ווייל ווי עס איז דער שטייגער אין אזעלכע פאלן, קאן ער נאך דורכגיין פארשיידענע טראנספארמאציעס. ערשט אין בוך־פארם קאן מען אים פאררעכענען פאר א גאנצער פארענדיקטער ארבעט.

דער פאקט אליין, וואס כאוווער פאוווער האט זיין ראמאן א נאמען געגעבן „בראנזוויל", שטרייכט אונטער זיין אמעריקאנישקייט. נאר אונ־טער בראנזוויל פארשטייט דער מחבר דאס יידישע לעבן אין ניו־יארק און ס'איז דארט קיין ספעציפיש בראנזווילישעס ניטא. ס'איז ניו־יארק און די ווירקונג פון דער מעטראפאליע אויפן יידישן איינוואנדערער.

„אין בראנזוויל, אז מען גייט צו דער ארבעט אין די טונקעלע פאר־טאגן, קוקט דאס אויס ווי גרויסע טשערעדעס שאף מיט אראפגעלאזטע קעפ", זאגט דער מחבר. נאר דאס זעלבע קאן מען זאגן וועגן בראנקס און וועגן מאנהעטן. וויכטיק איז, אז אין „בראנזוויל" האבן מיר שוין א בילד פון דער נייערער יידישער אימיגראציע. דא האבן מיר א יידן, וואס פארנעמט זיך מיט אן עכט־ניו־יארקישער פרנסה — אליעזר, וואס איז פארשפארט אין א סאבוויי־בודקעלע, וואו ער בייט אויס מטבעות אויף ניקלס. דא האבן מיר די געפאקטע סאבוויי, וואו „די וואס שטייען אנגעפאקט איינער איבערן אנדערן, ווייל זיי האבן שוין ניט קיין פלאץ, מוזן טאנצן. די שווערע רעדער זיינען די קלעזמער און זיי קלאפן אויס דעם ניגון צום טאנץ." אזעלכע טרעפלעכע באשרייבונגען פון ניו־יארק האבן מיר פיל ביי כאוווער־פאוווערן אין זיינע ראמאנען. ער האט אריינ־געטעמט אין זיך די גרויס־שטאט, אריינגעאטעמט ניט מיט פארגעניגן, נאר מיט ווייי, מיט מורא. ער האט אבער פון איר ניט געוואלט אנטלויפן. אויב זיינע העלדן אין די אנדערע ראמאנען בענקען נאך זייער היים־

שטעטל, אויב דער שרייבער אַליין סימפּאַטיזירט מיט זיי, איז דאָס דער־פאַר, ווייל ער, דער מחבר, פּונקט ווי זיי, פילט זיך נאָך אַלץ ניט היימיש דאָ, דערפאַר וואָס די שווערע באַדינגונגען פון לעבן האָבן ביי אים אַרויס־גערופן פּראָטעסט־געפילן און אַ ווידערגעפיל צו די לײדן, וואָס דער נייער לעבנס־שטייגער האָט גורם געווען.

אין זעלבן ראָמאַן „בראָנזוויל" דערציילט אונדז כאַווער פּאַוער וועגן דעם ווי „עס לויפן אָנגעפּאַקטע טראַמווייען איבער גאַנץ בראָנזוויל און האַלטן אין איין קלינגען און סטראַשען די דורכגייער אויף די גאַסן. שווארצע באַנען מיט ליכטיקע פענסטער קומען צולויפן פון ניו־יאָרק אַלע מינוט, גיבן זיך אַ שטעל אָפּ אויף גיך און שטופּן אַרויס פון די וואַגאָנען טויזנטער און צענדליקער טויזנטער מיידלעך, יינגלעך, מיטליאָריקע מענער און פרויען מיט פרייד אין די אויגן און מיט ברעכעניש אין די רוקנס." און אויך דערציילט ער אונדז ווי עס וואַרטן קינדער ביי די סאַבוויי־סטאַנציעס אויף זייערע עלטערן, וואָס קומען פון דער אַרבעט. ער איז אַ זעלטענער באַאָבאַכטער און אַ מענטשן־קענער. ער כאַפּט־אויף דעם ריטם פון ניו־יאָרק און אין זיינע ראָמאַנען ווערט קינסטלעריש איבער־געגעבן די ווירקונג פון דער גרויס־שטאָט אויפן מענטשן.

אין „בראָנזוויל" האָט כאַווער פּאַוער געוואָלט אַריינגעבן פאַרשיי־דענע אַמעריקאַנער איינפלוסונגען פון דעם נייעם לעבנס־שטייגער. דאָס איז געווען אַ פּראָבע, וועלכע ער האָט ניט ווי געהעריק אויסגענוצט. פּיטקין עוועניו מיט די טאַנץ־„קאַלעדזשעס" (זאַלן); דער וואוקס פון בראָנזוויל, דער איינפלוס פון פּראָספּעקט פּאַרק אויף דער יוגנט; קוני־איילאַנד; אַ „פּרייז־פייט"; אַ פּראָצעסיע מיט אַ ספר־תורה איבער בראָנזווילער גאַסן; אַ „פּול־רום"; אַ גוטער ייד — דאָס זיינען אַלץ וויכטיקע זאַכן אין אַ ראָמאַן, ווען זיי ווערן אַריינגעוועבט אין דער קאַנווע, אויפן ריכטיקן אָרט. דער מאַטעריאַל אינעם ראָמאַן באַוועלטיקט אים אָבער, אַנשטאָט פאַרקערט, ער זאָל באַהערשן דעם ראָמאַן.

ג

אין 1937 איז דערשינען כאַווער פּאַווערס ראָמאַן „קלינטאָן סטריט" (פאַרלאַג אידביוראָ, ניו־יאָרק, 343 זייטן). דאָס איז, דוכט מיר,

געוועז צווישן די ערשטע יידישע ווערק, וואס איז דראמאטיזירט געווארן אויף דער ראדיא. עס איז אויך אויפגעפירט געווארן פון „ארטעף" טע־אטער. כאווער פאוועך האט אויך געמאכט א צאל דראמאטישע פרואוון נאר זיינע פיל איינאקטערס און דראמעס זיינען צעזייט איבער פעריא־דישע אויסגאבעס.

„קלינטאן סטריט" איז געווארן זייער פאפולער ביים יידישן לייענער. כאווער פאווערס ראמאנען זיינען אייגנארטיק אין זייער קאנסטרוקציע. זיי זיינען געבויט קאלידעסקאפיש, קורצאטעמדיק, ווי די גרויס־שטאט וואלט ניט דערלויבט זיך צו פארטיפן אין די לעבנס און געדאנקען פון זיינע העלדן. די פארם איז טאקע א גרויס־שטאטישע, נאר דער ריטם איז א כאווער פאווערישער.

אין „קלינטאן סטריט" שילדערט כאווער פאוועך די ארעמקייט פון יידישן אימיגראנט, ניט בלויז זיין מאטעריעלע נויט, נאר נאך מער זיין גייסטיקן דלות. ער ווייזט אונדז דעם ריס צווישן עלטערן און קינדער. ארעמקייט האדעוועט פארברעכן, קינדער פון ערלעכע יידן וואקסן אויס גענגסטערס און אויסוואורפן.

קיין צענטראלע פיגור איז נישטא אין „קלינטאן סטריט". דאס איז, דוכט זיך, דער הויפט־חסרון פון אלע כאווער פאווערס ראמאנען. זיין יעדער ראמאן האט אין זיך מאטעריאל פאר א צאל ווערק. דערפאר פאר־לירט מען אפט דעם פאדעם פון די האנדלונגען. דער מחבר הייבט אן מיט איין העלד, לאזט אים איבער, נעמט זיך צו א צווייטן טיפ, לאזט אים ווידער איבער, נעמט אונדז אריבער אין א נייער אטמאספערע און לסוף ברענגט ער אונדז צוריק צום מקור. אט דער רעאליסטישער אימ־פרעסיאניזם, וואס וויל, מעגלעך, אפשפיגלען דעם אמעריקאנער ריטם פון לעבן, איז ניט קיין קלענער שטער אין דער הארמאניע פון בוך.

עפיזאד נאך עפיזאד, טיפ נאך טיפ רעגט אייך אן כאווער פאווערס „קלינטאן סטריט" מיט זיין פילפארביקייט. עס ווערן דא ארויסגעבראכט היימען און משפחות, די גאס מיט אירע פראדוקטן, די קאנפליקטן פון אלטן דור מיטן נייעם, דער נעכטן מיטן היינט, אמעריקע אין איר פאר־שמעלצונג פון פעלקערשאפטן און קולטורן. אין „קלינטאן סטריט" וואוינען יידן און איטאליענער. די יידישע יוגנט חברט זיך, אין שלעכטע זינען, מיטן איטאליענישן ניט־דערצויגענעם דור.

און אפשר דערפאר איז דא ניטא קיין צענטראלער העלד, ווייל דאס לעבן פורעמט אים ניט אויס, ווייל די געשעענישן זיינען צו־ראשיק און דער מענטש שפילט א נישטיקע ראלע.

„איטשע־מייער האט געוואלט, אז זיין זון מאיק זאל אויך גיין אין די וועגן פון זיין גאט. איז אבער די אמעריקאנער גאס מעכטיקער פון דעם גאט פון זיינע עלטערן. מעכטיק איז די ארעמקייט פון קלינטאן סטריט מיט אירע אייגענע געשאפענע געזעצן, מיט די פאליטישנס, גענג־סטערס, הולטאיעס און אויסוואורפן, מיט דער גאנצער פארדארבענער ארדענונג." (ז. 25).

די געבראכטע ציטאטע קאן דינען ווי א לייט־מאטיוו פארן גאנצן ווערק. אין אן אנדער פלאץ רעדט כאווער פאוער וועגן „דעם גרויסן טרויער, וואס הייסט אמעריקע".

איך ווייס ניט פארוואס אפילו דער יינגערער דור אמעריקאנער שרייבער דארף נאך נוצן דעם „קלאג צו קאלומבוסן" מאטיוו פאר זיינע ווערק. זיכער האבן זיך אויף קלינטאן סטריט אויפגעהאדעוועט שלעכטע יינגלעך און מיידלעך, נאר פון דארט, פון דער איסט־סאיד, זיינען דאך אויך ארויסגעקומען די סאמע אנגעזעענסטע און ניצלעכסטע יידן אין אמעריקע. פארוואס האט כאווער פאוער אונדז דווקא געדארפט געבן א ראמאן פון דער איסט־סאיד, וואו די גענגסטערס זאלן פארנעמען דעם אויבנאן ביי אים טעמאטיש, איז ניט קלאר? אמת, אין „קלינטאן סטריט" האבן מיר אויך איין פאזיטיוון טיפ, מאיקל, א רעוואלוציאנערער פאעט, נאר ער פילט זיך דארט אין בוך ווי א צוגעטשעפעטער, ווי דאס ביסל צוקער, וואס דארף דעם זויער־ביטערן טעם פון בוך ארויסנעמען.

כמעט יעדע משפחה, וואס ווערט ארויסגעבראכט אין „קלינטאן סטריט", איז א גייענדיקע טראגעדיע. אט וואס דער מחבר דערציילט אונדז וועגן דער הויפט־פאמיליע פון בוך: .

„דורכן גאנצן לעבן זיינען אפגעטאן געווארן צו איר פאמיליע אזוינע גרויסע אומגערעכטיקייטן. א טאטע, וואס איז געשטארבן אין זיינע יונגע יארן, א שוועסטערל מילדרעד, וואס איז פארפאלן געווארן און מען ווייסט ניט וועגן איר געביין. א שווייגנדיקע מאמע, וואס האט קיינמאל ניט געקאנט רעדן צו אירע קינדער. זי אליין, וואס איז אפגעשטאנען מיט א מאן זעקס יאר און האט ניט געוואוסט דעם זינען פון דעם. א ברודער מויש — א פארברעכער." (ז. 244).

מעגלעך, ווען כאַווער פאַווער וואָלט דעם ראָמאַן ניט געשריבן פאַר א טעגלעכער צייטונג, וואָלט ער אין אים ניט אַריינגעפּאַקט אַזויפיל צייטונגס־מאַטעריאַל, וואָלט ער אים ניט געשריבן אַזוי סקיצן־מעסיק. עס איז קלאָר, אַז די ריזיקייט פון אַמעריקע דערדריקט דאָס געמיט פון מחבר און דאָס שפּיגלט זיך אָפּ אויף זיינע העלדן.

ד

אין 1942 איז אַרויס כאַווער פאַווערס „די צען לאַנדסלייט" (אַרויסגעגעבן פון כאַווער פאַווער בוך־קאָמיטעט, לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ., 320 זייטן). דאָס איז אַ „ראָמאַן פון יידישן אימיגראַנטן־לעבן אין ניו־יאָרק", אַזוי זאָגט דער אונטערקאָפּ פון טיטול. גלייך פון אָנהייב איז קענטיק דער פאַווערישער ריטם. אימיגראַנטן אויף דער שיף, די צען לאַנדסלייט וואָס ווערן געבראַכט אַהער פון זייער אַמעריקאַנישן לאַנדסמאַן דעיוו, די צען נפשות פון שטעטל טשערעמעיעוו אין בעסאַראַביע. פאַראַן מורא פאַרן מאָרגן, פּחד פאַרן היינט, ציטער פאַר דער נייער ערד, וואָס זיי וועלן באַלד באַטרעטן.

כאַווער פאַווער שטעלט פאַר אונדז פאַר יעדן פון די צען לאַנדסלייט און זייער יחוס פון דער היים. נאָר גלייך דאָ פאַלט ער אַריין אין אַ קליינשטעטלדיקן טאָן, וואָס איז ניט פּאַסיק פאַרן אינהאַלט פון בוך.

אָט ווי ער שטעלט פאַר זלאַטען:

„אַן אָרעמאַנס אַ טאָכטער און נאָך ניט קיין שיינע דערצו: אַ לאַנגע נאָז, אַ פּנים פול מיט קלייען, פלאַקסענע האָר.

דערפאַר אָבער האָט איר שטיל קול געגלעט דעם מענטשן מיט וואַרעמקייט און גוטסקייט.

דערפאַר אָבער האָבן אירע אויגן פון ביר־קאָליר שטענדיק געלויכטן, שטענדיק געפלאַקערט.

דערפאַר אָבער האָבן אירע צוויי שלאַנקע פיס געשפּאַנט אויף דער וועלטס ערד מיט פרומקייט און שעמעוודיקייט." (ז. 6).

די „דערפאַרס" זיינען דאָ איבעריק, זיי גיבן נישט צו קיין חן צום סטיל פון בוך.

אין דעם בוך זעען מיר דאָס זעלבע ווי אין „קלינטאָן סטריט" — צופיל צעשפּרייטקייט, צופיל פאַרנעם, און ווידער נישט באַוויזן צו באַ־

הערשטן די טעמע. צען מענער און פרויען, פארשיידנארטיק אין שטאנד און אין אויפפיר — הפקר־יונגען און איידעלע בחורים, א גבירס א טעכטערל, און די ארעמסטע מיידל פון שטעטל, — אלע ווערן אריינגעווארפן אין קעסל־גרוב, וואס הייסט ניו־יארק. באזונדערע לעבנס, באזונדערע שטרעבנס און דער מייסטער איבער זיי, דער מחבר, שילדערט געלונגען וואס עס פאסירט מיט זיי; אבער באלויכטן די געשעענישן — דאס ניט. קומען ארויס קינסטלערישע סקיצן, נאר ניט קיין ראמאן.

ער באקענט אונדז מיט דעם נייעם ישוב פון בארא־פארק, פון בראנקס, נאר דאס ספּעציפישע פון די געגנטן גיט ער אונדז ניט. דערפאר, ווייל זיין צוגאנג צו אמעריקע איז דער צוגאנג פון זיינע העלדן — א פרעמדער און א פּעסימיסטישער. און נאך מער: דעם איידעלן מענטשן פון דער־היים איז דא פינסטער און ביטער, דעם אויסוואורף ווערט דא גוט.

אט ווי א „גרינע" שוועסטער „אנטדעקט" איר אמעריקאנער שוועסטער:

„א בליענדיקע מיידל מיט געדיכטע לאנגע, רויטלעכע צעפּ איז די שוועסטער איטע געווען אין דער היים. א פולבלעכע מיט א קלינגענדיק קול, מיט פריילעכקייט און געלעכטער, האט זי זלאטע געדענקט פון טשערעמעיעוו; און געטראפן האט זי גאר אין אמעריקע א נאכגעקרימטע שוועסטער איטע: אן אויסגעדארט מיידל מיט קורץ־געשוירענע האר, אין ברילן, מיט אן אויסגעבלאסטער הויט, מיט אן אויסגעדינטער שטימע." (ז. 60).

נאר טראגישער איז די לאגע פון דער „רוסישער" פּאר, מישא און קאטיא, וואס רעדן דא אויך רוסיש און וואוינען אויף סעינט מארקס פּלעיס. „אין דערהיים פּלעגט ער רייטן אויף א פערד, אנגעטאן ווי א פּריצל אין רייטער־הויזן, אין געלע שטיוועלעך און א קורץ טוזשורקעלע. דא אין אמעריקע פארקויפט ער צוקערקעס צו די קינדער פון גאס."

כאווער פאווער קען זיינע טיפּן. מיר זען זיי פאר זיך בולט, אבער עס זיינען דא צופיל העלדן אין בוך. זיי זיינען אנדערש איינער פון אנדערן און דאך זיינען זיי אזוי ענלעך איינער צום צווייטן. און דערפון די מאנאטאנקייט.

משה בוכבינדער, דער בעסטער העברייער פון שטעטל, דארף דא אנקומען צום פרינציפּאל פון דער תלמוד־תורה, וואס האט זיך ביי אים

אמאָל געלערנט און קען גאַרנישט; משהס געליבטע האָט חתונה מיט א פּוסטן בחור בלויז דערפאַר, וואָס יענער האָט געלט. משהן גייט דאָ כסדר מיט דער פּוטער אַראָפּ, און זיין סוף איז אַ טראַגישער — אַ סימ־באָלישער פאַר דער ברוטאַלער האַרטקייט פון דער טראַגעדיע, וואָס הייסט אַמעריקע.

די לאַנדסלייט טרעפן זיך אָפט צוזאַמען. די טיילן זייענען די סאַמע געלונגענסטע אין בוך. מען טרעפט זיך אויף אַ באַל פון לאַנדסלייט, אין שפּיטאָל ביי אַ קראַנקן חבר, אויף אַ חתונה פון אַ לאַנדסמאַן, אויף אַ לויה.

נאָר אויפן באַל פון די „אנשי בני טשערעמעיעוו", אויפן 25־יער־לעכן באַל פון דער סאָסייעטי, „קאָן זיך ווערן גאַרניט פאָרשטעלן, אַז די אַלע זיינען די זעלביקע טשערעמעיעווער יידן און פרויען, נאָר אָן קאַ־פּאָטעס, אָן בערד, אָן פּאות, אָן שאַלן, אָן קאָפּן־טיכלעך, אָן קליידער מיט אַ שלעפּ. מענער און פרויען, וואָס האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם גאַנצן היימישן שטייגער מיט אַלע מנהגים, מיט דער קליידונג, מיט דעם לשון. ווילן נאָכטאָן אַלץ, ווי די מענטשן אין דעם לאַנד טוען. ווילן זיך אויסמישן מיט די אַמעריקאַנער מענטשן . . ."

ווער איז דעיווס יונג ווייבל — דעיוו, וואָס האָט די צען לאַנדסלייט אַראָפּגעבראַכט קיין אַמעריקע, אַריינגערעכנט ווערען און איר געליבטן משה בוכבינדער. פּאַקטיש פאַרנעמט זי און משה דעם וויכטיקסטן טייל פון מחברס אויפמערקזאַמקייט.

ווערט די זאַך אביסל מאָדנע, אויב ניט פריקרע. ווער איז אַ קליינ־שטעטלדיקע אינטעליגענטקע, אַ יונג מיידל. וואָס האָט זי געוואָלט, אַז די לאַנדסלייט אירע זאָלן דאָ אין אַמעריקע טראָגן די זעלבע קליידער ווי אין טשערעמעיעוו, מיט די פּאות און קאָפּן־טיכלעך?

מיר האָבן אַלע איבערגעלעבט די אימיגראַנטן־ווייען קומענדיק אַהער, נאָר וויפיל איז דער שיעור צו קלאָגן אויף „דער גרויסער טראַגעדיע, וואָס הייסט אַמעריקע?

אמת, כאָטש פאָוער דערציילט אונדז, אַז „ס'איז ניט די אַמעריקע, וואָס זיי (די צען לאַנדסלייט) האָבן געזען אין זייערע קינדערשע פאַנטאַ־זיעס. יענע אַמעריקע איז געווען עפּעס אַ ווייט, וואונדערלעך לאַנד." (ז. 150).

אין אנדערע ווערטער, כאָווער פּאָווער אַליין ווערט מיטגעריסן מיטן גורל פון זיינע העלדן, וואָס קאָנען זיך דאָ ניט איינאָרדענען, און ער באַנעמט ניט, ווי אַ ראָמאַניסט דאַרף באַנעמען, די סאָציאָלאָגישע הינ־טערגרונטן און פּסיכאָלאָגישע פאַקטן, וואָס שפּילן דאָ אַזאַ וויכטיקע ראָלע און וואָס דער מחבר ברענגט זיי פּאַקטיש ניט אַרויס.

כאָווער פּאָווער פּרואווט אונדז געבן אַ שטריך פון דער יידישער יוניאָן־באַוועגונג. ער שילדערט אַ פּאָפּולערן יידישן אַרבעטער־פירער. ער שילדערט אים פאָטאָגראַפיש, און אין דעם ליגט אַ גרויסער חסרון. דאָ האָט כאָווער פּאָווער דורכגעלאָזט אַ זעלטענע געלעגנהייט אונדז צו געבן אַן אַריינבליק אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און אַרויס־ברענגען קינסטלעריש דעם אַרבעטער־פירער, אַנשטאָט איבערצוגעבן אַ פּאָר עפּיזאָדן וועגן אים, וואָס קאָנען שלעכט אויסגעטייטשט ווערן.

„די צען לאַנדסלייט" זיינען פול מיט עפּיזאָדן. כאָווער פּאָווער איז אַן אויסגעצייכנטער שילדערער, אַ פיינער דערציילער, נאָר קיין ראָמאַן, אין אמתן זין פון וואָרט, האָט ער נאָך דערווייל ניט אָנגעשריבן.

די אַמעריקע, וואָס געפינט זיך אין זיין „קלינטאָן סטריט", אין „די צען לאַנדסלייט" און אין „בראַנזוויל", געהערט צום שניט פון אַלטן דור שרייבער. כאָווער פּאָווער אַליין מיט זיין אָריגינעלקייט, מיט זיין קינסט־לערישער אומרו, מיט זיין אַריינזאַפּן אין זיך די גרויסשטאָט, געהער צום יינגערן דור שריפטשטעלער, פון וועלכן מ'קאָן אַ סך דערוואַרטן.

דאָס וואָס ער האָט אונדז געגעבן ביז אַהער, איז אַ וויכטיקער צו־שטייער צו אונדזער ליטעראַטור, הגם עס וואָלט זיך וועלן זען ביי אים אַ בעסער פאַרשטענדעניש פאַרן לאַנד, אַ פאַרטיפן זיך אין היגן לעבנס־שטייגער און אַ ווינציקער אימיגראַנטישן צוגאַנג צו אַמעריקע. עס איז שוין העכסט צייט דערפאַר.

אמעריקע אין דער
יידישער ליטעראטור

עס איז, דוכט זיך, ניטאָ קיין איין יידישער שרייבער ביי אונדז אין לאַנד, וואָס האָט איגנאָרירט אין זיינע ווערק די סביבה, אין וועלכער ער לעבט. פון יעקב צבי סאָבעל ביז דעם לעצטן פליכטלינג־שרייבער האָט יעדער געלאָזט הערן זיין וואָרט וועגן דעם ארום. פאַרטיפן מיר זיך אָבער אין דעם תמצית פון דעם געשאַפענעם פאַר די לעצטע 67 יאָר, זינט עס איז אויפגעקומען אַ יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע, דאַן קומען מיר צו דער פּראָבלעם: איז אַמעריקע אָפּגעשפּיגלט געוואָרן אין אונדזער היגער יידישער ליטעראַטור?

גלייך שווימען אַרויף אופן גערדאַנק קשיות און סתירות. פּרוּווסט, ווי אַן ענטפער, זיך פאַרטיידיקן מיט דעפיניציעס, וואָס לאָזן זיך ניט דעפינירן; לאָזט זיך וואַנדערן אין די לאַבירינטן פון אונדזער ליטעראַטור־געשיכטע און קומסט אַרויס פון דאָרט אַ ניט־באַפרידיקטער.

וואָס הייסט אַמעריקע אין דער יידישער ליטעראַטור? מיינען מיר מיט דעם געאָגראַפיע, די פאונאַ און די פלאָרא פון לאַנד? האָבן מיר אינזינען דאָס געשיכטלעכע? דאָס עטנישע? די אַמעריקאַנער סצענע?

דאָס און אַ סך, אַ סך מער. אַ ליד, אַ דערציילונג, אַ ראָמאַן, די דראַמע און אַפילו די קינסטלערישע פאַרצייכנונג זיינען דאָס פּאַס־ליכט, וואָס אַנטבלויזט זיך דורכן זונשטראַל; די פּריזמע, וואָס ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ ספּעקטרום.

דער יידישער שרייבער אין אַמעריקע — איז ער אַן אַמעריקאַנער יידישער שרייבער, צי איז ער געבליבן אַן אימיגראַנטישער שרייבער, וואָס קאָן ניט פאַרגעסן, וואָס קאָן ניט אויסוואָרצלען פון זיך זיין געבורט־אָרט, וואָס קאָן ניט אַריינפּאַסן זיך אין נייעם לעבנסשטייגער, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס ער פאַרברענגט דאָ הי מער יאָרן — און אָפט בעסערע יאָרן — ווי אין זיין אַלטער היים?

ס'איז קלאָר, אַז יעדער אימיגראַנט איז במילא אויך אַן עמיגראַנט. ער איז ניט באַדנלאָז, נאָר, פאַרקערט, טאָפּל־באַדנדיק, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן. איז דאָס ניט דער טרוים פון יעדן איינגעוואַנדערטן נאָך אַמאָל אין זיין לעבן צו באַזוכן זיין אַלטע היים, אָפּגעזען דערפון ווי ביטער און טרויעריק זי האָט אים באַהאַנדלט? אויב דער מקור איז אַזוי פעסט איינגעבירגערט ביים פשוטן אימיגראַנט, אוודאי פילט דאָך דער קינסטלער, דער שעפערישער מענטש, זיין אָפּשטאַם טיפער; זיינען דאָך זיינען וואָרצלען איינגעגראָבענער און אויסגעצווייגטער.

אויב ליטעראַטור איז אַן אָפּשפּיגל פון לעבן, דאַן איז אונדזער היגע יידישע ליטעראַטור אַן אָפּשפּיגל פון אונדזער נאָענטסטן אַרום. דער אַרום איז דער אימיגראַנטישער אַרום. עס ווערט פאַרשטענדלעך פאַרוואָס אָפּאַטאָשו, למשל, האָט זיינס אַ ווערק אַ נאָמען געגעבן „ניו־יאָרקער געטאָ", און איגנאַטאָוו — „אין קעסל־גרוב", און לאַמעד שאַפּיראָ — „דער ניו־יאָרקער שד".

עס קומט אויף די פראַגע, צי איז דער שרייבער בלויז אַ באַאָבאַכטער, אַן אָבסערווירער, אַ רעקאָרדער פון לעבן, צי איז ער אויך — אין זיין שאַפן — אַן אויסטייטשער, אַ פּאָזיטיווער אַנטיילנעמער אין די געשעענישן, וועלכע ער ברייט אויס. דאָס קאָן אונדז דערפירן צו דער לאַנג־אויסגעדראָשענער פּאָלעמיק וועגן קונסט־לשם־קונסט, אָדער קונסט ווי אַן אינטעגראַלער טייל פון לעבעדיקן לעבן. פאַר מיר — און איך גלויב פאַר מיין דור — איז דאָס שוין מער קיין פראַגע ניט. דאָס לעבן אַליין האָט אונדז דעם ענטפער געגעבן אויף אַ זייער רעאַליסטישן, ניכטערן אופן. די קונסט־לשם־קונסט טעאָריע איז פון תמיד אָן געווען אַן „עסקעיפּ"־טעאָריע; אַ ביטערער מיטל פון די רעדל־פירער פון אונדזער געזעלשאַפט־לעכן לעבן ווי אַריינצונאַרן דעם אָפּט נאַאיוון, אַפּאָליטישן קינסטלער אין זאַטל פון די געשעענישן און אים פירן מיט פאַרמאַכטע אויגן אַוועק פון אַקטועלן לעבן. דער הויף־פּאָעט, דער דיכטער לאַורעאַט, איז מערסטנס ניט געווען דער גרעסטער דיכטער. ער איז געווען טאַלענטירט, נאָר זיין טאַלאַנט איז באַצייטנס אָפּגעקויפט געוואָרן פון קעניג אָדער אָדל, כדי אים צו דערווייטערן און אָפּשיידן פון אמתן לעבן. יעדער אמתער דיכטער איז אויך געווען דער גרויסער רעבעל; דער וואָס האָט געקאָנט זען דעם אמת

פון לעבן און געלאָזן הערן זיין מעכטיק קול קעגן אומגערעכטיקייטן און אונטערדריקונג.

קומען מיר צו נעענטער צו דער היגער יידישער ליטעראַטור, וואַרפט זיך שאַרף אין די אויגן די מחיצה, וואָס עקזיסטירט — אין געדרוקטן וואָרט — צווישן לעבן און דער ליטעראַטור. האָבן אונדזערע שרייבער אינטייל גענומען אין היגן לעבן? האָבן זיי באַטראַכט זייער פען ווי א כלי־זיין, אָדער ווי א מוזיקאַלישן אינסטרומענט, צו וועלכן מען רירט זיך צו אין צייט פון מעדיטאַציע און אָפּרו? עס פאָדערט זיך א גרינטלעכער אַנאַליז פון די הויפּט־ווערק פון אונדזערע אָנגעזעענע שריפטשטעלער, כּדי צו קאָנען פאַרשטיין די ראָל, וואָס אונדזער היגע ליטעראַטור האָט געשפּילט, אָדער געדאַרפט שפּילן, אין דער גרויסער דראַמע פון לעצטן האַלבן יאָרהונדערט, ווען ס'איז דאָ געלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פאַר דעם ווייטערדיקן קיום פון אונדזער פאָלק און קולטור.

מיר האַלטן שוין איצט ביים דריטן דור אין לאַנד. איך רעד דאָ וועגן דעם קווינט־עסענץ פון אונדזער פאָלק, וועגן דעם טייל זיינעם, וואָס בויט די יידישע שפּראַך, וואָס לעבט זיך אויס מיט איר און וואָס פלאַנצט זי איין אין די קומענדיקע דורות. דער שפּאַניש־פּאָרטוגעזישער ייד אָדער דער האָלענדישער ייד, וואָס איז געקומען אַהער אין זיבעצנטן יאָרהונדערט, האָט ווינציק וואָס געלאָזן פאַר אונדזערע יידישע קולטור־אוצרות. דער דייטשער ייד, וואָס איז געקומען אַהער אין נייַנצנטן יאָרהונדערט, האָט זיך אָפּגעשעמט מיט זיינע ניי־אָנגעקומענע געדרודפטע רוסישע ברידער. ווי מיר ווייסן, איז ער אפילו אָנגעגאַנגען א באַוועגונג אָפּצושטעלן די מאַסן־אימיגראַציע, און די אָנפירער זיינען עס געווען — „יאַהודים”.

ווען מיר רעדן וועגן אַמעריקע אין דער יידישער ליטעראַטור האָבן מיר אייַנזינען הויפּטזעכלעך די ליטעראַטור פון אונדזער מאַמע־לשון, וואָס איז צייטווייליק דאָ צעקריפּלט געוואָרן. עס איז סימפּטאָמאַטיש, וואָס איינער פון די פּיאָנערן פון אונדזער היגער ליטעראַטור — אב. קאַהאַן — איז געווען און געבליבן א פאַרדאַרבער פון אונדזער אייגענער שפּראַך. ביזן היינטיקן טאָג נוצט ער נאָך אין זיין שרייבן — און באַווירקט, אַז זיינע מיטאַרבעטער אין „פאָרווערטס” זאָלן טאָג־טעגלעך שרייבן אַזעלכע ווערטער ווי „דיזע”, וואָס דאָס פאָלק האָט מיט זיין געזונטן חוש קיינמאָל ניט געוואָלט נוצן.

מיר האָבן שוין דערלעבט אַ צייט, ווען עס שפּראָצן און הייבן אַן בליען הי־געבוירענע יידישע שריפטשטעלער, און אין די יידישע שולן לערנען שוין הי־געבוירענע און דאָ דערצויגענע יידישע לערער. אין יידישן טעאַטער האָבן זיך אויך באַוויזן היגע טאַלאַנטן. מען טרעפט אויף דער קאָנצערט־בינע היגע געבוירענע זינגער, וואָס טרעטן אויף אין יידישע פּראָגראַמען. נאַטירלעך וועלן קנאים דרייען מיט די קעפּ. ביי זיי איז — אָדער גאָר אָדער גאָרניט. דער פאַקט איז אָבער אַ פאַקט, אַז פון שול־געצעלט איז אויסגעוואַקסן אַ שול־בנין אין משך פון אַ פערטל־יאָרהונדערט און, רעלאַטיוו, זיינען די רעזולטאַטן גראָד דערפרייענדיקע. וואָלטן די, וואָס שפּרינגען דריי מאָל „קדוש" פאַר דער יידישער שפּראַך, אונטערגע־שטעלט אַ פּלייצע, וואָלטן מיר שוין היינט־צו־טאָג געהאַט איינגעפירט די יידישע שפּראַך ווי אַ לימוד אין די רעגירונג־שולן און מיט דעם אוועק־געשטעלט דעם ענין יידיש פאַרן קומענדיקן דור ווי אַ נאַטירלעכע דער־שיינונג.

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם ענין קומענדיקער דור, ווייל פאַרן היגן יידישן שרייבער איז דאָס דער אַנגעוויטיקסטער און אפשר אַקטועלסטער ענין. יעדן דורכפאַל אויפן קולטורעלן געביט פּרואווט ער אַרויפוואַרפן אויפן לייענער וואָס איז ניט פאַראַן, אויף לייענער וואָס האָט געקאָנט זיין — אויפן יונגען לייענער.

האָט טאַקע נחמן מייזיל גענומען אויף זיך אַ דאַנקבאַרע אַרבעט מיט זיין אַנקעטע וועגן דער אַמעריקאַנער יידישער יוגנט און די יידישע ליטעראַטור. („יידישע קולטור", סעפּט.־אָקט., 1940, נאָוו.־דעצ., 1940.) ער איז צוגעגאַנגען קאָנקרעט און דירעקט צום ענין. ער האָט דעם שרייבער געשטעלט פינף האַרבע קשיות, און אין די ענטפערס אויף די פראַגעס, וואָס די שרייבער האָבן געגעבן, געפינט מען, אין אַ גרויסער מאָס, דעם שליסל צו דער פּראָבלעם: אַמעריקע און דער יידישער ליטעראַטור.

לאָמיר אויסלאָזן די „איכהס", וואָס אַ צאָל שרייבער האָבן אַרויס־געלאָזט וועגן דעם, אַז די היגע יוגנט לייענט ניט קיין יידישע ליטעראַטור. קאַפּיטאַליזם איז זייער אַ העסלעכע אינסטיטוציע, און מיט באַקלאָגן דעם פאַקט, וואָס מיר לעבן דערווייל אונטער אַזאַ אומאָרדנונג, קאָנען מיר קיין בעסערע אָרדנונג ניט שאַפן. אונדזערע קינדער לייענען ניט קיין יידיש. מיט יאָמערן אויף דעם אומגליק, וועלן מיר זיי ניט באַוועגן צו לייענען.

עפּעס דאַרף געטאָן ווערן אין דעם פּרט. זיינען פאַראַן געזונטע, פּראַקטישע מענטשן, וואָס ווייגען ניט, נאָר טוען — און דער אַפּעטיט קומט מיטן עסן. בויענדיק די שול־באַוועגונג, בויט מען אויך דעם גלויבן, אַז מיר וועלן אויספאָרמירן אַ יוגנט, וואָס וועט לייענען יידיש, אַט אַזוי ווי מיר האָבן שוין דערצויגן אַ דור דאָ־געבוירענע, וואָס שיקט זיינע קינדער צו אונדזערע שולן. (מע קאָן זיי ציילן אויף די פינגער, וועט זאָגן דער פּעסימיסט. שטעלט אונטער אַ פּלייצע, וועט ענטפערן דער אָפּטימיסט . . .).

זאָל דאָ דערמאָנט ווערן, אַז צווישן די ענטפערס אויף נחמן מייזילס אַנקעטע זיינען אויך געווען אַזעלכע, וואָס באַווייזן, אַז די שרייבער זיינען בעצם פאַרפרעמדט געוואָרן פון היגן יידישן לעבן, כאָטש זיי שרייבן כסדר אויף אַמעריקאַנער טעמעס. ענטפערט, למשל, דער נאָוועליסט ש. מילער, אַז די יידישע יוגנט ליידט פון . . . „אַ העכערקייט קאָמפּלעקס, וואָס באַשטייט פון אַ מין פאַראַכטונג צום אימיגראַנט, אימיגראַנטן־פּסיכאָלאָגיע. דאָס פירט צו פיינטשאַפט צו אַלץ, וואָס שמעקט מיט אימיגראַנטנטום, יידישע ליטעראַטור אַריינגערעכנט.״

ס׳איז מעגלעך, אַז עס זיינען פאַראַן איינצלנע פאַלן אַזוינע, נאָר רעדן וועגן דער יידישער יוגנט בכלל אין אַזאַ טאָן, מיינט פּשוט אויסטראַכטן אויף איר אַ בלבול. נאָר שרייבער, וואָס זיינען ווייט פון היינטיקן געזעלשאַפטלעכן לעבן, קאָנען האָבן אַזאַ צוגאַנג צו אונדזער יוגנט. פאַרקערט, די יוגנט, וואָס פאַרנעמט זיך מיט טאָג־פּראָבלעמען, איז שוין גאָר פאַראינטערעסירט אין אימיגראַנט. די ראַדיקאַלע און פּראָגרעסיווע שיכטן פון דער אַמעריקאַנער יוגנט שטייען איצט אָפן אין קאַמף מיט די רעאַקציאָנערן פון לאַנד, וואָס רודפן דעם אימיגראַנט.

ווי אַ מוסטער פון אויפריכטיקייט קאָנען מיר אָננעמען א. ראַבאַיס ענטפער אויף דער אַנקעטע. אין ענטפער ווייזט זיך אַרויס בולט דער צוגאַנג פון די בויער פון אונדזער היגער ליטעראַטור צו דעם עניין אַמעריקע אין דער יידישער ליטעראַטור.

עס שרייבט א. ראַבאַי: „איך האַלט, אַז אונדזער יידישע ליטעראַטור האָט כמעט פאַרנאַכלעסיקט אונדזער יוגנט. און ווען איך זאָג עס, מיין איך זיך אַליין אויך. די סיבות זיינען, ווי איך פאַרשטיי זיי און ווי איך אַליין אַלס שולדיקער קאָן זיך געבן אַ ענטפער אויף אָט די סיבות:

ערשטנס, זיינען מיר, די יידישע שרייבער אין אמעריקע געווען אימיגראַנטן און ווען מיר האָבן געשריבן, האָבן מיר, ווי געוויינלעך יעדער שרייבער, גענומען פון דעם קוואַל, וואָס איז אונדז געווען אַמנאָענטסטן — אימי־גראַנטן. און צווייטנס, דער יידישער שרייבער אין אַמעריקע איז געווען אַזוי ווי פייגל — ער האָט אַליין געבויט די נעסט, אַליין געלייגט די אייעלעך און אַליין זיי אויסגעזעסן. איך מיין דערמיט צו זאָגן, אַז ביי מיר, ווי ביי יעדן יידישן שרייבער אין אַמעריקע, איז אַוועק אַ סך ענערגיע אויף צו באַשאַפן אַ די העלדן, אַ די סביבה, איידער איך האָב געקאָנט שאַפן מיינע ווערק, אַזוי אַז איידער איך האָב זיך אומגעקוקט וואו איך בין אין דער וועלט, איז דערווייל אויסגעוואַקסן אַ דור, מיין זונס דור. איך קאָן עס ניט אָנרופן נאַכלעסיקייט. אַ ליטעראַטור ביי אַ פאָלק, איז פונקט ווי אַ באַלעבאַטישקייט. אַ פאָלק קאָן ניט אַריינגיין אין אַ קראָם און מיט איינמאָל איינקויפן אַ ליטעראַטור, וואָס וועט דעם פאָלק פאָרענטפערן אַלע פּראָבלעמען. אַ פאָלק שאַפט זיך אויין פון אַלץ צוביסלעך. פריער קויפט עס דאָס נויטיקע, און ווען עס קוקט זיך אַרום, אַז עס פעלט אויס זייער אַ וויכטיקע זאַך, שאַפט עס ווייטער. איך גלויב, אַז די יידישע ליטעראַטור וועט מסתמא זיך איינשאַפן אַט די ווערק פון דעם לעבן פון איר יוגנט, ווען עס וועט קומען די צייט."

איך האָב בכיוון איבערגעגעבן דעם גאַנצן ענטפער פון א. ראַבאָי, ווייל ווער—ווער, ראַבאָי האָט אַ רעכט צו רעדן וועגן דעם ענין. און דאָך איז ער ניט אינגאַנצן גערעכט צו זיך. נאָך מיט צוואַנציק יאָר צוריק האָבן קינדער אין די שולן זיך געקוויקט מיט זיין לאַנגער דערציילונג „קעלבעלעך", וואָס איז געגאַנגען אין המשכים אין „קינדער־זשורנאַל" (דוכט זיך, אין יאָר 1920). די שול־יוגנט לערנט היינט־צו־טאָג זיין „איז געקומען אַ ייִד קיין אַמעריקע" און „ניין ברידער". ראַבאָי איז דאָך פאַקטיש דער אַמעריקאַנישסטער פון אַלע היגע שרייבער. דאָך איז ער, ווי מיר זעען, אַפּנהאַרציק גענוג זיך מודה צו זיין, אַז דער נאָענטסטער פאַר אים קוואַל איז געווען — דער אימיגראַנט.

אַנדערש גייט אָבער צו צום זעלבן ענין אַ צווייטער אַמעריקאַנישער נאָוועליסט, ברוך גלאַזמאַן. ער פאַרטרעט דעם דור פעסימיסטן אין דער היגער ליטעראַטור. אונטער דעם מיין איך דעם טיפּ שרייבער, וואָס האָט מער אָבסערווירט ווי מיטגעלעבט און דערפאַר געוואַרט, אַז דאָס לעבן זאָל

זיך פארנייגן פאר אים. גלאזמאנס ענטפער איז גאנץ כאראקטעריסטיש פאר אים און זיין דור אין דער ליטעראטור. ער שרייבט:

„מיר דוכט זיך, (אז) דער יידישער שרייבער קאן וויניק די אמעריקאנער יידישע יוגנט, און צווייטנס, דער יידישער שרייבער גלויבט ניט, אז זיינע ווערטער דערגרייכן צו דער יוגנט, און דריטנס, ער האט זיך לאנג מייאש געווען אין דער מעגלעכקייט איבערצוצאמען דעם אלץ טיפער־ווערנדיקן תהום" (דארט).

האבן מיר פאר זיך צוויי ענטפערס פון צוויי פראדוקטיווע „אמעריקאנישסטע" שריפטשטעלער. טאג און נאכט. ראבאי גלויבט, גלאזמאן איז פארצווייפלט. ראבאיען לייענט די יוגנט און וועט אויך ווייטער לייענען, גלאזמאן זעט א „טיפער־ווערנדיקן תהום".

פון דעם איז געדרונגען, אז ליטעראטור דארף זיין א טייל פון צאפלדיקן לעבן. די אמעריקע, וואס מיר געפינען אין אונדזער היגער יידישער ליטעראטור, איז די אמעריקע פון אימיגראנט. נאר ניט יעדער אימיגראנט איז דער זעלבער. פאראן אזעלכע, וואס „גרינען" זיך לייכט אויס, און אנדערע, וואס לעבן אפ א לעבן לאנג אין לאנד און בלייבן פרעמדע דא אין אלע זינען. אזוי אויך מיט די שרייבער. ניט יעדער אויסגעגרינטער איז שוין אן אמעריקאנער, ניט יעדער אמעריקאניזירטער זאפט אריין אין זיך דאס פאזיטיווע, וואס דאס לאנד פארמאגט. פאראן גראד צווישן די סאמע אפשטויסנדיקסטע עלעמענטן אין לאנד די, וואס נעמען זיך איבער מיט זייער אמעריקאניזם. געלט מאכן, ארומפארן אין א גרויסער קאר, זיין באהאוונט אין תורת בעיזבאל, טראגן אן אמעריקאנער פענדל אויפן לאץ און אפחוזקן פון אימיגראנט און זיין סביבה, מיינט נאך ניט זיין אן אמעריקאנער. פארקערט: אזא טיפ איז געווייינלעך א קעגנער פון קולטור און פראגרעס. ער איז אפט א באלעבאס, וואס באשעפטיקט ארבעטער און צאלט די ערגסטע שכירות. אויב די ארבעטער זיינען באוואוסטזיניק געגוג און קעמפן פאר א מענטשלעך לעבן, דאן זיינען זיי די אמתע אמעריקאנער, ווייל זיי ווילן, אז זיי און זייערע קינדער זאלן קאנען לעבן ווי גלייכבארעכטיקטע, פרייע מענטשן און דורכדעם זיין א כבוד פארן לאנד.

מיט געציילטע אויסנאמען האבן אונדזערע שרייבער זיך ניט איינגעלעבט דא. זיי זיינען געבליבן גרים, כאטש זיי האבן געוואוסט, אז דא

וועלן זיי בלייבן און דא וועלן זייערע קינדער זיך איינוואָרצלען. דערפאַר טאָקע שאַפט זיך אַט דער „תהום", מיט וועלכן מען שרעקט זיך אַזוי אין צייט פון גייסטיקער ירידה. ניין, דער תהום עקזיסטירט ניט אין לעבן, ער עקזיסטירט אין שרייבערס צוגאַנג צום לעבן; ער עקזיסטירט אין שרייבערס באַוואוסטזיין, אַז ער האָט אָפּגעלעבט אין אַ לאַנד און דאָס לאַנד ניט „אַנערקענט", ניט געפּרוּוווט איינזויגן אין זיך דעם ריח פון זיינע פעלדער און וועלדער, ניט פאַרשטאַנען — ווייל ער האָט קיין פאַרזוך ניט געמאַכט צו פאַרשטיין — דאָס פאָלק און די פעלקער, צווישן וועלכע ער לעבט, ניט פאַרשטאַנען אפילו זיין אייגן קינד.

דער „אַ קלאָג צו קאָלאָמבוס"־מאָטיוו דאָמינירט אין אַ גרויסן טייל פון אונדזער ליטעראַטור. דער „אהיים וועל איך פאָרן קיין וואָלעדניק"־מאָטיוו איז נאָך אַ גאַנגבאַרע סחורה אין דער ליטעראַטור, אין כל־ערליי וואַריאַציעס. דאָס לעבן פון פריש־אָנגעקומענעם אימיגראַנט איז געווען שווער, גאָר שווער. עקספּלואַטאַציע, נויט, נייער לעבנס־שטייגער, אינער־לעכע קאָנפליקטן. דאָס איבערגיין פון פּאַסטאָראַלן שטעטל־ניגון צו דער קאַקאָפאָניע פון ניו־יאָרקישן מאַנסטער האָט נאַטירלעך געלאָזט טיפע שפּורן אויף דער סענסיטיווער נשמה. נאָר אַנשטאָט אויפצונעמען דאָס נייע לעבן מיט נייעם אימפּעט, אַנשטאָט זיך אַריינוואַרפן אין די ריזיקע מעגלעכקייטן, וואָס זיינען אויפגעקומען פאַרן שרייבער דאָ, איז מען געבליבן אָן אַ זייט און געבענקט נאָכן שטעטל, אָדער באַוויינט דעם אַלטן לעבנס־שטייגער. דער שרייבער דאַרף דאָך תמיד זיין אויסגעדורשט נאָך נייעם מאַטעריאַל, נאָך פרישער טעמאַטיק. יעדע איבערקערעניש אין לעבן איז דאָך שטאָף פאַר פאַנטאַזיע, שפּייז פאַר זיין פעדער. פאַרוואָס־זשע האָבן זיך אונדזערע שרייבער דערשראָקן פאַר די וואונדערבאַרע מעגלעכ־קייטן, וואָס דאָס לעבן האָט זיי דאָ, אין נייעם לאַנד, אָקעגנגעטראָגן, אמת, ניט אויף קיין גאָלדענער טאַץ, נאָר אויף אַ הייסער סקאָוואָראָדע?

ווי אַזוי דערקלערט זיך דער פאַקט, וואָס אונדזערע שרייבער האָבן געטריי רעקאָרדירט די שוועריקייטן און צרות פון אימיגראַנט און ווינציק וואָס זיך אָפּגעשטעלט אויף די קאָנסטרוקטיווע פאַזן אין אימיגראַנטס לעבן? פאַרוואָס האָט מען צענדליקער יאָרן געהאַלטן אין קראַצן די וואונדן און ניט געזען ווי ס'איז אויסגעוואַקסן אַ געזונטער בחור מיט רויטע באַקן און מיט אַ געזונטן קאָפּ אויף די פּלייצעס? פאַרוואָס איז

ביז היינטיקן טאג ניט פאראן קיין איין ראמאן וועגן יידישע שאפ־ארבע־טער? פאראן אזעלכע ריזיקע יוניאנס, יידישע יוניאנס, פאראן אזעלכע פראכטפולע טיפן אין דער יידישער פראגרעסיווער ארבעטער־באוועגונג, פאראן אזא וואונדערבארע יוגנט, וואס איז דערצויגן געווארן ביי די קלאוקמאכער און פאריער און גראסעריליים — איז דאס ניט קיין שטאף פאר שרייבער, פארן נאוועליסט און דיכטער? פארוואס איז דרייפערטל פון דער היגער יידישער ליטעראטור פול מיט נעגאציע, מיט ניט־געזונטן פעסימיזם, מיט קליינשטעטלדיקע דרישות וחקירות?

איך ווייס ניט צי ב. ריווקין איז גערעכט מיט זיין באהויפטונג, אז „א. רייזענס הויפט־פארדינסט (מיין קורסיוו—י.א.ר.) איז, וואס ער האט אריינגעשריבן אין דער קאנסטיטוציע פון דער יידישער ליטעראטור, אז יעדער יידישער שריפטשטעלער, פאעט אדער נאוועליסט, וואס וויל זיך דערהויבן צו דער וועלט, מוז פריער פון אלץ קינסטלעריש גובר זיין דאס קליין־שטעטל אין זיך" (זאמלביכער, 2, 1936, „גרונט־טענדענצן פון דער יידישער ליטעראטור"). ער איז אפשר ניט גערעכט בנוגע רייזענען; ער איז אבער גערעכט מיט דער טעזע וואס ער ברענגט ארויס. יא, דער יידישער שרייבער, קומענדיק אין א ניי לאנד, אין לאנד פון גרויס־קא־פיטאל, האט געדארפט פריער פון אלעם גובר זיין דאס קליין־שטעטל אין זיך. צום באדויערן איז דאס ניט דער פאל.

דערציילט אונדז ש. ניגער („מער אלטהיימיש ווי אמעריקאניש", „צוקונפט", אפריל, 1940): „איך האב דורכגעבלעטערט דעם וועכנט־לעכן „פארווערטס" און די „צוקונפט" פון 1897, דעם „נייעם גייסט" און די „נייע צייט" פון 1898, און איך בין געווען איבערראשט צו זען, וואס פאר א קליין ארט אמעריקע האט פארנומען אין די דאזיקע וויכטיקסטע פיר זשורנאלן פון יענער צייט. נישט נאר די ארטיקלען. אפילו אין דער כראניק איז דאס לעבן פון דער נייער היים אנגערירט געווארן א סך זעל־טענער, ווי דאס לעבן און שטרעבן אין פארשיידענע איירָאפּייאישע לענדער. די דאזיקע אלע זשורנאלן האבן געקאנט ארויסגעגעבן ווערן אין לאנדאן אדער אין פאריז, פונקט אזוי גוט ווי אין ניו־יארק".

פארגעסט ניט, אז דאס איז געווען אין די סאמע וויכטיקסטע יארן פון אויפבוי און איבערבוי פון אימיגראנטישן לעבן. איך וויל דא ניט אריינגיין אין איינצלהייטן אדער אין אן אנאליז פון דער ליטעראטור פון

יענער צייט. דאָס וועל איך טאָן אין אַ ווייטערדיקן קאַפּיטל. פאַראַן געגוג סיבות פאַרוואָס אַז ענלעכער צושטאַנד אין אונדזער ליטעראַטור און פּרעסע האָט אַנגעהאַלטן היפּשע יאָרן שפּעטער. פאַר מיר איז אויך סימפּטאָמאַטיש, וואָס מאַני לייב פּרישט אָפּ דעם „איכה"־טאָן אין אונ־דזער ליטעראַטור. דאָס ליד הייסט „לשון פון מיין מאַמען", און דער דיכטער באַווײנט דעם אונטערגאַנג פון יידיש אין אַמעריקע. אין פּרעציס שורות גייט ער דורך געשיכטלעך דעם גורל פון אונדזער לשון אין אַמע־ריקע און קומט צום פאָלגנדיקן אויספיר:

נאָר ביימער, אַז מען פלאַנצט אויף נייע ערדן איבער,
ניט שטענדיק בליען ווידער אויף. זיי שטייען טריב.
די נייע ערד איז ניט בעסער און ניט ליבער,
אויך זיינען זיי דער נייער גוטער ערד ניט ליב.

מאַני לייב פאַרטרעט דאָ אַ גאַנצע פּלעיאַדע דיכטער, וואָס וועלן זיך אונטערשרייבן מיט ביידע הענט אויף זיין פּסק, וואָס ער האָט אַרויסגע־געבן אונדזער לשון אין אַמעריקע. מיט אַזאַ קוק קאָן מען שווין פאַרשטיין ווי עס האַלט מיט אַמעריקע אין דער יידישער ליטעראַטור.

גראָד אַז אויסגעפאַלן אויף מיר צו רעדאַקטירן אַן אַנטאָלאָגיע, וואָס איך האָב באַטיטלט „אַמעריקע אין דער יידישער ליטעראַטור". אין נאָר־מאַלע צייטן וואָלט דאָס געווען אַ דערפרייענדיקע געשעעניש שוין דער־מיט, וואָס די אַנטאָלאָגיע האָט אַ דירעקטע שייכות מיט דער אַמעריקאַנער רעגירונג. ווי באַקאַנט, האָט די רעגירונג דערלויבט די אַרבעטסלאָזע יידישע שרייבער, וואָס האָבן זיך געפונען אויפן פעדעראַלן שרייבער־פּראָיעקט פון דער וו.פּ.א. אין ניו־יאָרק, צו אַרבעטן אין דער אייגענער שפּראַך. ווי אַ רעזולטאַט דערפון זיינען אונטער מיין רעדאַקציע דערשינען צוויי פאַרשונג־אַרבעטן — „יידישע לאַנדסמאַנשאַפטן פון ניו־יאָרק" און „יידישע פאַמיליעס און פאַמיליען־קרייזן פון ניו־יאָרק". עס זיינען אויפ־געקומען אַ סך שוועריקייטן, אַז די יידישע שרייבער־גרופּע זאָל ווייטער ניט קאָנען טאָן איר אַרבעט אויף יידיש, ווען דער פּראָיעקט איז אַריבער אין די הענט פון דער שטאַטישער אַדמיניסטראַציע, סוף 1939. מען האָט פאַרלאַנגט פון אונדז, אַז מיר זאָלן שרייבן אויף ענגליש: דאָך איז אונדז געלונגען אויסצואווירקן ביים מעיאָר פון דער שטאָט, ביי פיאָרעלאָ ה.

לאגוואַרדיאַ, אַז נאָך איין בוך זאָל געמאַכט ווערן אויף יידיש. דאָס איז געווען די געפּלאַנטע אַנטאָלאָגיע „אַמעריקע אין דער יידישער ליטעראַטור".

די אַנטאָלאָגיע איז פאַרטיק געוואָרן. זי באַשטייט פון פאָלגנדיקע 5 טיילן:

1. די מעשה הייבט זיך אָן. דער אָנהייב פון דער יידישער מאַסן־אימיגראַציע פון די אַכציקער יאָרן, ווי אָפּגעשפּיגלט אין דער מעמואַרן־ליטעראַטור און אין די פאָלקסלידער פון יענער צייט (סאָבעל, שמולעװיטש, קאָברין, גאָרין, אַב. קאַהאַן, צונזער, קאַצאָוויטש, קאַפּעלאָוו, שמ"ר, א. האַרקאַווי, א. פרומקין, שאַרקאַנסקי, ריינגאָלד, ב. ווײַנשטיין, מ. קאַפּלאַן, ד. פּינסקי, ווינטשעווסקי, און אַנד.).

2. שטיי איך אויף גאַנץ פרי. שוויץ־שאַפּ פּעריאָדע און אַרבעט־שטיינער. (ליבין, קייזער, מאָריס ראָזענפעלד, באָווּשאָווער, עדעלשטאַט, ליעסין, שלום אַש, רויזנבלאַט, לאַמער שאַפּיראָ, ברוך גלאַזמאַן, ראַבאָי, משה נאַדיר, פּראַדל שטאָק, ב. דעמבלין, ל. כאַנוקאָוו, דוד קעשיר, משה באַרנשטיין, משה שיפרים, ב. אַלקווויט, יוסף יאַפע, ל. פאַרעם, ל. סאָברין, מעינקע קאַץ, ראָזע נעוואָדאָווסקאַ און אַנד.).

3. אונדזער לאַנד. געאָגראַפיש און געשיכטלעך, ווי אָפּגעשפּיגלט אין דער היגער יידישער ליטעראַטור (א. רייזען, דוד גרינבערג, ב. וולאַדעק, י. י. שוואַרץ, פּעסי הערשפעלד, ש. דייקסל, ר. לודוויק, ש. מילער, י. מ. בראַנשטיין, מלכה לי, פּרץ הירשביין, אַב. וויקטאָר, פּ. בימקאָ, מ. ל. האַלפּערן, פסח מאַרקוס, אַלעף קאַץ, ה. לייוויק, שלמה שוואַרץ, יהואש, מנחם באָריישאָ, מאַרק שווייד, י. גויכבערג, בער גרין, ה. מ. קודלעוויטש, א. מייזעל, דוד איגנאַטאָוו, י. אָפּאַטאָשו, ר. אייזלאַנד, ס. טשעסטער, ב. עפּעלבוים, י. גרינשפּאַן, שרה באַרקאַן, ז. וויינפּער, מ. אַלגין, אַלטער עסעלין, א. גרינבערג, י. א. ראָנטש, און אַנד.

4. נייע צייטן, נייע לידער. דאָס אַמעריקאַנישע, דער נייער מאָטיוו אין אונדזער ליטעראַטור. עס חזרן זיך איבער די נעמען פון אַ צאָל פריערדיקע שרייבער און עס קומען צו נייע, ווי: מ. ליכט, תשרק, צבי הירשקאַן, יאָסל קאָטלער, י. אַדלער, זישע לאַנדוי, ב. לאַפּין, רחל לוריע, ל. מילער, יעקב גלאַטשטיין, י. פרידמאַן, א. האָפּאַפּאָרט, מאַטעס דייטש, און אַנד.

5. ניו־יאָרקיש. גרויסשטאָט־לייט־מאָטיוו. צווישן די נייע נעמען:

י. סלאנים, ב. י. ביאלאסטאצקי, כאווער פאווער, א. קורץ, אפרים אויער־באך, י. ל. קאלושינער, א. בערגער, בעריש ווײנשטײן, נ. ב. מינקאוו, לעיעלעס, מאני לייב, ש. ליעוו, י. ראלניק, ל. פיינבערג, מארטין בירנבוים, מ. א. סול, ב. פרידמאן, א. לוצקי, לוי גאלדבערג, אסתר שומיאטשער, נ. גראס, א. ניסענזאן, און אנד.

אין יעדער אפטיילונג זיינען אויך אריין טעאטער־קופלעטן און גאסן־לידער. די אנטאלאגיע שליסט אבער אוים די דראמאטישע פארם.

ארום צוויי הונדערט שרייבער זיינען רעפּרעזענטירט. יעדער וואס האט עפעס בייגעטראגן, וואס זאל זיך אריינפאסן אין אונדזערע ראמען, איז פארטראטן. די רעגירונג האט דעם מאנוסקריפט פון דער אנטאלאגיע איבערגעגעבן צו ד"ר א. א. ראבאק, וואס האט די ארבעט גוטגעהייסן. אויך דער מעיאר האט געגעבן זיין „אקעי". מיר האבן שוין אפילו געפירט אונטערהאנדלונגען מיט פארלעגער . . .

אויב דער אנטאלאגיע איז ניט באשערט געווען צו זען די ליכטיקע שיין, איז דאס די שולד, צו אונדזער טיפער חרפה, פון א פאר ידישע שרייבער, געצייג אין די הענט פון פאליטיקאנער, וואס האבן געפונען פאר נויטיק צו פארמסרן דעם רעדאקטאר . . . פאר דער דאיז־קאמיטע און ענלעכע רעאקציאנערע קערפערשאפטן.

לידער אנטאלאגיעס

א

איך האב שוין דערציילט וועגן דער אנטאלאגיע „אמעריקע אין דער יידישער ליטעראטור”, וואס איז פארטיק געווארן ביים פעדעראלן שרייבער־פראיעקט אין ניו־יארק (די ארבעט פון דער יידישער שרייבער־גרופע) און וואס האט שוין געהאלטן ביים ארויסגיין, נאר איז א דאנק מסירות אפגעשטעלט געווארן. די מוסרים האבן זיך אין זייערע מסירות צוזאמענגעטראפן מיט די קאגליניסטן און פרא־אמעריקאנער נאציס פון פראיעקט. די לעצטע האבן ניט געקאנט ארונטערשלינגען דעם פאקט, וואס ארום זייערע שרייבטישן זיינען געזעסן יידישע שרייבער און געטאן זייער ארבעט אויף יידיש. און אזוי ווי יעדער ייד און בכלל יעדער פרעמד־געבוירענער איז אין זייערע פינצטערע אויגן א ראדיקאל, א קאמוניסט, — האבן זיי געהאלטן אין איין פארמסרן די יידישע שרייבער־גרופע פאר דער „דאיז קאמיטע” און אנדערע רעאקציאנערע און אימיגראנטן־פרעסערישע סם־פארשפרייטער.

עס האט זיך גראד געמאכט, אז דער שרייבער־פראיעקט האט דורכגעפירט אן אויסשטעלונג און איינגעלאדן די ניו־יארקער באפעלקערונג צו קומען זען די דערגרייכונגען פון די פארשיידענע שרייבער־גרופעס אויפן פראיעקט. אויף דער אויסשטעלונג זיינען געשטאנען פאנעלן מיט בילדער פון שרייבער, מוסטערן פון מאנוסקריפטן, א.א. די יידישע שרייבער־גרופע איז געווען די איינציקע, וואס האט איר פאנעל געהאט אין דער יידישער שפראך. דער יידישער שריפט האט ארויסגעשיינט און פראקלאמירט אין דער רעגירונגס־אינסטיטוציע זיין גלייכבארעכטיקונג. מיר האבן געוויזן דעם פאטאסטאט פון דעם ערשטען יידישן ביכל אין אמעריקע (סאבעלס „שיר זהב לכבוד ישראל הזקן”). מיר האבן אויסגע־

שטעלט די בילדער פון שרייבער (אש, איגנאטאוו, דר. זשיטלאוואסקי, א. ליעסין, א.א.).

ווען דער פארטרעטער פון דער שטאט ניו־יארק, דער פרעזידענט פון סיטי קאונסיל, ניובאלד מאריס, איז געקומען צו דער אויסשטעלונג, האט ער זיך אפגעשטעלט ביי דער יידישער גרופע און אויסגעפרעגט וועגן אונדזער ארבעט. ער האט מיך אויך געפרעגט, צי איך נעם אין דער אנטאלאגיע אריין זיין פריינט ב. וולאדעק. ער האט געזאגט: „איך האב אין דערהיים זיין בוך, נאר לייענען קאן איך אים ניט.” ער האט, אין שפאס, געזאגט, אז ער דארף זיך א נעם טאן צו לערנען יידיש.

הונדערטער אמעריקאנער האבן אין פארלויף פון דער וואך זיך באקענט מיט אונדזער ארבעט, געווען נייגעריק וועגן דער יידישער ליטעראטור און בכלל ארויסגעוויזן אן אינטערעס צו דער יידישער שרייבער־גרופע. די אנטיסעמיטישע עלעמענטן אויפן פראיעקט האבן נאטירלעך געקריצט מיט די ציין און פארשטארקט זייערע מסירות קעגן אונדז. מיר האבן איינגעלאדן יידישע שרייבער; ארויסגעשיקט הונדערטער איינלאדונגען צו זיי; איינגעלאדן די פרעסע; די קולטור־טוער. געקומען זיינען — צוויי דיכטער, א פאר יידישע ארבעטער, און מער קיינער ניט. געקומען זיינען אויך ניט די, וואס האבן מיט א פאר חדשים שפעטער אנגעהויבן זייער מסירה־קאמפאניע. א שמן־זיתדיקער דיכטער, וואס גלאצט מיט די אויגן און גריבלט זיך כסדר אין תנ״ך, איז ארומגעגאנגען אויף איסט בראדוועי און געקליבן חתימות צו דער רעגירונג־אדמיניסטראציע קעגן אונדזער ארבעט, וויסנדיק, אז ער שטעלט מיט דעם אין געפאר דאס ארעמע ברויט פון דער גאנצער יידישער שרייבער־גרופע.

זאל דא אין קורצן דערציילט ווערן ווי אזוי די אנטאלאגיע איז צוגעגרייט געווארן. געארבעט ביים צוזאמענשטעלן האבן זעקס שרייבער פון דער גרופע. עס איז ניט געווען קיין פראגע פון אויסקלייבן דעם מענטשן־מאטעריאל. די רעגירונג איז געווען די קערפערשאפט, וואס האט מענטשן אנגעשטעלט און — אפגעזאגט. דער רעדאקטאר האט אין דעם קיין דעה ניט געהאט. פאלט שוין אראפ די פראגע פון „רעכטס־לינקס”. אגב, זיינען פינף פון די זעקס געווען רעכט־געשטימטע שרייבער. עס איז קיינמאל ניט געווען קיין פראגע פון אריינגעמען שרייבער לויט זייערע פאליטישע און אידעאלאגישע אנגעהעריקייטן. די גרופע האט כסדר אפגעהאלטן „סטעף”־

מיטינגען, וואו יעדער איינער האָט געהאַט די מעגלעכקייט אַרויסצוזאָגן זיך וועגן דעם גאַנג פון דער אַרבעט.

עס איז פאַרשטאַנען געוואָרן — און דאָס איז געווען דער פאַרלאַנג פון דער אַדמיניסטראַציע — אַז מיר זאָלן אויסקלייבן זאַכן בלויז פון שרייבער, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן ביכער, און פון אַזעלכע, וואָס געפינען זיך אין לאַנד אַ לענגערע צייט און וועלכע האָבן געשאַפן זאַכן אויף אַמעריקאַנישע טעמעס.

יעדע אויסגעקליבענע — פון אַ מיטאַרבעטער — זאַך איז דערנאָך איבערגעקוקט געוואָרן פון צוויי אַנערקענטע יידישע דיכטער, וואָס האָבן — באַזונדער — אָנגעשריבן זייער אָפּשאַצונג וועגן דער זאַך. אַזוי אַז מען איז געווען שטאַרק פאַרזיכטיק אין אָפּקלייב. קוואַליטעט איז געווען דער ערשטער באַדינג. נאָר אין געוויסע פאַלן, האָט מען טעמאַטיק געשטעלט אין פאָדערגרונט. דאָס האָט פּאַסירט ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן לידער אויף היסטאָריש-אַמעריקאַנישע טעמעס, ווי „פּאָורט און דזשולאַי", וואַשינגטאָן, לינקאָלן א.ע.

ניט שטענדיק איז אונדז געלונגען צו קריגן די ביכער, אין וועלכע מיר האָבן זיך געניטיקט. די „פּאַבליק ליברערי" איז שטאַרק הינטער־שטעליק אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. מיר האָבן זיך דורך דער פּרעסע געווענדט צו יידישע שרייבער און געבעטן זיי אַריינשיקן זייערע ווערק.

די אַנטאָלאָגיע איז געווען פּלאַנירט אויף אַ טויזנט בוד זייטן. האָבן מיר פון געוויסע שרייבער אַריינגענומען צו פיר און פינף זאַכן — ווען מען האָט אויף דער באַשטימטער טעמע ניט געקאַנט געפינען קיין פּאַסיקע זאַכן ביי אַנדערע שרייבער. ווען ס'איז באַשלאָסן געוואָרן — פון דער אַדמיניסטראַציע — אַז מער ווי אַ 350 זייטן וועט אונדז ניט דערלויבט ווערן, האָבן מיר איינגעפירט, אַז מער ווי צוויי זאַכן פון אַ שרייבער קאָנען ניט אַריינגיין.

די אַנטאָלאָגיע האָט געדאַרפט אָפּשפּיגלען אַמעריקע, ווי דער יידישער שרייבער זעט זי. מיר האָבן אויסגעשלאָסן יעדע קריטיק, יעדן פּראָטעסט קעגן דער רעגירונג פון לאַנד. דערפאַר זיינען ניט אַריין קיין לידער אָדער פּראָזע וועגן סאַקאָ וואַנזעטי, טאָם מוני, העימאַרקעט, סקאָטסבאָראָ, א.אַ.

כאטש די יידישע ליטעראטור איז ניט ארעם אין דעם סארט מאטעריאל. עס זיינען ניט אריין קיין דעקלאראטיווע אדער פלאקאטן־מעסיקע זאכן.

אז אזא אנטאלאגיע איז פון גרויס נויטווענדיקייט פאר דער יידישער ליטעראטור אין לאנד, איז איבעריק צו שרייבן.

ב

וויל מען דערגיין ווי אזוי אמעריקע קוקט אויס אין דער יידישער ליטעראטור, מוז מען זיך ווענדן צו יעדן ווערק פון שרייבער באזונדער — אן ארבעט, וואס פאדערט אן א שיעור גריבלענישן. ס'איז שווער צו באקומען די אלע ביכער, און וועלכע מען נויטיקט זיך פאר אזא ארבעט. איך האב געפרואווט געפינען א צאל ביכער אין דער פאלקביבליאטעק און זיי זיינען דארט ניט קאטאלאגירט. עס ווייזט זיך אויך ארויס, אז דער בעסערער יידישער לייענער האט ניט די לעצטע ווערק פון אמעריקאנער יידישע שרייבער. דארט, וואו א צייטונג האט ארויסגעלאזט מציאות, קאן מען נאך טרעפן די מציאה אין א יידיש הויז. שלעכט איז אבער מיט די ווערק, וואס זיינען ארויס אין פוילן (ראבאי, גלאזמאן, פינסקי, איש, אפאטאשו).

קיין אנטאלאגיע פון אמעריקאנער יידישער פראזע איז נאך ניטא. לידער־אנטאלאגיעס זיינען דא עטלעכע.

אן אנטאלאגיע איז א שנעל־לויף פון א צייט־אפשניט אין דער ליטעראטור, אפגעזען פון ריכטונגען און טענדענצן, וואס זיינען אין איר פארטראטן.

איך גלויב אויך, אז אן אנאליז פון די אנטאלאגיעס וועט אונדז ווייזן דעם קוק אויף אמעריקע אין דער יידישער ליטעראטור מצד אירע צוזאמענשטעלער, וועלכע האבן געדארפט צוגיין צום ענין מיט דער גרעסטער מאס פון פאראנטווארטלעכקייט און מיט דער פערספעקטיוו פון ליטעראטור־היסטאריקער. ווי א מוסטער קאן דינען לואי אונטערמייערס קריטישע אנטאלאגיע „מאדערן אמעריקען פאעטרי". זיין הקדמה צו דער אנטאלאגיע איז ליטעראטור־געשיכטלעך און דער אויסוואל פון די לידער איז אי קינסטלעריש, אי אמעריקאניש — סיי אין לאקאלן קאלאריט, סיי אין אינטראספעקט.

איך האָב פאַר זיך געהאַט זיבן אַמעריקאַנער יידישע לידער־אַנטאָלאָגיעס און פון זיי געפּרואווט דערגיין ווי אַזוי אַמעריקע ווערט אָפּגעשפּיגלט אין די לידער, וואָס זיינען דאָ געשאַפן געוואָרן פון אונדזערע דיכטער. עס קאָן נאַטירלעך זיין, אַז דער צוזאַמענשטעלער פון דער אַנטאָלאָגיע האָט גאָר געהאַט אַן אַנדער מיין אין זיין אָפּקלייב, אַז אים האָט דאָס פּראָבלעם אַמעריקע ניט אינטערעסירט. ער האָט געקאָנט, למשל, זאָגן, אַז ער האָט ביים דיכטער געוואָלט אויסקלייבן נאָר „דאָס בעסטע". דאָס וועט אָבער אַלץ ניט פאַרענטפערן דעם פאַקט, אַז די אַנטאָלאָגיע איז אַ זאַמלונג פון אַמעריקאַנער יידישע דיכטער. ווי מיר וועלן זען, האָבן די צוזאַמענשטעלער גראָד יאָ אונטערשטראָכן, אַז זיי גיבן אַרויס אַן אַנטאָלאָגיע פון אַמעריקע.

כ'האָב זיך באַנוצט פאַר דעם איצטיקן קאַפּיטל מיט פאָלגנדיקע אַנטאָלאָגיעס:

1. ניו־יאָרק אין פערזן, אַנטאָלאָגיע צוזאַמענגעשטעלט פון מאַני לייב (אין זאַמלבוך „אינזל"), 1918.

2. אַנטאָלאָגיע — די יידישע דיכטונג אין אַמעריקע ביזן יאָר 1919, צוזאַמענגעשטעלט פון זישא לאַנדוי, נ. י., 1919.

3. „יונג שיקאַגאָ", אַ זאַמלונג, 1922, פאַרלאַג „יונג שיקאַגאָ".

4. דאָס יידישע ליד אין אַמעריקע: 1923", אַנטאָלאָגיע, צוזאַמענגעשטעלט פון אַננאַ מאַרגאָלין.

5. אַנטאָלאָגיע — „די יידישע פּאָעזיע פון מיט־וועסט און מערב ביז די לעצטע טעג פון משה לייב האַלפּערן", פאַרלאַג צעשינסקי, שיקאַגאָ, 1933.

6. רעוואָלוציאָנערע דעקלאַמאַטאָר, זאַמלונג פון לידער, פּאָעמעס, דערציילונגען, איינאַקטערס, געזאַמלט און רעדאַקטירט פון וויליאַם אייבראַמס און קלמן מרמר, אַרויסגעגעבן פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן, נ. י., 1933.

7. אַמעריקאַנער יידישע פּאָעזיע, אַנטאָלאָגיע, געזאַמלט און צונויפגעשטעלט פון מ. באַסין, ניו־יאָרק, 1940.

איך האָב ניט אויסגעשטעלט קיין מאָדוס. לאָמיר זען וואָס מע קאָן געפינען אין יעדער אַנטאָלאָגיע און נאָכדעם פּרוּוון, אין רעזומע, באַקומען אַ בילד ווי אַמעריקע ווערט אָפּגעשפּיגלט אין פאַרשיידענע פאַזן.

„ניו־יאָרק אין פּערזן״, די קליינע אַנטאָלאָגיע אין זאַמלבוך „אינזל״ (1918), דאַרף שוין לויטן נאָמען רעדן פאַר זיך אַליין. דאָרט זיינען פאַראַן אַרום 50 לידער אָדער אויסצוגן פון לידער. זיי דאַרפן אַלע אָפּ־שפּיגלען ניו־יאָרק. עס ווערט אָבער גלייך קלאָר, אַז אונטער ניו־יאָרק האָט דער צוזאַמענשטעלער געמיינט בכלל יעדע גרויס־שטאָט און ניט דאָס ספּעציפישע פון ניו־יאָרק. ווייל גלייך אויף דער ערשטער זייט גע־פינען מיר ווינטשעוועסקיס ליד „דריי שוועסטער״, וואָס דערציילט גאָר וועגן לאָנדאָן, ניט וועגן ניו־יאָרק.

אין ענגלאַנד איז דאָ אַ שטאָט לעסטער,
אין לאָנדאָן איז דאָ אַזאַ סקווער,
אין סקווער שטייען טעגלעך דריי שוועסטער,
די מיידלעך — זיי קען װער ניט װער.

אַזוי איז אויך אין די אַנדערע לידער פון מאָרים ראָזענפעלד, ליעסין, באָוושאָווער, ערעלשטאַט, רייזען, יהואש — איז ניטאָ עפּעס וואָס מען זאָל קאָנען אָנרופן ניו־יאָרקישעס. עס קאָן גראָד אַזוי זיין וואַרשע, פּאַריז און פילאַדעלפיע. די דיכטער ווערן פאַרמאַטערט, אַנ־טוישט, פּעסימיסטיש, צעטומלט פון ווירוואַר, פון גערויש. ערשט ווען מיר קומען צו צום ליד „ניו־יאָרק״ פון י. סלאָנים, הייבט מען אָן דערפילן דעם טעמפּאָ פון דער שטאָט ניו־יאָרק. דאָ איז די שפּראַך קרעפּטיקער, בילדערישער („עס הויבט זיך די שטאָט אין דער לופטן, פאַרכשופט אין פּעלזיקע טורעמס״) און עס פילט זיך דער אָטעם פון יוגנט אין ליד. אין די ווייטערדיקע לידער פון י. ראָלניק („ווי קומט דאָס דאָס קינד פון די פעלדער אַהער אין די צעלן פון שטיין?״); מאַני לייב („פון דעם טאָג און פון די מענטשן האָב איך פעסט מיין טיר פאַרמאַכט״); ר. אייזלאַנד („און ציען אויסגעמאַטערטע, געשפּאַנט אין שווערע זאַרגן״); מ. ל. האַלפּערן („דאָס ליד פון שטיין און שטאָל — דער וואַנזין פון דער ריזנ־שטאָט״) זעט מען ניט ניו־יאָרק, נאָר מע פילט איר ווירקונג אויפן געמיט־צושטאַנד פון די דיכטער. זיי וואָלטן אַזוי געפילט אין יעדער גרויסער שטאָט, אויב זיי וואָלט אויסגעקומען צו אַרבעטן אין אַ פאַבריק, אָדער לײדן נויט. אַ ביישפּיל פון דעם, וואָס ניו־יאָרק איז ניט, געפינט מען אין אַ ווייטערדיק ליד פון י. י. שוואַרץ. ער רעדט וועגן דעם, ווי שיין דער פאַרנאַכט איז אין דער שטאָט:

ס׳זינגט די שטאָט גאָר אַן אַנדער, אַן אַנדער געזאַנג —
ס׳וואָרט אָנטשוויגן דער אומרו און רויש פון פאַבריק.
אין דער דאָזיקער רגע פאַרנעמט שטיל דיין האַרץ
דעם רחמנות פון שטאָט און איר אומגליק און גליק.

און ער פאַרענדיקט: „עס איז שוין די פאַרנאַכטיקע שעה — זי איז גרוים!״

י. י. שוואַרץ האָט זיכער ניט געמיינט — ניו־יאָרק פאַרנאַכט. ווייל אַפילו אין 1918 האָט אַ ניו־יאָרקער פאַרנאַכט מיט זיך ניט פאַרגעשטעלט דאָס אידילישע, וואָס מען געפינט אין שוואַרצס ליד, אין דער אַנטאָ־לאָגיע. רעאַליסטישער איז ב. לאַפּינס „אַ ניו־יאָרקער פרימאָרגן״. די נאָכפאָלגנדיקע לידער פון באַסין, מילער, לייוויק, פּראַדל שטאָק, משה וואַרשע זיינען פונקט אַזוי ניו־יאָרקיש ווי קליוולענדיש, אָדער טאָראָנ־טאָאיש. אַנדערש איז אָבער מיט א. לעיעלעסעס „ניו־יאָרק״. דאָ איז שוין פאַראַן דער ריטם פון ניו־יאָרק.

די ווייטערדיקע לידער צייכענען זיך אַלע אויס — מיט זייער אומעט, נאָסטאַלגיע און געוויינלעכן לירישן ווייַ, מיט וועלכן עס איז אָנגעפילט אַ גרויסער טייל פון דער יידישער דיכטונג בכלל. בלויז דער סאָנעט פון י. קיסין („ניו־יאָרק״), מיט וועלכן די אַנטאָלאָגיע פאַרענדיקט זיך, זינגט, ווי אַ הימן, אַ לויב צו ניו־יאָרק.

אין די 50 לידער פון דער אַנטאָלאָגיע איז ניטאָ קיין איין אָנצוהער־רעניש — אין דיכטערישער פאָרם — אַז ניו־יאָרק איז די גרעסטע יידישע קהילה אין דער וועלט, אַז דער יידישער אימיגראַנט געפינט זיך דאָ אין קאָנגלאָמעראַט פון פעלקער, אַז דאָס אָרומיקע לעבן ווירקט אויפן גע־זעלשאַפטלעכן בליק פון דיכטער. פאַראַן פאַרלוירנקייט, דאָס ווילן אַנט־לויפן פון שטאָט, אַנשטאָט זיך איינלעבן, דיכטעריש אין איר סביבה. בלויז אין אַ פינף לידער איז דאָ דער אָנזאָג, אַז דער דיכטער אָנערקענט ניו־יאָרק, אַז ער וויל זיך דאָ איינבירגערן.

אַ יאָר שפּעטער, אין 1919, איז דערשינען זישאַ לאַנדוים אַנטאָ־לאָגיע — „די יידישע דיכטונג אין אַמעריקע ביזן יאָר 1919״. מאַני לייבס זאַמלונג האָט קיין פאָרוואָרט אָדער דערקלערונג ניט געהאַט. אַנ־דערש איז מיט זישאַ לאַנדוים אַנטאָלאָגיע. זיין איבערבליק האָט דאַן געמאַכט אַ רושם. ווען מע לייענט עס היינט־צו־טאָג, ווערט נאָך שטאַר־

קער די איבערצייגונג, אַז ז. לאַנדוי איז געווען פאַלש אין זיין צוגאַנג. די צרה מיט די מערסטע אַנטאָלאָגיע־צוזאַמענשטעלער ביי אונדז איז, וואָס זיי האָבן ניט אינזינען דעם געברויכער, דעם לייענער, נאָר זיך אַליין. מע פירט דאָ פּערזענלעכע חשבונות — דער ניט־פּאַסיקסטער מיטל אַרויסצוגעבן אַן אַנטאָלאָגיע. זישא לאַנדוי איז געווען איינער פון די פיינסטע דיכטער אין דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע, נאָר ווען ער האָט זיך גענומען צו פּראָזע, ווען ער האָט געפּרואווט זיינע הפקר־שטי־מונגען אויסדריקן אין רעאַלע ווערטער, האָט ער געבראַכט שאָדן אי זיך, אי דער ליטעראַטור.

איך נעם אַרויס פון ז. לאַנדויס אַריינפיר צו דער אַנטאָלאָגיע די פאָלגנדיקע שורות, וואָס זיינען פאַר מיר אַ שליסל צו דער אַנטאָלאָגיע:

„איך האָב זיך באַמיט צו געבן אין אַט דער זאַמלונג אַ בילד פון דער יידישער דיכטונג אין אַמעריקע; אַ בילד פון דעם, וואָס אַן אָפּ־געריסענער טייל פון יידישן פאָלק האָט באַשאַפן אין אַ משך פון אַ פערציק יאָר אין זיין ניי־געבוירענער היים."

און —

„. . . ניט אַלע דיכטער קאָנען צוגערעכנט ווערן צו אַמעריקע. איך האָב דערפאַר אַריינגענומען בלויז אַזעלכע, וואָס זייער פיזיאָנאָמיע האָט זיך דאָ אַנטוויקלט."

פּאָרטרעטן זיינען 28 דיכטער, אַנגעהויבן כראָנאָלאָגיש מיט מאָריס ראָזענפעלדן און פאַרענדיקט מיטן יינגסטן — א. ניסענזאָן. אין בוך גייען די דיכטער לויטן אלף־בית. דער ערשטער איז אפרים אויערבאַך. ער איז פאַרטראָטן מיט פיר לידער, און מיר זעען גלייך ווי לאַנדוי האַלט ניט אוים מיט זיין מאָדוס, ווייל אַלע פיר לידער האָבן צו טאָן ניט מיט אַמעריקע אָדער מיט „דער פיזיאָנאָמיע פון דיכטער, וואָס האָט זיך דאָ אַנטוויקלט". אויערבאַכס לידער האָבן צו טאָן מיט די גלילער וויסטע וועגן, מיט אַראַבער, מיט קאַראַוואַנען קעמלען . . .

ר. אייזלאַנד איז פאַרטראָטן מיט 13 לידער. זייער לייט־מאָטיוו איז — אומעט און „שענק מיר רו". די לידער פון אל. גוריה, ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, א. בערגער, הערמאַן גאָלד, א. מ. דילאָן און ציליע דראָפּקין האָבן פּונקט אַזוי געקאָנט געשריבן ווערן אין בענדין, אין וואָלין, און אין דער ליטע. זייער פיזיאָנאָמיע האָט זיך דאָ — אין אַמע־

ריקע — ניט אנטוויקלט. ערשט ווען מיר קומען צו — אויף זייט 56 — צו מ. ל. האלפערנס „אין קוני איילאנד", גיט אויף אונדז א ווייע מיט אמעריקע, מיט ניו־יארק. נו, איז אבער מ. ל. האלפערן בלויז פארטראטן מיט 3 קליינע לידער — מ. ל. האלפערן, דער עכט־אמעריקאנישער דיכטער!

פון די פיר לידער, מיט וועלכע יהואש איז פארטראטן, איז איינס א שטאט־ליד („נאכט אין שטאט"). דאס זעלבע ליד געפינט מען אויך אין מאני לייבס זאמלונג, נאר די טעמע איז באהאנדלט געווארן פראווינציעל. יהואש האט אבער א סך גוטע אמעריקאנישע מאטיוון. זישא לאנדוי האט זיך אליין געגעבן דעם אויבנאן אין דער אנטאלאגיע און מע קאן זאגן, אז אין זיין גרופע לידער פילט זיך אי דער גרויס־שטאט מענטש, אי אמעריקע (עדגאר פא; אין "על") ר. לודוויק, איינער פון די אמעריקאנישסטע יידישע דיכטער, איז נאך דא ניט פארטראטן מיט קיין איין אמעריקאנער מאטיוו. לייוויק גייט מערסטנס אריין מיט זיינע סיבירער לידער. ליעסין האט איין לידל. מאני לייב פארמאגט דא 11 לידער, פון וועלכע בלויז איינס („אין האפן") קאן צוגערעכנט ווערן צום איינפלוס פון אמעריקע. יא. ניסענזאנס צוויי קליינע לידער זיינען ניו־יארקיש.

אין זיין פארווארט מאכט ז. לאנדוי א טיל־תל פון מארים ראזענפעלדן. אין דער זאמלונג איז מארים ראזענפעלד ארייננגענומען געווארן מיט פיר קליינע לידער, פון וועלכע בלויז איינס איז אמעריקאניש — וויטמאן. זיינע שאפ־מאטיוון, זיין צארנדיקער ברום קעגן אומגערעכטיקייט, געפינט ביי זישא לאנדויען ניט קיין ארט. דערפאר גיט ער אפ גאר א סך פלאץ צו י. ראלניקס לידער וועגן ליטע. י. י. שווארץ איז פארטראטן מיט נאטור־מאטיוון.

דער סך־הכל? אין לאנדויס אמעריקאנער אנטאלאגיע איז אמעריקע זייער און זייער שוואך פארטראטן. ניטא קיין אמעריקע, ניטא קיין יידיש לעבן, ניטא קיין ארבעטער־לעבן — אין דער אנטאלאגיע. — ווי די דיכטער וואלטן געלעבט אויפן מארס, ווי זיי וואלטן מיטן אקטועלן לעבן קיין שייכות ניט געהאט. סיי מאני לייב און סיי ז. לאנדויס זאמלונג גיבן אונדז ניט קיין בילד פון אמעריקע אין דער יידישער דיכטונג.

ווען ס'איז אַרויס „יונג שיקאַגאָ", האָט ניו־יאָרק, די פּרימאַדאָנע, געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף דער פּראָווינציעלער דאַמע. די זאַמלונג איז דערשינען אין 1922. דאַן איז נאָך געווען די בלי־צייט פון די „יונגע". ניו־יאָרק איז געווען דער צענטער. די נעמען פון די שיקאַגער דיכטער זיינען געווען ניט־באַקאַנט. די קריטיק האָט זיך אָבער אָפּגערופן, אמת ניט צו גינסטיק, נאָר ניט איגנאָרירט. ש. ניגער, מ. אָלגין און אפילו בעל־מחשבות האָבן געהאַט פאַר איינעם אָדער צוויי אַ קניפּ אין בעקל. אמת, מאַטעס דייטש איז פון איין קריטיקער דערקלערט געוואָרן פאַר אַ נייעם שטערן און פון צווייטן — פאַר אַן אַבסאָלוטן גראַפאָמאַן, נאָר אַבי מע האָט געשריבן.

אין דער אַנטאָלאָגיע „יונג שיקאַגאָ" זיינען פאַרטראַטן אַכט דיכטער. דאָ וואַרפט זיך אין די אויגן אַריין דער שטעמפּל פון שיקאַגאָ אויף די מערסטע לידער. מיט דעם אַליין פאַרדינט די אַנטאָלאָגיע אָנערקענונג. ניו־יאָרק האָט זיך געווייקט אין אומעט אין דער פּאָעזיע, די שיקאַגער דיכטער האָבן געזונגען וועגן עפּעס נייס, וועגן דער שטאָט, אין וועלכער זיי האָבן זיך געפּרוּווט איינבירגערן. דאָס זאַמלבוך עפנט דער דיכטער בן שלום. ער איז פאַרטראַטן מיט 13 לידער. פון זיי זיינען כמעט אַ העלפט אויף לאָקאַלע שיקאַגער מאָטיוון. די צרה איז בלויז מיט בן שלומען, ווי מיט די איבעריקע דיכטער אין דער אַנטאָלאָגיע, וואָס דאָס וואָרט באַהערשט נאָך דעם פּאָעט, אַנשטאָט פאַרקערט. פאַראַן צופיל רייד. דער דיכטער האָט זיך אָנגעזאַפּט מיט דער שטאָט, נאָר זי נאָך ניט איינגעזאַפּט אין זיך. ל. גאָרעליק האָט 11 לידער. אויך דאָ זיינען כמעט אַ העלפט שיקאַגאָ־מאָטיוון. דאָס ליד „סעלעסטיאַ" איז אַ בילד פון דער איטאַליענישער געגנט אין שיקאַגאָ. דער דיכטער דוד גאָלדהאַרט האָט אַנטדעקט די ליבע און דערפאַר שיקאַגאָ ניט געזען. מאַטעס דייטש האָט אַ ריי גרויס־שטאָט מאָטיוון, פון וועלכע איינס איז טיפּיש שיקאַגאָיש. („באַן־גלאָקן").

א. עסעלין האָט אַ צאָל לידער, וואָס זיינען ניי און קרעפטיק און אַמעריקאַניש („אַ הימן צו אַרבעט", „דער בופלאָקס").

די אַנטאָלאָגיע „דאָס יידישע ליד אין אַמעריקע; 1923", צוזאַמענגעשטעלט פון אננא מאַרגאָלין, באַשטייט אינגאַנצן פון 32 זייטן, נאָר אין איר זיינען פאַרטראַטן 22 דיכטער מיט אַרום 50 לידער. די לידער

זיינע אַרויסגענומענע געוואָרן פון זשורנאַלן און פון דער טעגלעכער פּרעסע פון יענעם יאָר, האָט מען געמעגט דערוואַרטן אַ מאָדערן, צייטיק געזאַנג, ווייל די צוזאַמענשטעלערין דערקלערט אין איר פאָרוואָרט, אַז „פאַר דער זאַמלונג זיינען געקליבן געוואָרן ניט פּאָעטן, נאָר לידער". די אויסגעקליבענע זאַכן שפּיגלען אָבער ניט אָפּ אַמעריקע. די איינציקע אויסנאַמען זיינען ר. לודוויק („ווער האָט צעשאָסן דעם קרעציקן נעגער?") און י. קיסין („אויפן האָטסאָן", „די באָוערי").

די שיקאַגער גרופּע דיכטער האָט צען יאָר שפּעטער, אין 1933, אַרויסגעגעבן „די אַנטאָלאָגיע פון מיטוועסט און מערב", צונויפגעשטעלט פון מאַטעס דייטש, בן שלום און שלמה שוואַרץ. אין דער זאַמלונג האָבן זיך באַטייליקט 24 דיכטער, פון שיקאַגאָ ביז לאָס אַנדזשעלעס. דאָס בוך עפנט זיך מיט אַ „פּירוואָרט", וואָס איז געשריבן פון מאַטעס דייטש און וואָס איז שווער דורכצוקריכן צוליב דער געקינצלטער עברי. ווי אין ז. לאַנדויס פאָרוואָרט פילט זיך דאָ אויך אַ שטאַרקע מחיצה צווישן דעם צוגעזאָגטן אין פאָרוואָרט און דעם אינהאַלט פון דער זאַמלונג. מע דערציילט אונדז, אַז „די מערסטע דיכטער זיינען פאַרטראַכטן מיט אַר־בעטן, וואָס טראָגן אין זיך אַ סאָציאַלן אינהאַלט", נאָר ווען מע לייענט די זאַמלונג, זעט מען אַז גראַד דער סאָציאַלער אינהאַלט איז ניט פאַר־טראַכטן אין דער זאַמלונג.

לאָמיר זען וואָס „פופצן יאָר יידישע דיכטונג פון לעיק מישיגען ביזן נאָרד פּאַסיפיק" גיבן אונדז צושטייער. די צענדליק לידער פון מ. באָגדאַנסקי, מיט וועלכע דער בוך עפנט זיך, האָבן אין זיך ניט קיין סאָציאַלן אינהאַלט און ניט קיין ספּעציפיש אַמעריקאַנישעס. דער קאַ־ליפאָרניער ש. בעלסקי—דיטאָ. בן שלום מאַכט לאַנגע דעקלאַראַציעס אין זיינע פיל לידער, נאָר בלויז אין צוויי פילט זיך אַמעריקע — „שוואַרצ־הויטיקער ברודער מיינער" און „ברעד לאַין". ה. גאָלדאַווסקי האָט אַ ליד וועגן „באַיל האַיטס", די יידישע געגנט אין לאָס אַנדזשעלעס. אויך ל. גאָרעליק האָט אַ ליד וועגן נעגער. מאַטעס דייטש פאַרמאָגט אַן עכט־שיקאַגער יידיש ליד „אַרום זעכצנטער גאַס". די צרה איז בלויז, וואָס מע זעט דעם דיכטער מער ווי די גאַס. פּעסי הערשפעלד זינגט אויך וועגן שיקאַגאָ. מלכה כייפעץ־טוזמאַן האָט אַ ליד וועגן פוט־באָל. מ. טקאַטש שרייבט וועגן „די דיונס ביים לעיק מישיגען". דער יונג־פאַר־

שטאַרבענער מאַטעס ל. האָט גראַד אַ סך געשריבן וועגן קאָלאָראַדאָ און אין דער זאַמלונג איז פֿאַראַן אַ ניצוץ דערפֿון. ע. קאַרמאַנס לידער זיינען גרויסשטאָטיש. ברכה קודלי טאַנצט אַ טאַנגאָ. ה. רויזענבלאַט האָט עכטע אַמעריקאַנישע מאָטיוון פֿון דער וועסט און סאַוט. שלמה שוואַרץ און שלמה שניידער זיינען פּאָרטראַטן מיט אַמעריקאַנישע בילדער.

אין אַלגעמיין פֿילט זיך אַמעריקע אין אַט דער אַנטאָלאָגיע. דאָך איז ניט פֿאַראַן קיין איין ליד אין דער גאַנצער זאַמלונג, וואָס זאָל קאָנען פֿאַררעכנט ווערן ווי אַ וויכטיקער צושטייער, ווי אַ מוסטער פֿון דער אַמע־ריקאַנער יידישער ליטעראַטור. די דיכטער פֿון מיטוועסט און מערב פֿאַרמאָגן נאָך אַלץ אַזוי פֿיל רייד, נאָר ס׳איז צו זייער קרעדיט, וואָס זיי נעמען זיך צו נייע טעמעס, וואָס זיי ווילן זינגען וועגן אַמעריקע.

דער „רעוואָלוציאָנערער דעקלאַמאַטאָר" איז אַרויס אין 1933. פֿון דעם נאָמען אַליין קאָן מען זיך שוין אָנשטויסן, אַז דער מאַטעריאַל דאָ איז געווען אַ דירעקט־צוגעקליבענער. אין דער זאַמלונג גייען אויך אַריין שרייבער פֿון אויסלאַנד, הויפּטזעכלעך — סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. מיר וועלן זיך אָפּשטעלן בלויז אויף די אַמעריקאַנער אָנטיילנעמער און אויך בלויז אויף פּאָעזיע. שרה באַרקאַן האָט צוויי לידער און ביידע זיינען טיפּיש־אַמעריקאַנישע. איינס „קונקי איז ברוגז" איז אַ נעגער וויג־ליד. דאָס צווייטע „זעקס איטאַליענישע מוליערס" אָטעמט מיט דער אַרבעטס־אַמע־ריקע. מאַרטין בירנבוימס פֿיר לידער זיינען געווענדט מיטן פּנים צום ברוויזנדיקן לעבן פֿון היגן לאַנד. אַזוי אויך גרינשפּאַנס לידער. אַב. וויקטאָר, מלכה לי, ל. מילער, מ. בלעכמאַן, משה נאַדיר, ל. סאָברין, מ. א. סול, י. אפרת, ב. פענסטער, א. פּרינץ, מעינקע קאַץ, אהרן קוריץ, מאָריס ראָזענפֿעלד, אהרן ראַפּאָפּאָרט, משה שיפֿרים, בנימין קאַץ, יאָסל קאָטלער, ב. פֿרידמאַן, אייזיק פּלאַטנער — די אַלע דיכטער, ווער שטאַר־קער, ווער שוואַכער, שפּיגלען אָפּ אין זייער שאַפֿן אין דעם זאַמלבוך די צייט און דאָס לאַנד, אין וועלכן זיי לעבן. עס איז אַמעריקע — בלוט פֿון איר בלוט, פֿלייש פֿון איר פֿלייש. ניט קיין אויסגעטראַכטע, ניט קיין קינדיש באַהאַלטן זיך אונטערן פֿאַרטוך פֿון מאַמע־שטימונגען.

„אַמעריקאַנער יידישע פּאָעזיע אַנטאָלאָגיע", געזאַמלט און צונויפֿ־געשטעלט פֿון מ. באַסין, איז דאָס וואָגיקסטע און שענסטע פֿון אַלע אויסגערעכנטע אַנטאָלאָגיעס. עס באַשטייט פֿון איבער זעקס הונדערט

זייטן, גרויס פאָרמאַט. אַזוי ווי דאָס בוך איז אַרויס אין 1940, גייט מען צו דערצו מיט אַ סך דערוואַרטונגען. אין דעם אַריינפיר דערקלערט אונדז מ. באַסין, אַז ער מאַכט „אַ מין חשבון הנפש" אין דער פאָרם פון אַ קינסטלערישער אַנטאָלאָגיע, וואָס זאָל, ווי ווייט מעגלעך, אונטער־שטרייכן די דערגרייכונגען פון אַ געוויסן פעריאָד אין אונדזער היגער פּאָעזיע — דער פעריאָד פון גיין באַרג אַרויף."

אין דעם זאַמלבוך זיינען אינגאַנצן פּאָרטראַטן 31 דיכטער. עס וואַרפט זיך גלייך אין די אויגן אַריין דאָס פעלן פון נעמען פון איינ־געוואָרצלטע, טיפּיש־אַמעריקאַנישע יידישע דיכטער. עס פילט זיך גלייך, אַז ניט קיין חשבון־הנפש האָט דאָ דער צונויפמענשטעלער געמאַכט, נאָר אַ פּערזענלעכן חשבון — דעם גוט־באַקאַנטן חשבון פון דער איסט־סאַידער ליטעראַרישער קאַפע, וואו „איין האַנט וואַשט די צווייטע". די אַנטאָלאָגיע עפנט זיך מיט מאָרים ראָזענפעלדן און פאַרענדיקט זיך מיט אַבאַ שטאָלצנבערגן. זייער אַ וויכטיקער צייט־שפּרונג, וואָס זאָגט אַ סך צו און וואָס האָט אַ סך געגעבן דער יידישער דיכטונג אין לאַנד. די פּאָר־טראַטענע דיכטער איז געגעבן געוואָרן גענוג פּלאַץ, צענדליקער זייטן. די פראַגע איז אָבער: וואָס האָט מען געגעבן? עס וואַרפט זיך אין די אויגן אַריין די אַנטי־סאָציאַלקייט פון בוך. ווי דער צונויפמענשטעלער וואָלט באַשלאָסן באַוואוסטזיניק אויסצובראַקירן אַלץ, וואָס האָט צו טאָן מיטן אמתן לעבן פון יידן אין אַמעריקע. פון די 29 לידער, מיט וועלכע מאָריס ראָזענפעלד איז פּאָרטראַטן, זיינען בלויז פיר — סאָציאַלע לידער, בלויז פיר עכט־ראָזענפעלדישע. יהואש האָט איין אַמעריקאַנער מאָטיוו (וואָלוואָרט בילדינג). א. ליעסין, וואָס האָט געשאַפן אַ מאַסע לידער אויף אַמעריקאַנער טעמעס, איז רעפּרעזענטירט מיט 32 לידער. פון זיי איז בלויז איין קליין ליד אויף אַן אַמעריקאַנער טעמע („אין סאָבוועי"). א. רייזען ווערט פאָרגעשטעלט מיט 50 לידער. פון זיי בלויז פיר אויף אַמעריקאַנער מאָטיוון.

טאָמער הייבט מען שוין אָן ה. רויזנבלאַטס אַפּטייל אין בוך מיט אַמעריקע, זיינען אָבער זיינע מערסטע לידער וועגן דער אַלטער היים. מאַני לייב זינגט וועגן ניו־יאָרק: „ניו־יאָרק, ווי זאָל איך לויבן דיין פּראַכט, דיין גרויסקייט און דיין רום? איך ליג אַ שטויב אין דיינע שטויבן, און פאַר דיין גרויסקייט בין איך שטום". צווישן די אַמערי־

קאנישסטע לידער אין דער אנטאָלאָגיע זיינען ר. אייזלאַנדס „פון אַלע טאָג״, נאָר דאָס בעסטע ליד זיינס איז פאָרט „טאַרנאַוו״. י. י. שוואַרץ איז דאָ מיט טיילן פון זיין עפּישער „קענטאַקי״, נאָר זיין „טשעטעם סקווער״ איז איננאַנצן ניט פאַרטראַטן. מ. ל. האַלפּערן האָט אַ פּאָר אַמעריקאַנער מאָטיוון, נאָר זיין „אין גאָלדענעם לאַנד״ פעלט, ווי עס פעלן זיינע עכט־בונטאַרישע לידער. ה. לייוויק איז דאָ מיט זיין „דענוווער באַלאַדע״ און עס פעלט זיין „בריוו פון אַמעריקע צו אַ ווייטן פריינט״. זישע לאַנדוי האָט בלויז צוויי אַמעריקאַנער לידער. לודוויג זעט זיך אָן מיט זיינע אַריזאָנאַ־זאַכן.

אָבער פאַרוואָס האָט מען אַרויסגענומען פון דאָרט די לעבעדיקע נשמה? פאַרוואָס איז ניט פאַרטראַטן קיין איינער פון די עכטע אַמערי־קאַנער, יונגע, אמת־מאָדערנע דיכטער, וואָס זיינען טיפּיש פאַר דער יידישער אַמעריקע?

ניין, דאָס איז ניט קיין אַמעריקאַנער יידישע פּאָעזיע אַנטאָלאָגיע. זיכער זיינען די לידער אין דער אַנטאָלאָגיע פיינע. ס׳איז ניט קיין גרויסע קונץ צו געפינען פּערל ביי ליעסינען, יהואשן אָדער ראָלניקן. אַן אַנטאָלאָגיע דאַרף אָבער אָפּשפּיגלען אַ פּעריאָד אין דער ליטעראַטור. עס דאַרף אויף איר ליגן דער חותם פון דער צייט, פון לאַנד און פון דער סביבה.

ניין, ס׳איז ניט קיין אַמעריקאַנער אַנטאָלאָגיע און ס׳איז ניט קיין אַנטאָלאָגיע בכלל. אַן אמתע זאַמלונג, וואָס זאָל געטריי אָפּשפּיגלען די יידישע דיכטונג פון אַמעריקע דאַרף ערשט צוזאַמענגעשטעלט ווערן.

סאציאלע דיכטער

א

מיט א פּאָר יאָר צוריק איז אין ניו־יאָרק אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער קאָנגרעס פון די פּראָגרעסיווע אַמעריקאַנער שרייבער. איין סעסיע איבערהויפּט האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר דראַמאַטישקייט.

דאָס איז גראָד געווען די סעסיע פון די דראַמאַטורגן. דאָרט זיינען געווען אַנגעזעענע, דערפאָלגרייכע דראַמע־שרייבער און מענטשן, וואָס האָבן אַ דירעקטע שייכות מיט טעאַטער.

דער דראַמאַטורג קליפאָרד אָדעטס איז אַרויס פון די כלים און אַטאַקירט די רעפערענטן. מען איז אים קיין ענטפער ניט שולדיק געבליבן און ער האָט זיך לסוף אַנטשולדיקט פאַר זיין אויסברוך. אין זיין אַנט־שולדיקונג האָט ער אַרויסגעבראַכט אַ פּונקט, מיט וועלכן די פאַרזאַמלונג פון איבער דריי הונדערט פּאָבליט איז מיט אים געווען איינשטימיק. און דאָס איז געווען: די פּראָבלעם פון קינסטלער, פון פּראָגרעסיוון שרייבער, צו דערגרייכן דאָס האַרץ און דעם מוח פון דער ברייטער מאַסע. זייענדיק איינער פון די פּאָפּולערע דראַמאַטורגן ביי אונדז אין לאַנד, האָט זיך אָדעטס מודה געווען, אַז אָט די פראַגע עקבערט אים תמיד. ער ווייס, אַז ער האָט נאָך ניט געפונען דעם שליסל צו דער טיר פון פאָלקס־קונסט.

דער יידישער פּראָגרעסיווער דיכטער, אָט דער וואָס וויל דערגרייכן אַ וואָס גרעסערע לייענערשאַפט, ראַנגלט זיך מיט דעם פּראָבלעם יאָרן־לאַנג און זי שטייט ביי אים אין פאָדערגרונט.

דער יידישער לייענער אַנטלויפט פון ליד. אַ בוך לידער קויפט ער ניט. פּאָעזיע איז אַ האַרטער ביסן פאַר אים. אַ גרויסע שולד ליגט אין דיכטער אַליין, נאָר דעם לייענער קומט אויך ניט קיין קניפּ אין בעקל.

דער דיכטער, וואָס אַנטלויפט פון אַקטועלן לעבן, וואָס האָט ניט אין זינען דעם לייענער, שאַפט גענויינלעך ניט קיין זאַכן, וואָס וועלן האָבן אַ דויערנדיקן ווערט. צום באַדויערן האָבן אַ גרויסע צאָל אַמעריקאַנער יידישע דיכטער זיך באַצויגן מיט בטול צום לייענער און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז דער לייענער האָט זיך אָפּגעקערט פון זיי — און דערפאַר עקזיסטירט נאָך אַט די גרינגשעצונג צו אַ בוך לידער מצד די לייענער ביזן היינטיקן טאָג.

ווען דער דיכטער האָט געשריבן וועגן זיינע פּערזענלעכע לידן אָדער פריידן, וועגן זיינע פּערזענלעכע שטימונגען און בענקענישן, וואָס האָבן ניט רעפלעקטירט די זעלביקע געפילן פון מיטמענטשן, — דאַן האָט דער לייענער זיך אָפּגעקערט פון אים. דער לייענער האָט געוואָלט געפינען אין ליד אַן אָפּשפּיגל פון זיינע אייגענע עמאָציעס, פון זיינע אייגענע אויסדרוקן. די דיכטער פון דער „יונגע" פּעריאָדע ביי אונדז אין לאַנד האָבן דעם לייענער אָפּגעשטויסן פון זיך. זיי האָבן פאַרמאָגט אַ סך טאַלאַנט, זיינען אָפט געווען מייסטערס פון זייער קונסט, דאָך איז קיין וואַגיקער אינהאַלט ניט געווען אין זייער וואָרט.

דער יידישער לייענער איז געווען, פּונקט ווי דער דיכטער, אַן אימיגראַנט. אַמעריקע איז פאַר אים געווען אַ ניי לאַנד, אַ פרעמד לאַנד, וואָס דאַרף ווערן נאָענט, וואָס דאַרף ווערן אייגן. ביים לייענער איז פאַרגעקומען אַ געוואַלטיקער איבערברוך אין זיין גייסטיקן לעבן אַ דאַנק זיינע נייע אומשטענדן, אַ דאַנק זיין איבערוואַנדערן אַהער. עס איז ניט בלויז געווען אַן איבערברוך אין זיין עקאָנאָמישן צושטאַנד, נאָר אָפט האָבן זיינע געפילן דורכגעמאַכט גרעסערע ענדערונגען, אָפט איז ער געשטאַנען אַ הילפלאָזער פאַר די אינווייניקסטע רעגונגען און עמאָציעס, זוכנדיק אַן ענטפער פאַר זיי ביים דיכטער, דעם מייסטער פון הארץ און נשמה.

אויך דער דיכטער איז געווען אַן אַריבערגעקומער. אויך ער האָט דאָ אָנגעהויבן בויען זיין נעסט. אויך ער האָט ניט געטראַכט מער פון צוריקפאָרן אין דער אַלטער היים. אַמעריקע איז געוואָרן זיין נייע היים. און נאָך מער ווי דער לייענער, זייענדיק פון דער נאַטור סענסיטיווער פון אים, האָט ער דורכגעמאַכט אַט די אַלע שטורעמס און וואולקאַנען, אויסברוכן אין זיין נשמה, וואָס זיינען געווען אַ רעזולטאַט פון דעם נייעם מעכטיקן אַרום.

וואס האט דער דיכטער געטאן? ער האט זיך פארשלאסן אין זיך, ער איז אנטלאפן פון זיך אליין. ער האט געמיינט, אז זיין בוידעם־שטיבל איז א טורעם, א טורעם פון עלפנביין, דער פלאץ פון אויסדערוויילטן.

דער אמעריקאנער יידישער לייענער האט געלעבט אויף דער הארטער אמעריקאנער ערד און אט וועגן דער ערד און וועגן אירע מענטשן האט ער געוואלט געפינען אן אפרוף אין די לידער און מעשיות פון דעם יידישן שרייבער. זיין אנטוישונג איז אפט געווען גרויס.

אויב מען באקלאגט זיך אויפן קריזיס אין יידישן ביכער־מארק, דארף מען אין זינען האבן, אז דער שרייבער אליין האט א גרויסן חלק אין אט דעם קריזיס. עס זיינען, נאטירלעך, דא נאך סיבות, פארוואס מען לייענט ניט קיין יידישע ביכער. איך ווייס אבער ניט פון קיין איין פאל, וואו יידישע שרייבער זאלן זיך האבן צוזאמענגעקומען, ווי די אויבנדערמאנטע דראמאטורגן, און זאלן צוזאמען אויפנעמען די פראב־לעמען פון ווי צו דערגרייכן דעם לייענער.

דער יידישער לייענער האט זיך אמעריקאניזירט. דאס זעלביקע קאן אבער ניט געזאגט ווערן וועגן א גרויסער צאל יידישע שרייבער. זיי זיינען געבליבן שטעקן גייסטיק אין זייער אמאליק שטעטל. זיי זיינען ניט אויס־געוואקסן. זיי האבן זיך דערשראקן פאר אמעריקע. אין זייערע ווערק איז אמעריקע א נאך ניט אנערקענטע טעריטאריע. דערפאר ווייל זיי האבן ניט מיטגעלעבט מיט די מאסן, ווייל זיי איז דאס גרויסע לעבן פרעמד, האבן זיי דאס לעבן ניט פארשטאנען און ניט געקאנט באשרייבן. און ווען זיי האבן עס יא געטאן, איז עס ארויסגעקומען שוואך, ניט עכט.

דער הייַנטיקער פראגרעסיווער דיכטער אונדזערער, אט דער וואס האט זיך גרופירט ארום „פראלעטפען", האט פון דער גרופע „יונגע", וואס זיינען געווען אין דער ליטעראטור פאר אים, אפשר געקאנט לערנען טעכנישע מייסטערשאפט, געבוי פון פערז, נאר אידייאיש און טעמאטיש האט ער געדארפט אויסראטן פון זיך די איינפלוסן פון אינזיכקייט און אינהאלטלאזיקייט. ער איז דערפאר אוועק צוריק צו די ערשטע אמערי־קאנער סאציאלע דיכטער.

מען האט ניט געקאנט פאדערן פון אונדזערע ערשטע סאציאלע דיכטער דא אין לאנד לידער אויף אמעריקאנישע טעמעס. מיט פופציק יאר צוריק האט זיך דאך ערשט אנגעהויבן אויסשיילן א יידיש לעבן דא.

דאָך זעען מיר, אַז מאָרים ראָזענפעלד, וואָס האָט צוזאַמען מיט אַלע איבעריקע אימיגראַנטן זיך אַנגעליטן פון סוועט־שאַפּ, האָט זיך ניט פאַר־קליבן ווייט פון דער מאַסע, האָט זיך ניט אָפּגעזונדערט אין אַ חדר מיוחד, נאָר ער האָט געזונגען לידער פון אייגענעם וויי, וועלכע זיינען אָבער אין דער זעלביקער צייט געווען די ווייען פון זיינע מיטמענטשן.

אין „מיין יינגעלע" האָט מאָרים ראָזענפעלד אויסגעדריקט זיינע פערזענלעכע געפילן צו זיין קינד, וואָס ער האָט אַ דאַנק זיינע שעה'ן אין סוועט־שאַפּ ניט געקאָנט זען אַ וואָכנדיקן. דאָס ליד איז גליך געוואָרן אַ פאָלקס־ליד, ווייל הונדערטער טויזנטער טאַטעס האָבן איבערגעלעבט די זעלביקע געפילן, נאָר קיינמאָל ניט געקאָנט זיי אַרויסברענגען אין דער עפנטלעכקייט. איז געקומען דער דיכטער און האָט די געפילן פאַר־אייביקט. אָט דאָס איז די קראַפט פון אַ ליד.

מאָרים ראָזענפעלד איז געווען דער אַמעריקאַנישסטער פון די סאָ־ציאַלע דיכטער. די איבעריקע — באָווישאָווער, עדעלשטאַט און ווינ־טשעווסקי זיינען אין זייערע לידער געווען אַבסטראַקט. דאָס אַמעריקאַ־נישע האָבן זיי באַשריבן אין זייער פּראָזע. ווילן מיר אָבער איבערלעבן די שטימונגען און געפילן פון די ערשטע יידישע אַרבעטער אין די שעפּער, מוזן מיר אָנקומען צו ראָזענפעלדס דיכטונג. קיין דערציילונג פון יענער צייט קאָן אונדז ניט געבן אַזוי פיל ווי אַ קורץ ליד פון מאָרים ראָזענפעלד. זיין „סוועט־שאַפּ", זיין „בלייכער אַפּרייטער", זיין „מאַשין" וועלן בלייבן ווי מאָנומענטן פון יענער פינסטערער צייט.

„איך אַרבעט און אַרבעט און אַרבעט אָן חשבון,
עס טוט זיך און טוט זיך און טוט זיך אָן צאָל.
פאַרוואָס און פאַר וועמען? איך ווייס ניט, איך פרעג ניט:
ווי קומט אַ מאַשין גאָר צו דענקען אַמאָל?"

דוכט זיך, פיר שורות(פון ליד „אַ מאַשין") און ווי טרעפלעך דער דיכטער האָט איבערגעגעבן די געפילן פון זיין דור לוין־שקלאַפן! וואָס פאַר אַ בולט בילד באַקומט זיך פון דער דעמאָלטיקער אַמעריקע, ווען מען לייענט זיינע לידער!

עס זיינען אָבער געווען דיכטער נאָך פאַר מאָרים ראָזענפעלדן, וואָס האָבן געשריבן וועגן דער אַמעריקאַנער סביבה. ק. מרמר, וואָס איז אַ קענער פון יענער עפּאָכע אין אונדזער ליטעראַטור, זאָגט: „די יידישע

ליטעראַטור אין אַמעריקע איז ניט איבערגעפּלאַנצט געוואָרן פון אייראָפּע. זי איז אַרויסגעקומען פון די באַדינגונגען פון אַמעריקאַנעם יידישן לעבן".
(קלמן מרמר: "דער אָנהויב פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע", נ. י., 1944).

דער ערשטער דיכטער, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ ביכל לידער, איז געווען יעקב צבי סאָבעל. דאָס ביכל איז אַרויס אין יאָר 1877. אין יענער צייט האָבן זיך די מערסטע יידישע אימיגראַנטן פון פּוילן פאַר־נומען מיט פּעדלעריי. סאָבעל שילדערט אין זיינע לידער דאָס דאָזיקע סאָרט לעבן.

די דיכטער י. מ. שאַרקאַנסקי, יעקב האַכשטיין, י. ריינגאָלד און דער פּאָפּולערער א. צונזער האָבן געלאָזט הערן זייער וואָרט וועגן אַרומיקן לעבן דאָ אין לאַנד. שלמה שמולעוויטשעס ליד "אַ בריוועלע דער מאַמען" איז געוואָרן אַ טייל פון אַמעריקאַנער פאָלקלאָר.

ניט אַלע דיכטער זיינען געווען טאַלענטירט, נאָר די וואָס האָבן גע־שריבן וועגן דעם, וואָס איז זיי געווען נאָענט, וועגן לעבן פון אימיגראַנט, זיינען געווען פּאָפּולער אין זייער צייט.

שרייבט יעקב האַכשטיין:

"דער גרינער איז ווי אַ ניי־געבוירן קינד,
אָרים, באַזאָרגט, עלנט, מוטלאָז און דערצו שטום,
זעט, דאַכט זיך, אַלעס און דאָך, נעבעך, בלינד.
וואָס אייראָפּע רופט גלייך, רופט אַמעריקע קרום."

און אליקום צונזער האָט אויף זיין פּרימיטיוון שטייגער אַגיטירט דעם פּעדלער:

"וואָס זוכסטו זיך, יידל, אַזעלכע פּרנסות,
וואָס מאַכן דיין נאָמען צו שפּאָט און צו שאַנד;
גיי לעז אין די צייטונגען אויף דיר "ליבע דרשות",
זיי בעסער אַ פאַרמער און נעם זיך צו לאַנד!" (1890)

צווישן די אימיגראַנטן אַליין האָט געהערשט אַ קידער־ווידער. די פריער אָריבערגעקומענע האָבן זיך געשעמט מיט די שפּעטער איינגעוואַנ־דערטע. די יאַהודים האָבן ניט געוואָלט ליידן דעם רוסיש־פּוילישן אימי־גראַנט. דער דיכטער שאַרקאַנסקי האָט וועגן דעם געשריבן אין זיין ליד "די פּני":

„באַדויערט דעם גרינעם,
וואָס לײַדט בחינם
פון ברידער, וואָס זײַנען אַהער
פאַר צענדליקער יאָרן
געקומען צו פאָרן
ווי בעטלער פון יענער זייט מער."

דער דיכטער מאַגולאַנסקי באַשרייבט דעם „טאָפּ פלאָר" פון יענער צייט (1890):

„טראַנטעס אַ ביסל,
אַ טשער אָן אַ פיסל,
און בעטל מיט וואַנצן באַשאָטן.
אַ טיר מיט אַ לאַטע,
אַ שויב מיט אַ שמאַטע,
דאָ פּייפט נעבעך דער דלות אויף נאָטן."

דער דיכטער יצחק ריינגאָלד האָט געשריבן אַרבעטער־לידער, וואָס זײַנען געווען באַליבט ביי די מאַסן אין יענער צייט. זיין „מאַשינדעלעך" איז געזונגען געוואָרן אַ לאַנגע צייט.

„איר, מאַשינדעלעך, איר דרייט זיך,
און איר, רעקעלעך, איר נייט זיך,
און איר, באָסעלעך, איר פרייט זיך,
דען פון אונדזער פּראָצע ווערט איר רייך.
און מיר, מיר אָרימע אַרבעטס־לייט,
מיר גייען אויסעט פאַר דער צייט."

שטאַרק פּאָפּולער איז געווען מיכל קאַפּלאַן, וועמענס „אַהיים וועל איך פאָרן קיין ווילעדניק" איז דעקלאַמירט געוואָרן צענדליקער יאָרן און דעם עולם איז ניט נמאס געוואָרן צו הערן דאָס נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל. זיין סאַטירע האָט זיך אָבער אויך אויסגעדריקט אין אַ צאָל אַנדערע לידער, וואָס זײַנען דעם עולם ניט געווען באַקאַנט. אין אַ ליד „האַרבע ווערטער" חוזקט ער אָפּ פון „פאַרוועטס" פּאַטעיטאָ־יידיש:

„איך האָב שוין געאַרבעט אין עטלעכע שעפּער,
ביי קלאָקס, ביי וועיסטלעך, ביי פּענטס;
געלערנט זיך קאַטער, געוואָרן אַ פעינטער,
געשטאַנען אַ פּאָר מאָל ביי סטענדס."

עס וואָלט געווען ניט ריכטיק צו שאַפן דעם איינדרוק, אַז וועגן אַרבעטער האָבן געזונגען בלויז די, וואָס מיר רופן היינט אָן פּראָלעטאַ־רישע דיכטער. נאָר ניט יעדער, וואָס האָט געשריבן וועגן אַרבעטער,

קאָן אָנגערופֿן ווערן אַ פּראָלעטאַרישער שרייבער. וועגן אַמעריקע האָבן געשריבן אַ סך פּאָעטן און דערציילער. די פֿראַגע איז בלויז, ווי אַזוי און וואָס זיי האָבן געשריבן.

ריכטיק האָט אָט דעם באַגריף דעפֿינירט מ. אָלגין אין זיין אַנגעהויבענער, נאָר, צום באַדויערן, ניט פֿאַרענדיקטער אַרבעט וועגן דער פּראָלעטאַרישער דיכטונג אין דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט געזאָגט:

„מיר רופֿן אַן פּראָלעטאַריש דעם שריפֿטשטעלער, וואָס שטעלט זיך אויפֿן פּראָלעטאַרישן שטאַנדפּונקט . . . דער אוממיטלבאַרער אָביעקט פֿון זיין שאַפֿן איז דער פּראָלעטאַריאַט. אַזאַ שריפֿטשטעלער איז שוין דווקא ניט באַגרעניצט צו שילדערונגען „פֿונם אַרבעטער־לעבן": זיין געביט איז אַ סך ברייטער; עס איז פּאַקטיש אומבאַגרעניצט. אַ פּראָלעטאַרישער שרייבער נעמט פֿאַר זיין מאַטעריאַל יעדן געביט פֿונם לעבן פֿון דער מענטשהייט, אין דער פֿאַרגאַנגענהייט ווי אין דער געגנוואַרט. די קוואַליטעט „פּראָלעטאַריש" ווערט רעאַליזירט ניט אַזוי דורך דעם פֿאַראַרבעטן סאָציאַלן שטאָף, ווי דורך דעם אופֿן, ווי ער ווערט פֿאַראַרבעט: דער געזיכטס־פּונקט, דער צוגאַנג, קורץ — די וועלט־אַנשויאונג פֿונם אויטאָר." (אָרדן־אַלמאַנאַך, 1940.)

אָט דער צוגאַנג וועט אָנגעווענדט ווערן, ווען מיר וועלן זען ווי אַזוי אונדזערע הייַנטיקע דיכטער האָבן באַזונגען אַמעריקע און דאָס אַמעריקאַנער לעבן אין זייערע לידער.

ב

וואָס פֿאַרשטייען מיר אונטער דעם אויסדרוק: אַמעריקע אין די ווערק פֿון דיכטער?

טאַקע דערפֿאַר, וואָס אַזוי פֿיל יידישע דיכטער פֿון פֿריערדיקן דור זיינען געשטאַנען אויסער דעם אַקטועלן לעבן, און זיי האָבן אין זייערע לידער געהאַלטן אין איין קרעכצן אויף דעם שטעטל, וואָס זיי האָבן פֿאַרלאָזן, — איז נויטיק צו זען, ווי אַזוי די פּראָלעטאַרישע דיכטער אונדזערע האָבן זיך באַצויגן צום אַרומיקן לעבן, קומענדיק קיין אַמעריקע. אַמעריקע מיינט דאָך — דאָס לעבן אין אַמעריקע. די געשעענישן, וואָס ווירקן אויף דעם געמיט פֿון דיכטער, די לאַנדשאַפֿט און דער מיטמענטש, די מנהגים און דער נייער לעבנס־שטייגער.

דער פּראָלעטאַרישער דיכטער איז ניט קיין בלאָט אין ווינט, וואָס

ווערט געשליידערט אומעטום, אַן ציל און צוועק. ער ווערט ניט באַהערשט פון מאָמענטאַלע שטימונגען, וואָס זיינען דער רעזולטאַט פון פּערזענ־לעכע קריוודעס און פּריוואַטע חשבונות. אונדזער דיכטער איז פריער פון אַלץ אַ מענטש מיט אַ לעבנס־אַנשויאונג. ער מוז ניט שרייבן בלויז וועגן לעבן פון אַרבעטער און זיינע קאַמפן. פאַר אים איז אָבער דאָס ליד ניט קיין צייט־פאַרווייל, נאָר אַ פּאָעטישער אויסדרוק פון זיין צוגאַנג צו דער וועלט און אירע מענטשן.

אונדזער דיכטער לעבט אין אַמעריקע און דערפאַר איז אים אַמע־ריקע אייגן. ער האַלט די אויגן און אויערן אָפן צום קאַליר און קלאַנג פון נייעם לעבן, וואָס רעגט אים אָן. אַמעריקע ווערט באַזונגען און באַ־שריבן אין די ווערק פון אונדזערע דיכטער און פּראָזאַאיקער. דעם דיכטער איז, נאַטירלעך, אינטים דאָס לעבן, וואָס ער קען, וואָס אַרום אים. אויב ער איז אַ פּאַריער, וועט ער וועגן זיין פאַך שרייבן לעבעדיקער ווי וועגן פאַרמעריי, למשל. אויך די פריערדיקע דיכטער, די „יונגע״, זיינען געוועזן פּשוטע אַרבעטער, דאָך איז עס, ווייזט אויס, געוועזן אונטער זייער כבוד צו באַזינגען זייער פאַך. אַנדערש איז דאָס מיט אונדזערע פּראָלעטאַרישע פּאָעטן.

דער דיכטער זיצט ניט אויף איין אָרט גייסטיק. ער איז אויך פאַר־אינטערעסירט אין לעבן און געשעענישן אויסער זיין ענגער סביבה. דער־פאַר געפינען מיר אין די ווערק פון אונדזערע פּראָלעטאַרישע שרייבער אַ פאַרשידנאַרטיקייט פון טעמאַטיק, אַז אויסוואַל פון „אַמעריקאַנאַ״. ניט אויסגעהלומט האָט ער זיינע לידער, אונדזער דיכטער, נאָר זיי איבערגע־לעבט אין דער ניכטערערווירקלעכקייט, און פון איר, דער וואָר, האָט ער אָפט געחלומט.

יונג איז די גרופּע, וואָס ווערט באַצייכנט אונטערן נאָמען „פּראָ־לעטפּען״. עס ווערט 13 יאָר זינט די אָרגאַניזאַציע איז געגרינדעט גע־וואָרן. אָבער נאָך פריער, אין 1924, האָט שוין עקזיסטירט דער „יונגער אַרבעטער שרייבער פאַראיין״, און אין 1928 — די שרייבער־גרופּע „יוניאָן סקווער״. אין די אַלע אויסגאַבן פון אָט די אָרגאַניזאַציעס („יונג קוזניע״, „יוגנט״, „יוניאָן סקווער״, „סיגנאַל״) איז דער לייט־מאָטיוו געוועזן: מיטן פּנים צו אַמעריקע, מיט דער פּען צום אַרומיקן לעבן.

דאָס זיינען אָבער אַלץ געוועזן פּרואוו־אַרבעטן. אַ ליד אין אַ זשורנאַל

אדער אין א צייטונג קאן אפט ניט זיין פאסיק אין א בוך פון אויטאר. ווילן מיט דערקענען דעם דיכטערישן פרצוף פון פאעט, מוזן מיר זיך ווענדן צו זיינע ארויסגעגעבענע ווערק. דא אנטפלעקט זיך פאר אונדז דער שרייבער אין דער פולער מאס.

די מערסטע דיכטער אונדזערע זיינען נאך יונג אין יארן. די וויכטיקסטע, רייפסטע זאכן האלטן נאך ביים געשאפן ווערן. נאר יעדער איינער פון זיי האט אפגעשפיגלט אמעריקע אין זיינע שוין ארויסגעגעבענע ווערק.

לאמיר נעמען יעדן דיכטער באזונדער און זען אמעריקע, ווי ער האט זי געזען דורך זיינע לידער. צום באדויערן ועלן פיר דיכטער שוין ניט קאנען מער שפינען דעם פאדעם אונדזערן. יונג זיינען זיי געשטארבן, נאר זייערע ווערק בלייבן לעבן. זיי זיינען: יוסף גרינשפאן, יאסל קאטלער, בצלאל פרידמאן, און ל. גארעליק.

י. גרינשפאן איז אלט געווען 23 יאר, ווען ער איז אנגעקומען, אין 1925, קיין ניו־יארק. געשטארבן איז ער אין 1933. עס זיינען ארויס צוויי לידער־זאמלונגען זיינע. אין ערשטן בוך (ארויסגעגעבן בשותפות מיט לייבל סאברין) האט גרינשפאן א צאל לידער וועגן נעגער־לעבן אין דער סאוט, לידער וואס זיינען אריין אין אונדזערע כרעסטאמאטיעס. גלייך אין די ערשטע לידער אין זיין בוך מאכט גרינשפאן א חשבון הנפש מיט זיינע „שטעטלדיקע יארן". ער זאגט צו זיי:

„שטעטלדיקע יארן,
פלאנטערט זיך ניט מער אין מיין זכרון —
אז אנדער אינגאנצן וויל איך ווערן!
לאזט מיין הארץ קלאפן
צום טאקט פון עלעקטרישע מאטארן.
לאזט דעם ריטם פון מיין בלוט פארמעסטן זיך
מיטן ריטם פון די באנען
אין ניו־יארקער אונטערערדישע ארטעריעס."

און באלד פאלגט נאך א צארנדיק ליד וועגן קאלאראדא סטרייק אין 1927. און א ליד וועגן „א נאכט אזא ביים איסט־ריווער", און וועגן ארבעטלאזן בריקן־בויער און זיין זון. נאר דאס סאמע געוויכטיקסטע ליד אין דעם בוך איז זיין גרויסע פאעמע „פארטינטה סטריט" (פערצנטע גאס). ער זעט די גאס ניט בלויז פון יוניאן סקווער ביז סעקאנד עוועניו, נאר ער

זעט זי ביז דער נײַנטער עווענױ, אַרום די האַדסאָן־האַפּנס, ער זעט זי ביז צום איסט־ריווער מיט די „חורבה־הײַזער". פֿאַר אים איז די גאַס דער סימבאָל פֿון גאַנץ ניו־יאָרק, מיט איר נויט און קאַמף און האַס און ליבע. דיכטער פֿאַר אים האָבן זיך יאַרן־לאַנג געדרייט אויף אַט דער פּאָפּולערער גאַס, נאָר זיי האָבן זי ניט געזען. גרינשפּאַן האָט זי פּאַראייביקט אין אונדזער ליטעראַטור.

יאָסל קאָטלער, וואָס איז טראַגיש אומגעקומען אין 1935, איז אין זײַן „מונטערגאַנג" געווען דורך און דורך אַמעריקאַניש. זײַן „געצלבערג" אין די קעטסקיל־בערג, זײַנע אָריגינעלע סאַטירעס און קאָמעדיעס פֿון יידיש־אַמעריקאַנער לעבן זײַנען אייגנאַרטיק. זײַנע לידער וועגן קריזיס זײַנען געוואָרן פּאָפּולער און זײַן „סימכע מיט דער יידענע" וועט מסתם אַרײַן אין אַמעריקאַנער יידישן פֿאָלקלאָר.

בצלאל פרידמאַן, וואָס איז געשטאָרבן פּריצייטיק, האָט זיך ניט בלויז אָפּגערופֿן אין זײַנע לידער אויף געשעענישן פֿון טאָג, נאָר זײַנע לעצטע צוויי ביכער זײַנען געווען געווידמעט דעם לעבן פֿון (1) דעם פֿאַר־געסענעם מענטשן (די לעבנס־געשיכטע פֿון אַ יידישן אַרבעטער אימי־גראַנט און זײַן פֿאַמיליע, און (2) דעם העלד פֿון שפּאַנישן קאַמף קעגן נאַציזם, דעם אַמעריקאַנעם יידן, דעם פֿליער בען ליידער. אויסער דעם האָט פרידמאַן איבערגעלאָזט אַ פּאָר ראָמאַנען אין פּערזן, געבויט אויף אַמעריקאַנער סוזשעטן.

אונדזער וואָרט קומט ניט בלויז אַרויס פֿון ניו־יאָרק. יאָרן־לאַנג האָט דער דיכטער אב. וויקטאָר (דוכט זיך, דער עלטסטער צווישן אונדז) געשריבן וועגן דעם אינדוסטריעלן צענטער דעטראָיט, איבערגעגעבן דיכ־טעריש וועגן וואוקס פֿון דער אויטאָמאָביל־אינדוסטריע, אויך פּאָעמעס וועגן מיסיסיפּי טײַך, וועגן קאָלאָראַדאָ א. אַ. אין שיקאַגאָ האָט ל. גאָרעליק, אין זײַן בוך „אַרום אונז", געגעבן עכטע אַמעריקאַנישע מאָ־טיוון — וועגן שיקאַגער שלאַכטהײַזער, וועגן שיקאַגער גאַסן, וועגן קאַ־ליפֿאָרניע, וועגן דער יידישער קעלנערין מיטן צלמל „אויפֿן ווײַסן, פֿײַן געטאַקטן האַלדז". וועגן אַמעריקע זאָגט ער, אַז „איך בין שוין דאָ אַ היימישער, אַ היגער און ליב האָב איך דאָס גראַנדיעזע לאַנד."

מאָטעס דייטש פֿון שיקאַגאָ האָט אין 1935 אַרויסגעגעבן „אינם

לאנד פון די יענקים" (לידער און פאעמעס). דארט געפינט זיך די סעריע „מיקי מויז" מאטיוון, ווי אויך שיקאגא לידער.

אין קאליפארניע לעבט יארן־לאנג שׂרה וויס. אין אירע ביכער פעלן ניט קיין אמעריקאנער מאטיוון. איבערהויפּט וועגן איר שטאט קאליפארניע, „לאנד פון אייל, וויינטרויבן און מאראנצן". זי שרייבט וועגן די בערג ארום, זי רעדט צו אירע קינדער, דא געבוירענע, וועגן היגער נויט און עלנט.

אויך דער לאס אנדזשעלאסער ה. גאלדאווסקי האט אין זיין בוך „פריי־לאנד" (1927) מאטיוון פון דער וועסט.

דער יונג־פארשטארבענער דיכטער מאטעס ל. האט באזונגען די ראקיס פון קאלאראדא.

אין באסטאן האט שׂרה פעל־יעלין זיך לעצטנס גענומען צו טעמעס פון דער אמעריקאנער געשיכטע. זי האט לידער וועגן „דאס וויגעלע פון פרייהייט", וועגן „טאמאס פעין", א.א.

אליעזר גרינבערג האט אין זיין בוך „פון אומעטום" (1934) לידער וועגן ניו ענגלאנד.

פון פילאדעלפיע הערט זיך דאס קול פון נ. ד. קארמאן. אין זיין בוך לידער „בארג ארויף" (1943), וואס עפנט זיך מיט מלחמה־מאטיוון, געפינען זיך אויך ספּעציפיש פילאדעלפיער לידער.

אין נוארק וואוינט שׂרה בארקאן, וואס שרייבט אי פּראזע, אי לידער. זי נעמט אפט טעמעס וועגן ניט־יידן. איר ליד וועגן איטאליענישע מוליערס איז א מוסטער פון איר ארט שרייבן פאלקסטימלעך וועגן פאלקס־טיפּן. „עס זיצן זעקס מוליערס און ריידן. מיר זיצן און הערן זיך איין."

די ניו־יארקער פּאעטן קענען דאס לאנד און אין זייערע לידער פילט מען דעם אטעם פון פרייען וואנדער. איבערהויפּט צייכנט זיך אויס מארטין בירנבוים מיט זיינע וועג־לידער, וועלכע גיבן אונדז איבער גרויסן וועגן „שליאך סאנטא פעיער", וועגן „פּריסקא האפן" „גרענד קעניאן" און מדבר־פּרעירים. זיין „ביינאכט אין אוטאבוס" איז איינע פון די טיפּיש־אמעריקאנישע לידער אין דער יידישער דיכטונג פון לאנד.

מארטין בירנבוימס צוויי לידער־ביכער זיינען דערשינען אין 1934 און אין 1939. אין ערשטן בוך „ווייזערס", געפינען זיך א צאל לידער, וואס

כאראקטעריזירן דעם דיכטערס צוגאנג צו אמעריקע. „אין פּיכטער היץ פון וועשעריי זעט ער די פּערצן־יעריקע סאליטא, דאס איטאליענישע אימיגראנטן־קינד, וואס חלומט נאך פון איר פישער־דארף אין איטאליע. „אף א פעלד אין קאלאראדא" זיצט ער מיטן פארם־האנט א'מעלי, וואס אנטפלעקט פאר'ן דיכטער זיין לעבן אין אירלאנד, יארן פון מלחמה און צרות אין אמעריקע. מארטין בירנבוים איז א פאריער, און אין ביידע בענדער זיינען פאראן א סך פאר־לידער. אויך פארמאגט ער א צאל קרעפטיקע נעגער־מאטיוון. לידער וועגן ניו־יארקער גאסן, וועגן איסט־ריווער, וועגן שיקאגא, לידער וועגן אונדזער באוועגונג, א פּאעמע וועגן באנוס־מארש. מיר האבן פאר זיך דעם פולבלוטיקן דיכטער, וואס איז באהעפט מיט אלע חושים צו דעם לעבן פון לאנד.

אויך ל. דינסקי איז א פאריער, און אין זיין ביכל „טעג אין שאפ" (1936) דערציילט ער אונדז וועגן די מענטשן ביי זיין פאד, וועגן די באלעבאטים, אונטער וועלכע ער ארבעט, איבערהויפּט ווערט אט דער סענטימענט בולט אין זיין פּאעמע „לייבל דער פאריער".

אן אנדער דיכטער, וואס האט זיין בוך א נאמען געגעבן „מייסע שאפּ", איז אהרן ראפּאפּארט. דאס בוך איז א געמיש פון פּראזע און דיכטונג. מיר דוכט זיך, אז די פּראזע איז דארט קערנדיקער. ראפּאפּארט איז א מאשיניסט. זיינע לידער זיינען מערסטנס וועגן מאשינען, עלעקטרישע מאטארן —

„דער עלעקטרישער מאטאר הויערט ווי א לייב אונטערן טיש,
דרייט זיין שטאלענעם עק — דעם וואל.
און רעדל צו רעדל שלענגלען זיך די פּאסן,
גליטשן זיך און רעדלען, גליטשן זיך און רעדלען."

משה שיפרים, וואס איז אי א פּראזאאיקער, אי א דיכטער, האט אין 1937 ארויסגעגעבן א בוך „מלחמה טעג", א פּאעמע וועגן דעם וועטראן פרענק. א צאל לידער זיינע זיינען שוין לאנג פּאפּולער, ווי די פּאעמע אין פּראזע „קוני דער נאר", דאס ליד פון שוך־פוצער, און איבערהויפּט די פּאעמע וועגן פארד רוזש פלענט, וואס גיט איבער אין ליד דעם טעמפּ פון דער פּארדיזאציע —

„א האנט גיט א דריי,
א האנט גיט א שרויף,
א האנט גייט אראפּ,
א האנט גייט ארויף."

לייבל סאַבּרין האָט אין די ערשטע יאָרן געשריבן לידער פֿון שאָפּ, אַ ליד וועגן אַלטן אַפּרעיטאָר, וועגן אַפּהאָלסטערערס, וועגן ברעד־לאַין, וועגן פּאַרק עוועניו און דער איסט־סאַיד.

פֿאַראַן ביי אונדז דיכטער, וואָס האָבן זיך אַליין באַשריבן אין זייערע לידער, נאָר וואָס פּאַר אַ אונטערשייד פֿון זייער צוגאַנג צו זיך מיטן צוגאַנג פֿון פֿריערדיקן דור דיכטער! פֿריער איז געווען — פּעסי־מיזם, אונטערגאַנג, זעלבסט־באַדויער, האָפֿענונגסלאָזיקייט, אַפּהענטיקייט. ביי אונדזערע דיכטער איז פֿאַראַן מענלעכקייט, מענטשלעכקייט און מו־טיקייט. איך האָב אין זינען ז. וויינפּערס אויטאָביאָגראַפֿישע פּאָעמע „פּיניע", וואָס איז אַרויס אין בוך־פֿאָרם. ז. וויינפּער איז פֿאָרמעל ניט לאַנג מיט דער פּראָגרעסיווער דיכטונג, נאָר „פּיניע" איז אונדזערער. דאָ זעען מיר פֿאַר זיך דעם נייעם דיכטער, דעם געזעלשאַפֿטלעכן מענטשן, דעם מיטגליד פֿון כּלל, וואָס גייט דעם לעבן אַנטקעגן מיט אָפֿענע אָרעמס. „פּיניע איז אַ דיכטער אויך אַ דער לבנה", כאַראַקטעריזירט זיך ז. וויינפּער טרעפֿלעך.

ז. וויינפּער האָט אַ צאָל לידער אויף אַמעריקאַנישע טעמעס. ער טרויערט אויף סאַקאָ און וואַנזעטי, „נאָר שעמענדיק זיך, הענגען מיר דאָך ניט די קעפּ אַראָפּ." ער איז שטענדיק אַ אָפּטימיסט, און כאָטש „אין ניו־יאָרק פֿאַרבלייבן מיר פּראָווינציאַלן", דאָך „אויף די טורעמס איבער גרויס ניו־יאָרק וועט מען אונדז דערזען." ער האָט אַ גרעסער ליד, „מיר, אַמעריקאַנער", אין וועלכן ער סומירט זיין צוגאַנג צו דער נייער היים —

„דורך שאָפּ־גערויש און קוימען־רויך
וועט אונדזער ליד מיט נייעם כּוח
זיך דאָ דערהערן."

וואָס מער אַ דיכטער דערנענטערט זיך צו אונדז, אַלץ מער ווערט ער אַמעריקאַנישער. אַרייננעמען אַמעריקע אין ליד מיינט פֿאַרברייטערן דעם דיכטערישן האָריזאָנט, מיינט — ברענגען דאָס ליד נעענטער צו די מאַסן, מיינט זיך אַליין פֿאַרפֿאָלקאָמען.

אין 1929 האָט ש. ליעוו אַרויסגעגעבן „מעטראָפּאָליע", מיט סעריעס וועגן „וואָל־סטריט" און וואָלקנקראַצער.

דער יונגער דור סעלצער האָט אַרויסגעגעבן אַ בוך „בראָנזווילער

געזאַנג" (1942), וואו ער זינגט אויך וועגן מאַנהעטן און וועגן דאַקאָטאַ און אַלאַבאַמאַ.

ניט אַלע לידער וועגן אַמעריקע, געשאַפן פון אונדזערע דיכטער, זיינען געזאַמלט געוואָרן אין בוך־פאָרם. אַזאַ דיכטער ווי א. פאַמעראַנץ, למשל, האָט נאָך קיין בוך ניט אַרויסגעגעבן, נאָר עס געדענקט זיך זיין פּאָעמע „ניאַגאַראַ פאַלס". עס געדענקט זיך אויך נחום וויסמאַנס פּאָעמע „טיימס סקווער". דער דיכטער חיים שוואַרץ דרוקט לידער אויף אַמעריקאַנישע טעמעס. יצחק אפרת האָט געדרוקט לידער וועגן ברעד־לאַינס און קוילן־מאַינערס.

מען האָט די פּראָלעטפּען דיכטער אָפט פאַרגעוואָרפן, אַז זיי שרייבן פּלאַקאַטן, אַנשטאָט לידער. די דיכטער האָבן ניט געלייקנט, אַז אַ פּלאַקאַט אין לידער־פאָרם איז אָפט נויטיק, ווען ער דינט זיין באַשטימטן צוועק. אַ פּלאַקאַט צו אַן ערשטער מאַי דעמאָנסטראַציע, צו אַ סטרייק־דערמוטיקונג, איז פּונקט אַזוי וויכטיק — און נאָך וויכטיקער — ווי אַ קלאָגליד אויף דעם דיכטערס פאַרלוירענער ליבע.

די סאָציאַלע לידער וועגן אַמעריקע שטייען קינסטלעריש העכער, ווי אַ סך קונסט־לשם־קונסט לידער פון צום הימל גלאַנצנדיקע פּאָעטן. זייערע פּאָעמעס וועלן אונדז ווייטער רעגן און אויפרעגן און ווייזן די אַמעריקע, וואָס מיר דאַרפן זען.

ג

אַמעריקע איז גרויס און רייך — און יונג. פאַרן היגן דיכטער איז די טעמע „אַמעריקע" ניט דערשעפּלעך. מען דאַרף נאָר קאָנען זען, הערן און — דערפילן. אַמעריקע איז דאָך די מיניאַטור פון דער גאַנצער וועלט. אַ פאָלק, וואָס נעמט אַריין אין זיך אַלע פעלקערשאַפטן, אַ לאַנד, וואָס איז צונויפגעשטעלט און צונויפגעשמעלצט פון מנהגים, קולטורן, מעלות און חסרונות פון אַלע לענדער.

עס איז דערפאַר ניט קיין צופאַל, וואָס גראָד ביי אונדז אין לאַנד איז געבוירן געוואָרן דער דיכטער פון דעמאָקראַטיע — וואָלט וויטמאַן. ער האָט געוויזן דעם וועג פאַר די היינטיקע דיכטער, ער לעבט אין די ווערק פון אונדזערע יידישע פּראָגרעסיווע פּאָעטן. ער איז אין זיין

צייט אטאקירט געווארן פון די רעאקציאנערן, סיי אויפן געזעלשאפט־לעבן, סיי אויפן דיכטערישן געביט. גראד ווי אונדזערע אייגענע היינטיקע דיכטער. ער האט געליטן נויט זיין גאנץ לעבן, אט אזוי ווי אונדזערע דיכטער היינט־צו־טאג. נאר זיינע לידער וועלן לעבן און ווירקן, ווי עס וועלן לעבן די לידער פון אונדזערע יידישע דיכטער אין אמעריקע.

וועגן די לידער פון אונדזערע דיכטער קאן מען זאגן דאס, וואס וואלט וויטמאן האט געשריבן פראפעטיש וועגן זיינע אייגענע:

„חבר! דאס איז ניט קיין בוך;
ווער עס רירט דאס אן, רירט אן א מענטשן."

ווייל וועגן מענטשן שרייבן אונדזערע פאעטן און צו מענטשן ווענדן זיי זיך. איינפאך, פארשטענדלעך, ווי גלייכע צו גלייכע. דארף טאקע דער פאראירטייל צו דיכטונג פארשווינדן ביי אונדזערע לייענער; מעגן זיי זיך אוועקזעצן מיט א בוך לידער פון אונדזערן א פאעט און זיך אריינלעבן אין אים, לערנען און געניסן פון און מיט אים.

ל. מילער האט אויפגעטאן א גרויסע און דאנקבארע זאך, וואס ער האט איבערזעצט וואלט וויטמאנען אויף יידיש. וואלט ער ניט געווען קיין פראגרעסיווער דיכטער, וואלטן די קריטיקער פון יענעם לאנד, אט די, וואס וויינען אויפן בידנעם גורל פון דער יידישער קולטור ביי אונדז אין לאנד, געשריבן און געשריבן וועגן דעם אויפטו. נאר ל. מילער שרייבט פאר די מאסן — דארף מען אים פארשווייגן, ווי זיי האבן פארשוויגן די ווערק פון די מיטגלידער פון דער פראלעטפען־גרופע.

מיט איבער 20 יאר צוריק האט מילער געהאט ארויסגעגעבן זיין ערשט ביכל לידער, „אויף גאטס וועלט". אין 1939 איז ארויס זיין צווייט בוך — „דא איז מיין היים". דער נאמען פון אט דעם בוך רעדט שוין פאר זיך אליין וועגן זיין אינהאלט. דא אין זיין היים קומען פאר פראטעסט־דעמאנסטראציעס, הונגער־מארשן, דא האט געהערשט קעניג פארד, דא הערט ער דאס קול פון וואלט וויטמאן. מילער גיט אונדז איבער, ווי דער ארבעטלאזער רעדט צו זיין קינד, וואס די פרוי פון ארבעטלאזן דערציילט פון שאפ, א.אז.וו.

נאך אין זיין ערשטן בוך איז מילער באקאנט געווארן דורך זיינע טענים־לידער, וואס זיינען דאן געווען ניי און געבליבן ניי אין אונדזער ליטעראטור —

„קומט אַ פרעמדער באַל צופליען,
ווייל זיך אויסבאַהאַלטן לעבן מיינע פיס.
יאָגט נאָך אים זיך אין דער לופטן נאָך
אַ קלינגענדיקע פרויען־שטים:
„באַל, פלי—ן!"

אין די טענים־לידער האָט זיך געפילט אַזאַ גראַציעזע שפּילעוודיקייט, אַזאַ יוגנט־זאָרגלאָזקייט, וואָס איז געווען מעגלעך אין יענער צייט בלויז אויפן אַמעריקאַנער באָדן.

די דיכטער, וואָס האָבן איינגעוואָנדערט אַהער אין די שפּעטערדיקע, נאָך־מלחמה־יאָרן, האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט דעם מלחמה־גרויל אין זייער וואָרט. צו די דיכטער אונדזערע, וואָס קאָנען ניט פאַרגעסן יענע שרעקלעכע יאָרן, באַלאַנגט מעינקע קאַץ. כאָטש ער האָט אָנגעשריבן אַ קרעפּטיקע פּאָעמע וועגן לינטשעריי („די לינטשענדיקע קראָ"), דאָך ווידמעט ער זיין טאַלאַנט צום אַמאָליקן היימישן שטעטל. די ווינציקע אַמעריקאַנער מאָטיוון זיינע זיינען ווערטפול. אָט ווי ער גיט איבער די שטימונג פון אַן אַמעריקאַנער אַרבעטער, וואָס ווערט אַ שיק־יינגל —

„איך בין אַ שיק־יינגל מיט פּלייצעס ווי קלעצער דעמבענע,
מיט אָרעמס ווי שלעפּ־שטריק שטאַרק.
איך וואָלט הענקער געבונדענע
שלעפּן אויף מיין קאַרק.
טראָג איך אין די שטאַרקע הענט
שטעקעלעך פאַר לאָרדן
און קליידער זיידענע
מיט וואָכן פּראַצע אין יעדן פאַלד."

אין 1939 איז אַרויס דאָס ערשטע בוך לידער פון בער גרין („בלומען אונטער שניי"). געפינען מיר ביי אים לידער וועגן: זעקסטער מערץ, 1930; אַרבעטלאָזע; גאַסטאָניאַ; סעריע נעגער־לידער; אַ סעריע וועגן אַמעריקאַנער מאַרטירער. אַ באַזונדער סעריע איז געווידמעט דער אַמעריקאַנער לאַנדשאַפט („מיר באַוואונדערן דיך און באַזינגען דיך, אַמעריקע").

בער גרין האָט אויך איבערזעצט לידער פון אַמעריקאַנער אינדיאַנער שבטים, נאָר זיי זיינען צעזייט דערוויילי איבער פאַרשידענע זשורנאַלן.

איינגאַרטיק און אָריגינעל איז מלכה לי אין איר דיכטונג, און כאָטש זי רעדט וועגן זיך ווי „אַ קינד פון די קאַרפּאַטן־בערג", האָט זי אָבער

אין אירע ביידע ביכער לידער געשריבן און געזונגען וועגן אַמעריקע „מיט ליבשאַפט און מיט ווייטאָג". איר ערשט בוך לידער איז דערשינען אין 1932. פאַרגלייכט זי דאָרט בראָדוועי —

„ווי אַ ציגײַנערין מיט שרײַענדיקע קרעלן,
רופט בראָדוועי מיט ליכטער פון האַטעלן."

זי זעט דעם כינעזישן לאָנדרימאַן אַ פרעמדן דאָ אין לאַנד; אין זײַנע אויגן — רײַז־פעלדער צעבליטע. זי ווייטאָגט איבער „גאַטס שוואַצער לאַם" — דעם געלינטשטן נעגער. און די אַרבעטסלאָזע — „יונגע געזונטע ווי דעמבענע ריזן, בעזימער אין הענט, און ליפן פאַר־ביסן."

„ניטאָ קיין מיסט אויף טראָטוארן —
דעם הונגער פון שטאָט זיי שאַרן און שאַרן."

אין איר לעצטן בוך („געזאַנגען", 1940) האָט מלכה לי גאָר אַ סך אַמעריקאַנער לידער. אַ ליד וועגן פאָטער לינקאָלן מיט זײַן שטײַפן הוט; לידער וועגן נעגערס, א.אנד.

די סעריע „לידער פון מײַן לאַנד" צייכנט זיך אויס מיט גאָר פײַנע מאָטיוון.

„מיט שכורע טריט איך גיי און גיי,
מיט פעלקער צוזאַמען אין האַרץ פון בראָדוועי.
מענטש, מײַן מענטש — געביין פון געביין,
פאַרוואָס־זשע קריצן פעלקער מיט די ציין?"
„איך זינג מיט אַלעמען צו דיר אַ הימן,
ווי קינדער פון איין מאַמען און איין טאַטן;
אין בונד פון פעלקער — אונטער פרײַען הימל,
זײַ געבענטשט, דו לאַנד מײַנס פון די שטאַטן!"

די „טראַיענגעל"־טראַגעדיע, די טראַגעדיע פון סוועט־שאַפּ אַמעריקע, געפינט אַ הייסן אָפּקלאַנג אין מלכה ליס גרויסער פּאָעמע „טראַיענגעל־פײַער". זי זינגט וועגן איר שכניש ייִנגל, וואָס איז געפאַלן אין שפּאַניע אין קאַמף קעגן פאַשיזם. און דער אַלטער ייִד, וואָס איז געקומען פון ברוקלין איר דאַנקען און לויבן פאַר אירע לידער, גיט איבער זײַן לעבנס־געשיכטע, די לעבנס־געשיכטע פון טויזנטער ענלעכע ייִדישע אימיגראַנטן אין אַמעריקע.

אין 1935 איז אַרויס דאָס ערשטע בוך לידער פון מ. א. סול („דאָס ליכט אויף מײַן גאַס"). סולס גאַס איז די אַמעריקאַנער גאַס און זײַנע

לידער זיינען וועגן דעם דרויסן, וועגן דעם מענטשן, וואָס לעבט זיך אויס אויף דער גאַס. די פּאַרטיי גייט צו די מאַסן, סול גייט מיט, „עפּנט אויף — דאָס זיינען מיר" איז דער קאָפּ פון זיין ליד. און באַלד קומט „עוויקשאַן" און „פּראָספּעריטי בראַניק". און די שטיקער זייד, וואָס הענגען אין די וויטרינעס, דערמאָנען אים אין פּעטערסאָנער וועבער — „אין וויטרינעס הענגען שטיקער לעבן".

אין קיין לאַנד געפינען זיך ניט אַזוי פיל עלנטע נפשות ווי ביי אונדז אין לאַנד. דער אויסדרוק „פוירנישד רומס" איז געשאַפן געוואָרן אין אַמעריקע. סול ווייסט, אַז די איינזאַמע זיינען פּראָדוקטן פון אונדזער גרויזאַמער אומאָרדנונג און ער, דער פּראָלעטאַרישער פּאָעט, ברענגט ארויס פאַר אונדז די טיפן, וואָס געפינען זיך דאָרט.

„פיר הוילע ווענט.
אַ מענטש.
אַ בענקל און אַ בעט.
דער קאָפּ באַגראָבן אין די הענט,
און אויפן טיש
אַן עפּל און האַלבער סיגאַרעט."

סקאַטסבאָראָ, אַנדזשעלאָ הערנדאָן, פּעדלער פּאָעטן אויף וואַשינגטאָן סקווער — אָט דאָס זיינען טעמעס אין ערשטן בוך.

אין 1938 גיט סול אַרויס זיין צווייט בוך — „דעם טאָג אַנטקעגן". אַ ליד וועגן אַפּהאָלסטערער, וואָס וועט דעם ערשטן מאָל מאַרשירן דעם ערשטן מאַי. אַ סעריע „פוירנישד רום" לידער — לידער וועגן מענטשן, וואָס האַלטן זיך דאָרט אויף: דער מאַטראָס, דער אַלטיטשקער. אַ גרויסע אַרבעט וועגן בערל בעקער („בערל האָט געציילט די זעמל און דאָס ברויט, נאָר קיינמאָל ניט די יאָרן").

סול דרוקט ווינציק, נאָר אַלץ, וואָס ער שרייבט, איז וועגן אַמעריקע, וועגן דעם אַמעריקאַנער מענטשן. ער איז צווישן אונדזערע יינגסטע דיכטער און מ'קאָן נאָך פון אים אַ סך דערוואַרטן.

פּאָליטיק איז ניט קיין ענין פון פּאָליטיקער. ס'איז — געזעלשאַפטלעך לעבן. עס רירט אָן יעדן איינעם פון אונדז, צי מען וויל, צי ניט. דער דיכטער קאָן דערפאַר ניט שטיין אויסער פּאָליטיק. פּאַרקערט, ער, וואָס טאָר ניט פאַרמאַכן זיינע אויגן אויף געזעלשאַפטלעכע געשעענישן, דאַרף אויף זיין אופן רעאַגירן אויף די פּאָליטישע דערשיינונגען פון טאָג.

דאָס פּאָליטישע ליד איז אַ וויכטיקער בייטראַג צו דער מאָדערנער דיכטונג.

אהרן קורץ איז אונדזער פּאָליטישער דיכטער. זיין לעצטע דערשי־נענע אַרבעט איז וועגן אונדזער ניט־פאַרגעסענעם משה אָלגין. איז דאָס אַ ביאָגראַפיע פון פאַרשטאָרבענעם באַליבטן פירער? ניין. אהרן קורץ האָט אין דער געזעלשאַפטלעכער געשטאַלט פון אָלגינען געזען דאָס גאַנצע אַמעריקאַנער יידיש געזעלשאַפטלעכע לעבן. „משה אָלגין" איז אַ פּאָליטישע פּאָעמע.

אין 1935 האָט אהרן קורץ אַרויסגעגעבן „די גאָלדענע שטאָט", אַ בוך לידער פון אַ ניו־יאָרקישן כאַראַקטער. דאָס בוך איז אָבער מער ווי ניו־יאָרקיש — עס איז אַל־אַמעריקאַניש. דאָס איז אַ בוך וועגן יידן און ניט־יידן און דאָך איז עס אַ טיפּיש יידיש בוך.

„איך בין אַ יידישער פּאָעט,
רייד איך צו יידן."

און קורץ רעכנט אויס צו וועלכע יידן ער רעדט. ניט „צום יידישן קורח, צום יידישן המן" רעדט ער. ער טענהט זיך אויס מיטן פאָלק. ער דערמאָנט אים זיינע היימישע יאָרן און זיינע ערשטע אימיגראַנטישע יאָרן „מיט דער מאַרק־קולטור פון איסט־בראָדוועי." קורץ זינגט וועגן אָרטשאַרד סטריט — „דער ווילדער גריווע, ניט צעוואַשן, ניט צעקעמט". ער דערציילט אונדז די לעבנס־געשיכטע פון מענדל מוזיקאַנט — אַ שטיק טראַגיש לעבן פון דער יידישער אַמעריקע.

אהרן קורץ קען די ניו־יאָרקער גאַס און ער פילט זיך היימיש געננג מיט איר צו זיין פּער דו. נעמט ער זיך צו דער בויערי, איז דאָס ניט קיין מאָלעריש בילד פון איר, נאָר ס'איז אַ פּאָליטיש ליד וועגן איר. די 28־טע גאַס איז ביי אים די גאַס פון בלוט און בלומען. („בלומען איז איין זאַך, עפּעס אַנדערש איז — דער נאָדל־פּאַד".)

אהרן קורץ קען אויך די מענטשן אויף דער יידישער און אַלגעמיינער אַרבעטער־גאַס. מאָריס לאַנגער איז פאַר אים ניט בלויז אַ מאַרטירער פון די פאַבריער, נאָר „איך קוק אויף דיר און פרעג זיך: „וואָס איז מוט?" קורץ איז באַגייסטערט פון שלמהקע שניידער: „פערציק יאָר ביי שער און אייזן", „פון בריסק ביז יוניאָן סקוועער". ער קאָן ניט פאַרגעסן יאָסל קאַטלערן — „ווערסט אייביק אין אונדז זינגען — ליבער חבר יאָסל."

זיינע טעמעס זיינען: דער שוסטער סאַקאָ, ברודער גידאָ סיריאָ, אַלפרעד ליווי. ער ווידמעט אַ ליד דעם אָנדענק פון איינעם, וועמען סאָבוועי־גאַרדס האָבן דערשלאָגן צום טויט צוליב אַ ניקל. די סאָוועי איז פאַר קורצן בכלל אַ ברוויזנדיקע טעמע.

קורץ האָט ליב די מאַסע. אין אויטאָמאַט געפינען זיך אָרימע עסער, דער אויטאָמאַט איז די טעמע פאַר אַ גרויס ליד, אַ פּאָליטיש ליד.

„מאַסע. מאַסע. מאַסע.
צו פולער, פולער ניקלדיקער קאַסע."

גאַר לעצטנס איז אַרויס דאָס ערשטע בוך לידער פון דאָראַ טייטל־בוים „אינמיטן וועלט" (1944). דאָס בוך עפנט זיך מיט דער סעריע „פון שלאַכטפעלד" און גייט אַריבער צו אַ סעריע וועגן ניו־יאָרק.

האָבן אונדזערע דיכטער אויסגעשעפּט די טעמע אַמעריקע אין דער יידישער דיכטונג? נאַטירלעך, ניט. אונדזער ליטעראַטור איז יונג, דער דיכטער אַנטוויקלט זיך כסדר. דער לייענער אָבער איז ווייט נאָך הינטער־שטעליק. מען האָט אים אָפּגעוואוינט פון לייענען אַ בוך. מיר דאַרפן אים צוריקברענגען צום ליד און דאָס ליד צו אים.

ווען איך האָב אין מעקסיקאָ געזען, ווי באַרוועסע, אַנאַלפאַבעטישע אינדיאַנער פון די דערפער קומען אין די שטאָטשע פּאַלאַצן אַריין צו זען די פרעסקאָס פון די מעקסיקאַנער מאַלער, איז מיר קלאָר געוואָרן די מאַכט פון קונסט, ווען זי אַפּעלירט צו דער מאַסע און זי דערהויבט איר צו זיך אין דער זעלביקער צייט. די פרעסקאָ איז אַ הויכער אויסדרוק פון קונסט, פון דעם וואָס קונסט דאַרף זיין. קלאָר, איינפאַך, שיין, דער־הויבנדיק, טעכניש רייף און מייסטערהאַפט.

אונדזער ליד, דאָס ליד פון אַמעריקע און וועגן אַמעריקע, דאַרף אויך אַזוי זיין. אַז דער לייענער זאָל אי הנאה האָבן, אי זיך אַליין דערהויבן צום שיינעם וואָרט.

פּאָעטן זיינען באַרעכטיקט, אַז דער לייענער זאָל זיך מיט זיי נעענטער באַקענען. זיי זיינען אייגענע מענטשן. זיי ברענגען אוצרות דעם לייענער און מען דאַרף באַדויערן יענעם, וואָס זאָגט זיך אָפּ פון אַ שיין געזאַנג, וואָס קאָן זיך ניט פאַרטיפן אין אַ ליד פון אונדזערן אַ דיכטער.

דער פּראָגרעסיווער דיכטער זינגט וועגן אַמעריקע. אַמעריקע, די יידישע אַמעריקע, דאַרף הערן און פאַרנעמען.

צווײ דערציילער

א. — ש. מיללער

די צען דערציילונגען, וואָס געפינען זיך אין ש. מיללערס זאַמלונג „די שמאָליץ־גרוב" (ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין, 1933, 415 זייטן) שטעלן מיט זיך צונויף איין גאַנצע נאָוועלע פון אַמעריקאַנער לעבן. זיי נעמען אַרום אי דאָס יידישע, אי דאָס ניט־יידישע לעבן.

צווישן מיללערן און ברוך גלאַזמאַנען איז פאַראַן אַ געוויסע ענלעכ־קייט, אין סטיל און אין טעמע, אין זייערע אַמעריקאַנער זאַכן. ביידע זיינען גאַליק, שטעכיק, ביטער. נאָר מיללער איז קאָמפּאַקטער אין סוזשעט און אין זיינע רייד. אויך איז זיין צוגאַנג אַמעריקאַנישער, דאַאיקער, אפילו ווען ער רעדט וועגן אימיגראַנטן.

יעדע פון זיינע דערציילונגען אין „שמאָלצגרוב" איז אַן און פאַר זיך אַ סקיצע פאַר אַ פולבלוטיקן ראָמאַן פון אַמעריקאַנער לעבן. נעמט, למשל, „אין טאַטנס פיסטריט", אַ זאַך פון איבער 50 זייטן. ס'איז די געשיכטע פון יידישן בעזים־פעדלער ברוך גוזיקאָו פון פיטסבורג און די אַרומיקע שאַכטער שטעטלעך. ער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט. פון גוזיקאָוו איז געוואָרן — גאַס, וואָס וואוינט אין אַן אייגן הויז, וואו אויפן טויער איז צוגעקלאַפּט אַ ווייס שילדל מיט בלויע בוכשטאַבן, „קיינע פעדלער דערלויבט". מיר זעען פאַר זיך אַ גוט־באַקאַנטן צייט־אָפּשניט פון דער יידישער פּראָווינץ. מיר דרינגען אַריין אין דער יידישער אויפ־געקומענער היים, וואו איין זון ירשנט באַצייטנס דעם פאָטער און וואו דער צווייטער זון איז דער היפּוך פון דער געלט־מאַניע און ער קומט צום באַשלוס צוריק אָנהייבן זיין לעבן אַט אַזוי ווי דער פאָטער זיינער האָט אָנגעהויבן, נאָר גאָר אויף אַן אַנדער אופן.

„אייזן־גיסערייען, קוילן־גריבער, דאָרט האָט עס דיין טאַטע גע־

שטעלט די ערשטע טריט. גייען אין טאַטנס פּיסטריט. זעען די קוילן־גריבער, אייזן־גיסער, אויפּקלייבן אַלע שטיין־געבליבענע זייגערלעך, אַלע שוואַרץ־געוואָרענע רינגעלעך, צעשמעלצן אַלץ, אויסשמידן אַ נייעם רינג, אַן אייזערנעם רינג . . .״

אַט אַזוי ענדיקט מיללער די פֿיינע דערציילונג און איר האָט דעם געפֿיל, אַז זי איז ניט פֿאַרענדיקט, אַז עס איז ווי אַ פּראָלאָג פֿון אַ גרויסער זאַך.

„גאָלד״, מיללערס ערשטע דערציילונג אין בוך, דערמאָנט אייך אין גלאַזמאַנס „קאָנסערוון״. פֿאַראַן די זעלבע צינישקייט און גאַליקייט. דער סעילסמאַן מר. געווירץ לעבט אַ מאַנאַטאָן נוצלאָז לעבן, ווייל דאָס „מאַכן אַ סעיל״ איז אים אַריין אין די בלוטן און ער וויל אַפֿילו פֿאַרקויפֿן זיין פֿאַרשטאָרבענער ווייבס גאָלדענע ציין אין מויל. ווי גלאַזמאַן, דער־גייט מיללער צום אומזיניקן, ווען ער וויל באַשרייבן דעם לוסט נאָך געלט, וואָס הערשט אין אַמעריקע.

שרייבנדיק מערסטנס פֿון פּראָווינץ־לעבן, קומט מיללער אין קאָנ־טאַקט, אין זיינע דערציילונגען, מיטן ניט־יידישן אַרום, מיט שטייגער־לעבן. דער שמאָטע־פּעדלער פּייסי פּרימאַק ווערט אַרויסגעטריבן פֿון דער אַמעריקאַנער באַלעבאָסטע, בשעת ער קומט אַריין אין גאַראַזש צונעמען אָנגעזאַמלט פּאַפּיר, דערפֿאַר וואָס ער קוקט איר אין אָפּענעם בוזים אַריין און זי רופֿט אים „שיני״. דאָס שיקסל אין באַנק, רופֿט אים פּוירסי. אויך אין דער דאָזיקער דערציילונג („פּאַפּיר״) שפּילט געלט די הויפּט־ראָלע. קאַרגשאַפֿט, באָרדער־מיסים, צעקראָכן פֿאַמיליען־לעבן — אַלץ גאַנג־באַרע טעמעס ביי אונדזערע דערציילער, נאָר ביי מיללערן קומען זיי אַרויס זיכערער, צעמענטירטער.

דער דזשאָנק־פּעדלער לייזער גינזבורג אין לאָס אַנדזשעלאָס ווערט מיט דער צייט לעסלי עף גיינזבאָראָה און ער קויפֿט אָפּ די הוים פֿון אַ מואַווי־סטאַר אין האַליוואָוד. צום חנוכת הבית לאַדט ער איין אַ זיינע בערעזאָווער לאַנדסלייט, ווייל ער איז דער ערן־פּרעזידענט פֿון דער סאָסייעטי, אַ די קריסטן פֿון דער באַנק, אין וועלכער ער האַנדלט. איינער פֿון די לאַנדסלייט, זייענדיק אונטערן גלעזל, זאָגט דעם באַלעבאָס אַריין וואָס אין קאָרט און לייזער זאָגט זיך אָפּ פֿון דער סאָסייעטי, הגם פֿאַרן באַליידיקן דעם ערן־פּרעזידענט וואַרפֿט מען יענעם אַרויס פֿון דער

לאנדסמאַנשאַפט. ווען די געסט גייען זיך פאַנאַנדער און לייזער בלייבט אליין מיט דער נעגערשער דינסט, פאַסירט וואָס עס דאַרף ניט פאַסירן, נאָר, זאָגט לייזער צו איר, „איך בין באַלעבאָס". די דערציילונג הייסט „אויפן לייטער" און דער נאָמען דאָ איז, נאַטירלעך, אַ איראָנישער.

ניט בלויז פּעדלער אַרבעטן ביי מיללערן זיך אַרויף אין זיינע דער־ציילונגען. אין „אַז ישיר" זעען מיר ווי אַ פּשוטער יוניאָן־מאַן אַ סטאָליער, און שפּעטער אַ ביזנעס־אַגענט פון דער יוניע, ווערט מיט דער צייט אַ בויער. פון לייבוש קאַלינסקי ווערט מר. קאָללינס. אויך אין דער דערציילונג „אַפּעטיט" ווערט פון אַרבעטער אַ פאַרזיכערונג־אַגענט, וואָס לאָזט זיך אַוועק אויף שווינדלערישע און קרומע וועגן.

אין דער דערציילונג „דער טערק" געלינגט מיללערן איבערצוגעבן אַ בילד פון אַ ציגאַרן־פאַבריק, וואו עס אַרבעטן פאַרשיידענע נאַציאָנאַ־ליטעטן. איבערהויפּט איז כאַראַקטעריסטיש די סצענע, וואו מען צע־שלאָגט זיך צוליב עפּענען אָדער פאַרמאַכן דאָס פענסטער — אַ סצענע, וואָס חזרט זיך איבער ביזן היינט־צו־טאָג אין אַ סך שעפּער. דער העלד פון דער דערציילונג וואַנדערט איבערן לאַנד און מיר באַקומען מער ווי איין בילד פון סביבה און מענטשן.

קאַליפאָרניע פאַרנעמט אַ בכבודיקן אָרט אין מיללערס זאַכן פון בוך. אין אַ „סטאַנציע" באַקענען מיר זיך מיטן לעבן פון יידישע פאַרמערס אין קאַליפאָרניע. מיר געפינען אויס, אַז „ביים ברעג פון אַ מאַראַנצן־סאַד זיינען פאַרפלאַנצט עקאַליפּטוסן, פּאַלמעס, אַנדערעביימער, זיי זאָלן פאַרהיטן דאָס ציטערדיקע קינד, דאָס מאַראַנצן־ביימעלע, עס זאָל זיך חלילה ניט פאַרקילן. און טאָמער איז דאָס נאָך ווייניק, אַז ס'קומט דער ווינטער, עס כאַפּט אַ פרעסטל, שטעלט מען אונטער יעדן ביימעלע אַן אייוועלע, גיכער אַ פייער־טעפּל."

די לעצטע דערציילונג אין „שמאַלצגרוב" איז „דער פייער־טאַנץ", פון לעבן פון די קאַליפאָרניער אינדיאַנער. אין איר געלינגט מיללערן איבערצוגעבן דעם גייסט פון דעם פאַרשווינדנדיקן, אָפּשטאַרבנדיקן שטאַלצן אינדיאַנער. דער סוזשעט איז ניי אין אונדזער ליטעראַטור און מיללער שרייבט פיין און דאַך איינפאַך אויף דער טעמע.

„די שמאַלצגרוב" איז אַ באַשטימטער ביטראַג צו אַמעריקע אין דער יידישער ליטעראַטור. גוט איז וואָס די דערציילונגען זיינען ניט פון

ניו־יאָרקער לעבן, נאָר פון נייע ווינקלען, וואו יידן אָרדנען זיך איין אויף אַן אַנדערשדיקן אופן און וואו דאָס לעבן מיט די ניט־יידן הייבט אָן פאַרנעמען מער אָרט אין אונדזער פּראָזע.

ש. מיללער איז ניט טיף. זיינע דערציילונגען זיינען אָפט צו־סקיצירט, נאָר ער פאַרמאָגט די גרויסע מעלה לגבי אַנדערע דערציילער, וואָס ער פאַראינטערעסירט זיין לייענער און די דערציילונג זיינע איז שטענדיק אָנגעפּיקעוועט מיט אַ פאַבולע.

ב. — מ. באַרנשטיין

אין 1936 איז אין ניו־יאָרק אַרויס דאָס ערשטע — און ביז איצט דאָס איינציקע — בוך דערציילונגען פון משה באַרנשטיין, אונטערן נאָמען „צווישן שטאָלענע רעדער". פון דאַן אָן האָט מען זיינע דערציילונגען זייער ווייניק געזען אין דרוק. און דאָס איז אַ שאָד. מ. באַרנשטיין איז צווישן די געציילטע יידישע שרייבער אין אַמעריקע, וואָס פאַרנעמען זיך מיט סווזשעטן פון דער גרויס־פאַבריק. אמת, ס'איז פאַראַן אַ גרויסער חסרון אין דעם אויסוואַל פון זיינע טעמעס: כמעט אַלע טיפּן אין בוך זיינען ניט קיין יידן און עס פילט זיך אַ האַמעטנעקייט, אַ טרוקנקייט און ניט זיכערקייט פון מחבר צו זיינע העלדן. דער ענטפער דערויף קאָן מסתּם זיין, אַז צווישן די אַרבעטער אין די טראַקטאָר־פאַבריקן, וועלכע ער באַשרייבט, האָבן זיך ניט געפונען קיין יידן. נאָר אויך דער ענטפער קאָן באַשטריטן ווערן, דערפאַר וואָס, הגם יידן האָבן אויסגעמאַכט זייער אַ קליינעם פּראָצענט צווישן די אַרבעטער אין די שווערע אינדוסטריעס, זיינען זיי אָבער יאָ געווען פאַרטראָטן אומעטום, און דער שרייבער אַליין איז אַ באַשטעטיקונג דערפון. און עס וואָלט געווען אַ סך אינטערעסאַנטער מאַטעריאַל מיט יידן אין די סווזשעטן. דער שרייבער אַליין וואָלט זיך געפילט היימישער אין זיין דערציילן.

די דערציילונגען אין „צווישן שטאָלענע רעדער" גיבן זיך אָפּ מער מיט טיפּאַזש פון די העלדן, ווי מיט דער פאַבולע. דער סיפּור המעשה איז כמעט אין אַלע זייער אַ באַשרענקטער און אַן איינגעשרומפּטער. דער „ספּיד־אַפּ" דערבערענגט צו אַ סך אומגליק־פאַלן און צווישן די וועב־

טערם און אויפפּאַסערס פון די גרויסע פאַבריקן געפינט מען קרבנות פון צופאַלן ביי די מאַשינען און קאַנווייערס.

אין מ. באַרנשטיינס דערציילונגען זעט מען אַמעריקע פון אינווייניק. זיינע טיפּן זיינען די פון דורות דאַ געבוירענע אַמעריקאַנער, גוטע פּאַכ־לייט, מעכאַניקער, וואָס קוקן קרום אויף יעדן אימיגראַנט אָדער נעגער און וואָס זיינען פון דער נאַטור קאָנסערוואַטיוו און רעאַקציאָנער. נאָר באַרנשטיין שטעלט זיי אונדז פאָר אין איבערגאַנג־פּעריאָד, ווען דער קריזיס פון לאַנד, ווען די כסדרדיקע אַרבעטלאָזיקייט נעמט צו דעם באָדן אונטער זייערע פיס; ווען זייערע הייזער, וואָס זיי האָבן זיך איינגעקויפט מיט דעם שווייס פון זייער פּראַצע, האַלטן אין פאַרלירן גיין; ווען די, וואָס האָבן שטאָלצירט מיט זייערע „סטודעבעיקערס", דאַרפן אָנקומען אין דער ברויט־ריי.

די מכות פון גרויס־קאַפּיטאַליזם פרעסן זיך אַריין אין די לייבער און אין די מוחות פון די שטאָלצע אַמעריקאַנער. יעדן טאָג ווערן אָפּגע־זאָגט טויזנטער און טויזנטער אַרבעטער און די וואָס בלייבן נאָך ביי דער אַרבעט ציטערן פאַר זייער פּעל. ווער איז שולדיק אין דעם? וואו איז אַהינגעקומען די זיכערקייט פון דער שווער־אינדוסטריע? וואָס הייסט — דער יענקי וועט דאַרפן דורכגיין די זעלבע צרות ווי דער וואָפּ און דער פּאָלאַק!

מ. באַרנשטיין האָט אַריינגעבראַכט אין דער היגער יידישער ליטע־ראַטור גאָר אַ וויכטיקן צוגאָב, אַ שטיק אַמעריקע, וואָס איז בלוט און פלייש פון לאַנד. טשאַרלי האָפּקינס ווערט אויף דער עלטער אַן אויסגע־שפּיגענער מענטש, אויסגעשפּיגן פון זיין באַלעבאָס, וועמען ער האָט געטריי געדינט אַזוי פיל יאָרן. און ווען דער באָס מאַכט אים אַן אָנשטענ־דיקע לויה, דאַן רעכנט ער אויס, אַז די אַרבעטער זאָלן צושטייער געבן די קאָסטן פון דער לויה.

קריסטאָפער פּ. עדעמס, דער טיפּ פון מיליאָנען זאַטע, צופרידענע מיט זיך אַמעריקאַנער, פאַרלירט מיטאַמאָל זיין גייסטיקן באַלאַנס, ווען ער דאַרף זיך פון אַ הויך קוואַליפיצירטן מעכאַניקער פאַרוואַנדלען אין אַ „שוואַרצן" אַרבעטער. דזשעימס פּאַרקער, וואָס אַרבעט אין דער ערשטער הילף־סטאַנציע פון טראַקטאָר־פאַבריק, קאָן מער ניט אַריבערטראָגן די

צעפּליקטע גופים, וואָס מען ברענגט כסדר אַריין צו אים, ווי אַ רעזולטאַט פון דעם ספּיד־אַפּ.

אין „פּאַטער און זון" קומט פאָר אַן אינטערעסאַנטער קאָנפליקט צווישן פאַטער, דעם וועכטער און גייסטיקן באַשיצער פון די אינטערעסן פון גרויס־קאַפּיטאַל, און זיין זון, דעם אַגיטאַטאָר, וואָס רעדט צו די אַרבעטער קעגן דעם אומגליק פון קאַפּיטאַליזם. פּאַטער איז אויפגע־בראַכט קעגן זון, כאָטש דעם יונגס רייד האָבן אין זיך אַ סך אמת. עס איז דאָך אָבער ניט אַמעריקאַניש צו רעדן קעגן באַלעבאָס. נאָר ווען פּאָליציי שפּאַלט דעם זון דעם קאָפּ, דאַן מישט זיך דער פאַטער אַריין אויף דער זייט פון זון.

אין „די פאַבריק שליסט זיך" און „אין אַ הייסן אַוונט" חזרן זיך איבער כמעט די זעלבע סוזשעטן פון די פריער־דערמאָנטע דערציילונגען— אַרבעטלאָזקייט און רוף צום קאַמף פון רעדנער ביי די פאַבריק־טויערן. אַזוי, אַז אין גאַנצן בוך איז באַרנשטיין צופיל באַגרענעצט אין זיין סוזשעט. פון יעדער דערציילונג ווייעט מיט שווערקייט, מיט אויסערלעכן און אינערלעכן קריזיס.

צי אין דעם איז שולדיק די טעמע אַליין, אָדער דאָס איז געווענדט אין שרייבערס סטיל, וואָס איז שטייף און קאַלט — איינס איז זיכער: מ. באַרנשטיין גייט אויף אַ ניט־אויסגעטראָטענעם וועג. זיין טעמע איז ניי, זיין צוגאַנג איז אַנדערש. אין דעם ליגט זיין פאַרדינסט.

די ייִנגסטע

א

עס וועט קלינגען ווי אַ פּאַראַדאָקס, נאָר עס איז אַ פאַקט, אַז אונדזערע קריטיקער און אונדזערע רעדאַקטאָרן סטימולירן ניט דאָס שאַפן אויף אַמעריקאַנישע טעמעס. אַליין ניט אַמעריקאַניזירט, ניט האָבנדיק איינגעזאַפּט אין זיך דאָס פיין־קולטורעלע פון לאַנד, פילן זיי זיך ניט אין דערהיים אויפן געביט פון אַמעריקאַנער טעמאַטיק. ניט זיי קאָנען זאָגן מבינות איבער אַ ווערק, וואָס פאָדערט באַהאַוונטקייט מיט דער אינערלעכער אַמעריקע, ניט זיי זיינען בכוח צו וויסן וואָס אויסצוקלייבן.

דערפאַר קומט אוים דעם שרייבער, וואָס האָט זיך דאָ דערצויגן, וואָס וויל איבערגעבן זיין סביבה און דאָס וואָס איז אים נאָענט און איינג, צו ליידן חיבוט הקבר, איידער ער זעט זיין זאַך געדרוקט. פון הערן אַ מיינונג פון אַ קריטיקער נאָכדעם ווי זיין זאַך איז אָפּגעדרוקט איז שוין אָפּגערעדט.

ווי קאָן מען דערוואַרטן, אַז די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע זאָל זיך אַנטוויקלען, ווען אירע וואָרט־זאָגער זיינען שולדיק אין אָבאָרטירן די נייע שרייבער? בלויז דער וואָס קאָן זיך צוריק אַריבערטראָגן אין זיין שאַפן אין דער אַלטער היים, נאָר דער וואָס קאָן שרייבן פאַרטיפט און פאַרבענקט וועגן נעכטן — קאָן דערוואַרטן צו באַקומען אויפמערקזאַמקייט מצד די רעדאַקטאָרן פון אונדזערע פאַר חודש־זשורנאַלן.

אַנשטאָט צו באַגריסן יעדן פאַרזוך פון אַריינברענגען אַ פריש וואָרט, אַ ניי בילד פון אַמעריקע אין אונדזער אַמעריקאַנער ליטעראַטור, אַנשטאָט צו ווידמען פּלאַץ דער יוגנט, וואָס שרייבט אין יידיש וועגן דער מאָדערנער אַמעריקע, אַנשטאָט צו סטימולירן אַזעלכע פאַרזוכן — ווערן די פּרואוון אָדער פאַרשוויגן, אָדער אָפּגעטויט.

איך וויל זיך דא אפשטעלן אויף צוויי מוסטערן פון עכט־אמערי־קאנישע יונגע שרייבער, וועגן וועלכע מען האט גארניט געשריבן און וועלכע האבן געהאט די ווערט, אז מען זאל זיך וועגן זיי אפרופן און באגריסן און עפענען ברייט אונדזערע סקריפענדיקע טירן פון די זשור־נאל־רעדאקציעס און זיי איינלאדן מיטצואַרבעטן.

די צוויי שרייבער זיינען: שלמה שווארץ פון שיקאגא און סילוויא גובערמאן פון ניו־יארק.

איך ווייס, אז דער לייענער וועט אויסגלאצן די אויגן און א קוועטש טאן מיט די אקסלען און זאגן: „ניט געהערט פון זיי!"

שלמה שווארץ האט אין 1938 ארויסגעגעבן א בוך לידער „בלוי־מאנטיק". אין 1940 איז ארויס זיין בוך לידער „אמעריקע", פארלאג מ. צעשינסקי, שיקאגא.

איך קאן זיך ניט דערמאנען, אז איך זאל ערגעץ־וואו האבן גע־לייענט עפעס וואס זאל האבן געצויגן מיין אויפמערקזאמקייט צום שריי־בער אדער צו זיין בוך, וואס טראגט דעם צוזאגנדיקן נאמען „אמעריקע". פארקערט. איך האב אפט געלייענט א לאנגע פילפוליסטיק פון אונדזערע געקרוינטע קריטיקער וועגן דעם סטאטוס קוואָ פון יידיש; נאכאמאל פלאכטעס וועגן לייוויקן און מנחם בארײשא; וועגן קאדיע מאלאדאוור־סקיס חקירות, און וועגן די נעגאטיוויקייטן פון דער סאוועטישער יידישער ליטעראטור . . .

שלמה שווארצס בוך „אמעריקע" איז פארשוויגן געווארן. איך האב א פארדאכט, אז דאס איז ניט דערפאר, וואס ער איז א פראווינציאל, נאר דערפאר, וואס זיין טעמע איז — אמעריקע. וואלט ער געדיכטעט וועגן בעל שם טוב, וואלט מען זיך געוועזן אפגערופן.

שלמה שווארץ איז געקומען קיין אמעריקע פון פוילן אין 1919, אין עלטער פון צוועלף יאר. הייסט עס, אז ער איז כמעט אן אמעריקאנער פראדוקט. זיינע לידער אין בוך „אמעריקע" באשטעטיקן דאס. עס פילט זיך אין זיי דער ריטם פון לאנד, הגם דער דיכטער איז צארט און זיין אינסטרומענט איז ווייך־ליריש. עס מערקט זיך אין זיינע פערזן דער איינפלוס פון די אמעריקאנער פאעטן, איבערהויפט פון קארל סאנדבורג און עימי לאועל. נאר דאס האט ניט געדארפט זיין קיין חסרון ביי קאנ־סטרוקטיווע קריטיקער.

„אמעריקע,
מוטער פון אלץ און פון אלעמען.
געמיש פון בלוט אין דיין יעדן שטערן.“

מיט אזעלכע שורות עפנט זיך דער לידער־ציקל „יענקיש“. יונג, פריש, אמעריקאניש. אן אמעריקאנער געבוירענער יידיש לייענער וועט זיך דא פילן אין דערהיים.

„דזשאנסאן איז געפארן קיין טעקסעס,
יוסטאן, לי, דזשאונס — אדלערס אין ווילדן וועסט.
וואשינגטאן האט מיר געגעבן די פאן,
לינקאלן האט מיר געגעבן — ווידערגעבורט,
איך האב דיר געגעבן מיין זיידנס שארבן.“

לייענסט ליד נאך ליד. עס פעלט רייפקייט, פארטיפטקייט, געדאנקענרייכקייט, נאר דער טאן איז א געבענטשטער, דער פערז איז פרילינגדיק, דער מאטיוו איז א היינטיקער און א דאאיקער. שווארץ איז דורך און דורך אמעריקאניש, יידיש־אמעריקאניש, אפילו זיינע יידיש־ארטן זיינען ניי און היגיק.

„די ערד רעדט צו מיר,
אנקל סעם, די ערד גריסט מיך:
—האו דו יו דו!“

שווארצס פילאזאפיע וועגן אמעריקע איז די אנגענומענע פון מיליאנען איבערגעפלאנצטע און איינגעבירגערטע אימיגראנטן, ווען ער שרייבט, אז ער וועט שוין דא אייביק בלייבן, ווייל זיין טאטע האט אים געשאנקען א שטיקל קרקע אויפן גהאזיקן פעלד, דאן דריקט ער מיט דעם אוים דעם געפיל פון זיין דור. ווען ער שטעלט אנטקעגן די גאוה פון דא־געבוירענעם קעגן אימיגראנט — דריקט ער דאס אוים אויף א טרעפלעכן אופן:

„מארדזשי רייצט מיך:
גאנץ טעקסעס געהערט צו מיינע ברידער.
טאם היצט זיך:
מיין טאטע פארמאגט גאנץ סוסקעוואנא.
דזשיל פלאמט:
די קופער־מינען אין יוטא זיינען אונדזערע.
איך בארים זיך:
גאנץ אמעריקע איז מיינס.“

און אין זיינע לידער נעמט ער ארום דאס, וואס איז אמעריקע. דעם פארמער און דעם שטאט־מענטש, דעם אינדיאנער און דעם יענקי.

און ווי אַן אַמעריקאַנער, האָט ער ליב די באַן און צו לאָזן זיך אין איר איבער דער ברייט און ווייט פון לאַנד. זיין „סאַנטאַ פעי" איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אים.

„רעלסנרייד.
האָב ליב די פרייד, די רו פון פאָרן."

ניטאָ קיין פּעסימיסטישער ניגון ביי אים, ניטאָ קיין קראַצן פון אייגענע וואונדן אין דער עפנטלעכקייט — אַ ליבלינג טעמע ביי אונדזערע אַנגעזעענסטע דיכטער. (די דאָזיקע וואונדן האָבן זיי אַריינגעבראַכט געזונטע קריטיק.)

ווען שוואַרץ שרייבט:

„אויף נעוואַראַס טעלעפאָן־דראָטן
הענגט דער ווינט זיין באַנדזשאָ
און שפּילט
אַ זוניק ליד."

האָט ער פאַרדינט, אַז מען זאָל זיך צו אים צוהערן. נאָר פאַרן קריטיקער ווי פאַרן רעדאַקטאָר פון ליטעראַרישן זשורנאַל זיינען אַזעלכע פערזן אַ פרעמדע שפּראַך.

סיי אויסערלעך, סיי אינערלעך איז שלמה שוואַרצס „אַמעריקע" אַ ביישטייער צום יידישן וואָרט אין אַמעריקע. די פיינע ווינעטן פון מאָדערנעם געלער, דאָס גוטע פּאַפּיר און דער געשמאַקפולער איינבונד — אַלץ האַרמאָנירט מיטן אינהאַלט.

שלמה שוואַרצס ערשטע זאַמלונג לידער איז דערשינען אין 1938. זי הייסט „בלומאַנטיק" — אַ טיפּיש אַמעריקאַנער אויסדרוק, וואָס איז אינגאַנצן ניי אין אונדזער ליטעראַטור. דאָס בוך איז אַרויס אין פאַרלאַג „ל. מ. שטיין", וואָס האָט זיך קונה שם געווען מיט זיינע געשמאַקפולע אויסגאַבעס. אויך „בלומאַנטיק" איז אַ מוסטער פון שיינקייט, אויסערלעך. אינערלעך זיינען די מאָטיוון דורכאויס אַמעריקאַניש. ער פאַרמאָגט אַ פיינע סעריע וועגן נעגער־לעבן. ער זינגט וועגן קאַליפאָרניע, וועגן שיקאַגאָ, וועגן פּרעריי. דער גאַנצער צוגאַנג זיינער איז אורבאַניסטיש און מאָדערן־אַמעריקאַניש.

ער אידענטיפיצירט זיך דיכטעריש מיט דער גרופּע „אינזיך", און

אין דעם ליגט זיין גרויסער חסרון. ווי זיי, לאזט ער זיך אריין אין אימאזשן, וואס זיינען מער ווארט־קאזשעלקעס ווי קונסט.

„בלוימאנטיק" פארמאגט אלע אנזאגן פון א טאלאנטפולן דיכטער, פון לידער, וואס האבן געדאפט ציען די אויפמערקזאמקייט פון די קריטיקער און דורך זיי די לייענער.

„בלוימאנטיק" איז פארשוויגן געווארן . . .

„אמעריקע", וואס איז דערשינען אין 1940, איז פארשוויגן געווארן. דער דיכטער שרייבט מסתם ווייטער, נאר ווער קוקט זיך אויף אים ארום? אז ער איז, נעבעך, א פרעמדער אין אונדזער לאגער, אז ער שרייבט נאר וועגן אמעריקע . . .

ב

סילוויא גובערמאן איז געבוירן געווארן אין ניו־יארק. זי האט געענדיקט יידישע עלעמענטאר־שול, א מיטל־שול, אויפגענומען העכערע יידישע קורסן, זי האט באקומען אן אקאדעמישע אלגעמיינע בילדונג; זי איז א פידל־שפילערין און א מאלערין, נאר פון אלץ האט זי אויסגעקליבן צו ווערן א יידישע שרייבערין.

וועגן וואס שרייבט סילוויא גובערמאן? וועגן איר אייגענער סביבה, וועגן דעם אמעריקאנער ארום, ווי עס פאסט אים אויף אן אמעריקאנער יוגנטלעכע. זי קוקט מיט אנדערשדיקע אויגן פון פריערדיקן דור יידישע שרייבער אין אמעריקע. זי האט איירָאפּע ניט איינגעזאפּט אין זיך, זי קען בלויז אמעריקע. זי קען די אימיגראנטישע אמעריקע, נאר זי גייט צו צו איר אנדערש, ווי די אריבערגעקומענע שרייבער. סיליווא שרייבט בלויז דערציילונגען, און זי האט אנגעהויבן א ראמאן וועגן דער יידישער אמעריקאנער יוגנט.

האט סילוויא גובערמאנס דערשיינונג אין אונדזער ליטעראטור ארויסגערופן אן אינטערעס צו איר שרייבן? האבן זיך די רעדאקטארן און קריטיקער אפגעשטעלט אויף איר פרישקייט און אמעריקאנישקייט?

ווי ווייט איך ווייס האט קיינער זיך אויף איר שאפן ניט אומגעקוקט, איבערהויפט ניט די קריטיקער, וואס ווייגען אויפן חורבן יידיש אין אמעריקע. מיר איז אויך באקאנט, אז אלץ, וואס זי האט אפגעדרוקט

אין זשורנאַלן, איז געלעגן חדשים לאַנג, אַזוי לאַנג ווי דריי־פערטל יאָר, אין די רעדאַקציעס, ביז זי האָט אופגעגעבן די האָפענונג פון דרוקן זיך.

עס וועט זיין כדאי זיך אָפּשטעלן אויף אַ פּאָר געדרוקטע זאַכן און זען צי זי האָט פאַרדינט אַזאַ ליטעראַרישע מערכה. און אויב זי האָט זיך פאַרדינט, אַז מען זאָל זיך דערפרייען מיט אַ נייעם טאַלאַנט פון היגן באָדן, דאַן זאָל די שולד פון אונטערגאַנג פון יידישן וואָרט דאָ אין אַמעריקע פאַלן אויף די, וואָס שטייען ביים רודער און פאַרטרייבן פון זיך דאָס שפּראַצנדיקע, דאָס פרישע, דאָס פּרילינגדיקע פון אונדזער ליטעראַטור.

„אויגן" איז אַ קורצע דערציילונג, געדרוקט אין „אידישע קולטור" (פעברואַר־מערץ נומער, 1942). מערי, די אויפגעקומענע יונגע, זאַטע באַלעבאָסטע, דערוואַרט אַ דינסט־פרוי, וואָס דאַרף קומען פאַרנעמען דאָס פּלאַץ פון איר שטענדיקער דינסט. עס קומט אָן אַ פרוי מיט אַ קינד, אַ יינגעלע. מערי קוקט מיט פאַרדאַכט אויפן קינד. די פרוי האָט אים ניט וואו צו לאָזן. ער וויל זיך אויפפירן גוט. דאָס יינגעלע האָט אָבער גלייך דערפילט, אַז ער איז דאָ ניט ווילקאָמען און ער לאָזט זיין בליק ניט אַראָפּ פון דער פרעמדער פרוי, ביי וועמען זיין מאַמע וועט אַרבעטן אַ גאַנצן טאָג. די גאַנצע דערציילונג האָט צו טאָן מיט די שטומע בליקן צווישן דער באַלעבאָסטע פון הויז און דעם קינד סידני, וואָס דערפילט ניט אין איר קיין גוטן פריינט. זיין בליק פאַרפאָלגט זי וואו זי גייט. זי איז אומרואיק דערפון. זי פּרוּווט אים געבן אַ שפּילצייג, אַבי ער זאָל זי צורו לאָזן, כאָטש ער האָט זי ניט געטשעפּעט.

„אין קיך האָט מערי ניט געקאָנט בלייבן. זי האָט ניט געוואוסט פאַרוואָס. דאָס קינד האָט זי צערודערט. פאַרוואָס איז ער אַזוי שטיל? פאַרוואָס קוקט ער אויף איר ווי זי וואָלט אים עפּעס שולדיק געווען? וואָס אַזוינס האָט זי אים געטאָן? הלוואי וואָלט ער געלאָפן איבערן הויז און געטומלט; הלוואי וואָלט ער עפּעס צעבראָכן. איי, וואָלט זי געוואָלט אויף אים שרייען, אים אָנזידלען. פאַרוואָס צווינגען זיינע אויגן אַרויף אויף איר אַזאַ באַוואוסטזיניקייט?"

ערשט ווען סידני איז שוין געווען אין דרויסן האָט מערי אַרויס־געקוקט פון פענצטער און געזען: „דאָס קינד גיט זיך אַ לאָז איבער דער שנייאיקער לאַנקע ווי אַ באַפרייטע חיה."

אַ פיינע דערציילונג, אַ ווערטפולע זאַך.

ווי עס ווייזט אויס, איז די נאַר־וואָס דערמאָנטע סקיצע אַ טייל פון אַ לענגערער זאַך וועגן דעם אויפגעקומענעם יידישן מיטלקלאַס, ווייל די זעלבע מערי פיגורירט אין אַ צאָל אַנדערע געדרוקטע זאַכן פון סילוויאַ גובערמאַן. אויך דער נאָמען פון שטעטל (העווענוויל) גייט דורך אין די אַלע זאַכן, ווי אַ סימבאָל פון זאַטן, נאָר געפּערלעך נודנעם און פּוסטן לעבן פון די גראָבע אַלראַיטניקעס. די מערים און די העווענווילס וואַרטן אויף זייערע שרייבער און עס איז גוט וואָס סילוויאַ גובערמאַן האָט זיך פאַרנומען מיט דער טעמע.

די דערציילונג „קינד" איז וועגן אַן אַבאָרט, וואָס אַ יונג מיידל גייט דורך, צוליב דער שלעכטער עקאָנאָמישער לאַגע. סיי די טעמע און סיי דער אופן ווי זי ווערט באַהאַנדלט איז טיפּיש אַמעריקאַניש.

אין „קאָנטשערטאָ" גיט אונדז סילוויאַ גובערמאַן אַ בולט בילד פון דעם אַמעריקאַנער יידיש קינד, וואָס דאַרף, נעבעך, אויסשטיין מוזיק־לעקציעס, צי עס האָט אַ געפיל און אַ געהער און אַ פאַרלאַנג דערפאַר, צי ניט. סעלמאַ לערנט זיך שפּילן פידל ביי אַ „פּראָפעסאָר", און דערפון קומט אַרויס אַ טראַגעדיע, וואָס ווערט פון דער שרייבערין גאַנץ הומאָריסטיש איבערגעגעבן. און וויפיל עלטערן האָבן זייערע לעצטע פאַרדינסטן צעטרענצלט אויף אָט דער דאָזיקער „טראַדיציע", מיט וועלכער טויזנטער יידישע היימען האָבן זיך אין משך פון צענדליקער יאָרן אָנגעשטעקט!

איז גוט וואָס סילוויאַ גובערמאַן האָט זיך אויך צו דער דאָזיקער טעמע גענומען און זיך מיט איר גאַנץ פיין געספּראַוועט. וואָלט זיך וועלן זען מער דערציילונגען פון דער יונגער אַמעריקאַנער געבוירענער שרייבערין. די קריטיקער פאַרשווייגן זי טאַקע. די זשורנאַלן זיינען ניט פאַראינטערעסירט אין איר. נאָר סילוויאַ אַרבעט אויף זיך. זי שרייבט גרעסערע זאַכן אין אונדזער היגער ליטעראַטור. דער לייענער וועט זיך געפינען. און אפשר וועט זיך אויך באַווייזן אַ קריטיקער, וואָס וועט שטיין מיטן פּנים צו אַמעריקע.

מעמואַרן

אַ

מעמואַרן זיינען דער ניט־דערשעפּלעכער רעזערוואואַר אי פאַרן בעלעטריסט, דעם ראָמאַנען־שרייבער, אי פאַרן היסטאָריקער, סאָציאָלאָג און עטנאָגראַף. זיי דינען ווי אַ מאָנומענט פאַר אַן אויסגעלעבטער עפּאָכע; זיי פרישן אין אונדז אָפּ דעם אינטערעס פאַר אונדזערע אייגענע קינדער־יאָרן, אָדער די יאָרן פון אונדזערע עלטערן און זיידעס; דורך זיי דערקענען מיר דעם שטאַם אונדזערן. הויפּטזעכלעך אָבער פירן זיי אונדז אַריין אין אַן אינטימער סביבה און פאַרטרויען אונדז זייערע אינערלעכסטע איבערלעבונגען און פּאַסירונגען.

די יידישע ליטעראַטור איז רייך אין זכרונות. דאָס איז אי אַ מעלה, אי אַ חסרון. די וויכטיקסטע בעלעטריסטישע ווערק אונדזערע זיינען געבויט אויף אויטאָביאָגראַפישן מאַטעריאַל. דער יידישער שרייבער האָט געלעבט אין אַן ענגער פּעריפעריע. צוליב אַ סך סיבות האָט ער זיך ניט געקאָנט פאַרטיפן אין לעבן פון אַנדערע מענטשן אויסער זיין אייגענעם קרייז. אַן אויסנאַם זיינען, נאַטירלעך, די היסטאָרישע ראָמאַנען־שרייבער, ווי שלום אַש און י. אָפּאַטאָשו. אַ באַזונדער אָרט אין יידישן ראָמאַן פאַרנעמט אויך דוד בערגעלסאָן. זיין סוזשעט־מאַטעריאַל, כאָטש אָפט אויטאָביאָגראַפיש, האָט אָבער בולט אַרויסגעשטעלט נייע, אַנדערע פיגורן אין דער ליטעראַטור. אַ דאַנק דעם געענדערטן סדר פון לעבן פון די יידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַ דאַנק די גינסטיקע פערזענלעכע און גייסטיקע באַדינגונגען פאַרן יידישן שרייבער דאָרט, ווערט געשאַפן אַ ראָמאַן אויפן גרויסן, וועלטלעכן שטייגער. אין אַלגעמיין אָבער דערפילט מען אָפט אין יידישן ראָמאַן דאָס מעמואַרישע. די מחיצה צווישן קינסטלערישן סטיל און דעם נוסח פון זכרונות איז אָפט אַ דינע.

מע טאָר ניט פאַרמינערן דעם קינסטלערישן ווערט פון דער מע־מואַרן־ליטעראַטור. זי איז אָפט, אין די הענט פון אַ מייסטער, אינטע־רעסאַנטער פון ראָמאַן. אין ראָמאַן איז אויך וויכטיק דאָס קרעאַטיווע, די מייסטערשאַפט פון קינסטלערס טאַלאַנט, דאָס גאָט־געבענטשטע. ווען דער שרייבער פאַרוואַנדלט אָבער מעמואַרן אין כראָניק, אָדער, נאָך ערגער, ווען כראָניק ווערט אַן אָרגאַנישער טייל פון ראָמאַן־באַשטאַנד, דאַן לײַדן בײדע.

מעמואַרן זײנען אײגנטלעך דער קינסטלערישער דין־וחשבון פון לעבן, דער קורצער סך־הכל פון לעבן, דער ליטעראַרער דויערהאַפטיקער פײער.

אונדזערע קלאַסיקער האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייערע מעמואַרן. ס'איז געווען נאַטירלעך, אַז אין די הענט פון מייסטער, זאָל אָט דער ליטעראַרישער זשאַנער ווערן אַ קונסט־ווערק. „שלמה ר' חיימס" איז פון מענדעלעס רײפסטע ווערק. איך בין גענייגט מסכים צו זײן מיט ש. ניגערן, ווען ער זאָגט, אַז „אַבראַמאָוויטשעס דערציילונגען — דאָס איז איין גרויס קינסטלעריש מעמואַרן־בוך פונם קלוגן, גענײטן, אין אַלע ווינקעלעך אויסגעוואַנדערטן מענדעלע מוכר ספרים. איין גרויס קינסטלע־ריש מעמואַרן־בוך, וואו איר געפינט אַלץ, וואָס איר ווילט: פאָלקס־פּאָעזיע און פאָלקס־פּסיכאָלאָגיע, קולטור־געשיכטע און עטנאָגראַפיע, מאָראַל און הומאָר . . ."

י. ל. פּרצעס אויטאָביאָגראַפיע „מײנע זכרונות" פאַרמאָגן עלעמענטן פון פּרצעס פאָלקסטימלעכע געשיכטעס, חסידישע מעשהלעך און די פּרצישע אייגנאַרטיקייטן.

שלום־עליכמס „פונם יאַריד" איז די אַנזאַמלונג פון חכמה־קוואַל, וועלכער ריזלט דורך אין אַלע ווערק. זײן באַרימטע צוואה איז ווי אַ טייל פון זײנע מעמואַרן.

מרדכי ספּעקטאָרס דריי בענד „מײן לעבן", וואָס איז אַרויס נאָך זײן טויט, דאַרף פאַררעכנט ווערן צווישן אונדזערע וויכטיקע ווערק, הגם די אַרויסגעבער האָבן זיך דאָרטן דערלויבט „פּרייקייטן", וואָס האָבן דעם מחבר קיין גוטס ניט געטאָן.

אַ שאָד וואָס די מערסטע מעמואַרן־שרייבער אונדזערע האָבן איבער־געלאָזט ניט פאַרענדיקטע זכרונות, אָדער ווי יעקב דינעזאָן — בלויז

אנגעהויבענע ערינערונגען. גוט געטאָן האָט אונדזער ערשטע מעמואַרן־שרייבערין גליקל האַמעל (גליקעל פון האַמלען), וואָס האָט איבערגעלאָזט זיבן ביכער זכרונות, פון איר געבורט־יאָר 1645, ביז דעם יאָר 1719. זי האָט אַזוי פּרעכטיק געמאָלט אין אירע זכרונות זיך און איר צייט און איר דור. יחזקאל קאָטיקס זכרונות, למשל, וועלן באַשטימט בלייבן אַ וויכטיקער און נויטיקער צושטייער צו אונדזער ליטעראַטור און קולטור.

ב

דר. גרשון לעווינס „דאָס בוך פון מיין לעבן" (פרילינג יאָרן אין לובלין) פאַרלאַג „יהודית", 1937, און זיינע זכרונות וועגן י. ל. פּרצן פאַרנעמען אַ חשובן פּלאַץ אין אונדזער מעמואַרן־ליטעראַטור. מיר פאַרמאָגן די אייגנאַרטיקע „נאָטיצן פון אַ יידישן מלחמה־אָפיציר" פון יעקב מעססטעל. איצט זיינען אויך אַרויס ז. וויינפּערס דעראינערונגען וועגן יידישן לעגיאָן. די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג ווערט אָפּגעשפּיגלט אין די זכרונות פון וולאַדימיר מעדעם, ב. מיכאַלעוויטש, ח. ל. פּאָזאַנסקי, הלל בלום, א.א.

ווען מיר קומען צו די מעמואַרן אין דער יידישער ליטעראַטור פון אַמעריקע, קומען מיר אייגנטלעך צו דער געשיכטע פון דער איראָפּייאישער אײנוואַנדערונג דאָ אין לאַנד.

אויב אין די מעמואַרן פון אונדזערע איראָפּייאישע שרייבער געפינען מיר זייער לעבנס־שטייגער, אויב זיי הייבן אַלע, אַז אויסנאַם, אַן זייערע זכרונות מיט זייערע קינדער־יאָרן, מיטן פונדאַמענט, מיט די וואָרצלען, פון זייערע אבות — איז אָבער די היגע מעמואַרן־ליטעראַטור פון גאָר אַן אַנדער שטייגער. אַהער איז מען געקומען שוין אויסגעוואָרצלטע, איבערגעשראָקענע, ניט־זיכערע, דערשלאָגענע.

זעכציק יאָר יידישע מאַסן־אימיגראַציע קיין אַמעריקע האָט דערוייל אַרויסגעבראַכט געציילטע יידישע שרייבער, וואָס זיינען דאָ הי געבוירן געוואָרן, אָדער געקומען אַהער אין זייערע קינדער־יאָרן. די דאָזיקע זיינען נאָך צו־יונג זיך צו פאַרנעמען מיט זכרונות; זייער שאַפן ביז איצט איז נאָך ניט געוונג קלאַסיש, אַז זייערע מעמואַרן זאָלן האָבן אַן אינטערעס פאַר דעם לייענער. עס איז אָבער ניט אויסגעשלאָסן, אַז גראָד פון דעם

דור שרייבער זאָל אַרויסבליען אַ מעמואַרן־ווערק, וואָס זאָל זיין פון גרויסן ווערט פאַר דער קולטור־געשיכטע פון אַמעריקע.

ווילן מיר זיך פאַרנעמען מיט מעמואַרן פון יידישע שרייבער אין אַמעריקע, מוזן מיר צוגיין צו זיי — סיי צו די ווערק און סיי צו די מחברים — פּאַרזיכטיק און קריטיש. דאָרט וואו דער שרייבער איז אַ קינסטלער אין פולן זין פון וואָרט; וואו דער אמת וועגן זיך און זיין אַרום באַקומט זיין פולן תיקון, — דאָרט דערפילן מיר דאָס פונדאַמענטאַלע פון ווערק, וואָס מאַכט עס פאַר אַ תושב אין אונדזער ליטעראַטור. דאָרט אָבער, וואו דער שרייבער נוצט אויס זיינע ווערק ניט ווי אַן אַריינדרינג אין דער אייגענער נשמה, נאָר, פאַרקערט, ווי אַ שלייער צו פאַרשטעלן דעם אינערלעכן איך, מוזן מיר זיך באַציען פאַרזיכטיק צו די ווערק.

דורך די מעמואַרן פון באַוואוסטע פּערזענלעכקייטן פון אונדזער היגער וועלט באַקענען מיר זיך מיט דער געשיכטע פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג, מיטן יידישן טעאַטער, מיט אַנגעזעענע פּערזענלעכקייטן אין אונדזער וועלט. קומען מיר אָבער צו געשיכטע, ווערט דער ענין פיל שווערער. און היות ווי די מעמואַרןשרייבער זיינען אויך געווען די דאָזיקע, וואָס האָבן אַליין געשאַפן, אָדער געהאָלפן שאַפן, די געשיכטע, — קאָן שוין דאָ קיין רייד ניט זיין פון אויסגעלייטערטע זכרונות, פון קינסטלערישער אָביעקטיווקייט.

אין זיין הקדמה צו י. קאַפּעלאָווס „אַמאָל איז געווען", פאַרלאַג מאַקס מייזעל, ניו־יאָרק, 1926, שרייבט דר. חיים זשיטלאָווסקי:

„דער מעמואַריסט, וואָס איז מסיח לפי תומו, אַז זייטיקע פּניות, איז עלול צו זיין אַ סך אָביעקטיווער, איידער דער קינסטלער, וואָס איז פאַראינטערעסירט אַרויסצוברענגען וואָס בולטער זיין אינווייניקסטן בליק אויף דער זאַך און איר אָפּשאַץ אין זיין געמיט."

אונדז אינטערעסירט איצט דאָס פּראָבלעם — אַמעריקע אין דער יידישער מעמואַרן־ליטעראַטור. מיר ווילן וויסן, ווי אַזוי האָט דער שרייבער פון די מעמואַרן באַהאַנדלט אַמעריקע אין זיינע ווערק, נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעלעבט מער צייט דאָ ווי אין זיין אַלטער היים. און אוודאי איז די אַרבעטער־באַוועגונג אַ טייל פון דעם, וואָס מיר ווילן האָבן אין „אַמעריקע אין דער יידישער ליטעראַטור". אמת, אונדזער אויפגאַבע

איז ניט צו פארנעמען זיך מיט דער געשיכטע פון דער יידישער ארבעטער־באוועגונג. אונדז אינטערעסירט איצט דער שרייבער פון די ווערק און וואס און ווי אזוי ער האט איבערגעלעבט; עס גייט אונדז אויך אן דער קינסטלערישער ווערט פון ווערק, און דאס געזעלשאפטלעכע לעבן פון מענטשן, וואס רעפלעקטירט זיין פערזענלעכן מהות. ווי אזוי דער שרייבער באהאנדלט די געזעלשאפטלעכע דערציילונגען, אין וועלכע ער איז געווען באטייליקט, קאנען מיר דערקענען די פערזענלעכקייט פון שרייבער. ער אנטפלעקט זיך פאר אונדז גראד דארט, וואו ער האט זיך געוואלט פאר־שלייערן אדער אויספיינען.

ג

די מעמוארן־ביכער אין דער היגער ליטעראטור שטאמען פון צוויי־ערליי מחברים: בארימטע — שרייבער, ארבעטער־פירער, געזעל־שאפטלעכע פערזענלעכקייטן, און צווייטנס — טיפן פון פאלק, מענטשן, וואס זייער הויפט־פארדינסט באשטייט טאקע אין די מעמוארן, וואס זיי האבן אונדז געלאזן.

גראד לעצטנס איז א נערעטעניש אויף מעמוארן־ווערק אין דער יידישער אמעריקע. ס'איז א סימן פון עלטערן זיך אין דער ליטעראטור, א רעזולטאט פון די יובילייען. יעקב מילכס זכרונות אין דער „מארגן פרייהייט"; פרץ הירשביין אין „טאג"; אסיף דימאוו אין „פארווערטס"; מרדכי דאנצים אין „טאג", און עס גרייטן זיך נאך און נאך. א. ראבאי האט געדרוקט זיינע זכרונות אין דער „מארגן־פרייהייט". יעקב גלאט־שטיינס „יאש" איז אן אריגינעל מעמוארן־ווערק פון קינסטלערישן פארנעם.

איך האב ניט בדעה צו געבן א ביבליאגראפיע פון אלע ווערק, וואס געהערן צום מעמוארן־זשאנר אין אמעריקע. איך וויל זיך אפשטעלן בלויז אויף די וויכטיקסטע. איך וועל דערוויל פארבייגיין די זכרונות וועגן יידישן טעאטער. דאס איז א קאפיטל פאר זיך אליין.

אגב, ס'איז איצט ארויס ר. גראנאווסקיס „יצחק יואל לינעצקי און זיין דור", ערשטער טייל, ניו־יארק, 1941. אין זיין פארווארט צום ווערק שרייבט אברהם רייזען:

„די מעמוארן פון איין שרייבער לייענען זיך ווי א גרויסע פאעמע, ווי אן עפאפיי, און די מעמוארן פון א צווייטן לייענען זיך אין בעסטן פאל — ווי קולטור אדער ליטעראטור־געשיכטע; פון א דריטן — ווי טרוקענע כראניק פון א פארגאנגענעם דור, פון א געוויסער עפאכע.״

ליינעצקי אליין האט איבערגעלאזט זיינע מעמוארן „מיין ספר הזכרונות״, וואס ער האט ארויסגעגעבן העפטנווייז אין 1882־1883. עס זיינען דערשינען 8 העפטן. צו זיין 70־יאריקן געבוירנטאג האט ער צום לעצטן מאל ארויסגעגעבן א ביכל „פונם יאריד״ (1909), וואס איז געווען א מין לעבנס־ווידוי. אין סאוועטן־פארבאנד האט זיין טאכטער, די בינע־קינסטלערין גראדענבערג, פארעפנטלעכט „פארצייכנונגען וועגן מיין פאטער״.

דאס וואגיקסטע און לענגסטע ווערק וועגן אמעריקע אין דער יידישער ליטעראטור איז אב. קאהאנס פינף בענד (דער פינפטער באנד באשטייט פון צוויי דיקע טיילן) „בלעטער פון מיין לעבן״. די פיגור אב. קאהאן איז געשיכטע, איז א שטיק גנזעלשאפטלעכער לעבנס־שטייגער. די פינף בענד זיינען געווידמעט אמעריקע. זעלטן־ווען האט א ווערק וועגן זיך אליין אזוי גוט אונטערשטראכן די ווירקונג און אפשפיגלונג פון זיין צייט.

אב. קאהאן איז ווי די „פארווערטס״־געביידע (איבער וועלכער ער טורעמט) אויף דער איסט־סאיד. זי זעט מען ארום אויף גרויסע שטחים. איר עלעקטרישע שילד רייסט אויף די אויגן ביינאכט. אבער אזוי ווי ס׳איז ניטא קיין יידישער ערנסטער שרייבער, וואס זאל ניט פילן, אז דער „פארווערטס״ און אב. קאהאן זיינען א סך שולדיק אין דעם נידעריקן צושטאנד פון דער יידישער ליטעראטור אין אמעריקע, אזוי איז ניטא קיין פראגרעסיווער, באוואוסטזיניקער קענער פון דער יידישער ארבעטער־באוועגונג אין אמעריקע, וואס זאל ניט האלטן, אז די ריכטונג, פון וועלכער אב. קאהאן איז דער פאנען־טרעגער אזוי פיל יארן, האט גע־בראכט צו דער הפקרות, צו דער „קארטנשפיל־קולטור״, צום באסיזם אין יידישן ארגאניזירטן ארבעטער־לעבן אין אמעריקע.

אב. קאהאנס „בלעטער פון מיין לעבן״ זיינען די מעמוארן פון דעם אב. קאהאניזם אויף דער יידישער גאס. פאר דעם קולטור־היסטאריקער, פאר דעם פארשער פון יידישן ארבעטער־לעבן זיינען זיי טשיקאווע דער־מיט, וואס אב. קאהאן, דאס קרוינדעלע פון דער צען־שטאקיקער „פאר־

ווערטס"־געביידע, האָט געשריבן מעמוארן מיט דעם זעלבן מעטאָד, ווי ער האָט רעדאַקטירט דעם „פאָרווערטס". אב. קאַהאַן איז דער צענטער פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג; אַב. קאַהאַן איז די יידישע אַר־בעטער און סאָציאַליסטישע באַוועגונג, און גאָט איז גערעכט און אב. קאַהאַן איז גערעכט.

דער באַשאַפער פונם געלן זשורנאַליזם אין יידיש האָט אויך געשאַפן די געלסטע מעמוארן אין יידיש. וואָס פאַרא געלעגנהייטן אב. קאַהאַן האָט געהאַט מיט זיין מאַטעריאַל זיך צו דערהויבן קינסטלעריש אין זיינע מעמוארן! ביי אב. קאַהאַנען איז אָבער געבליבן די שאָלעכץ פון די געשעענישן; פאַר אים זיינען וויכטיק געווען דאָס אויספיינען זיך מיט נעמען. מיט דעם זיך באַגעגנט, מיט יענעם בין איך אויפגעטראָטן, נאָט זעט סאַרא „גראַמאַטנער" מענטש איך בין.

„בלעטער פון מיין לעבן" זיינען נאָטיצן, אָן קיין שום דרך־ארץ פאַרן אינטעליגענטן לייענער, אָן יעדן פאַרזוך צו אַרבעטן איבערן סטיל, איבער דער שפּראַך אָדער פאָרם. עס איז — „משה, נאַ־דיר!"

אָט ווי אב. קאַהאַן, דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס", שרייבט וועגן זיך אַליין:

„אין פאַרלויף פון די נעקסטע עטלעכע טעג איז אין יעדן נומער „פאָרווערטס" געווען אַ בולעטין פון מיין געזונט־צושטאַנד. איין טאָג איז אין „פאָרווערטס" געווען אַ מעלדונג, אַז דער טעלעפאָן הערט ניט אויף צו קלינגען", א.אַ.וו. (באַנד 5, זייט 283.)

און אַ ביסל ווייטער:

„אין דעם „פאָרווערטס" פון ערשטן אַפּריל איז אויף אַ פּראָמינענטן פּלאַץ געשטאַנען אַן איבערשריפט:
„אב. קאַהאַן ארויס פון האָספּיטאַל!" (ז. 285).

דער פאָרשער פון יידישן לעבן אין אַמעריקע וועט זיך ניט קאָנען באַגיין אָן קאַהאַנס מעמוארן. זיי זיינען וויכטיק אין אַ סך פּרטים, פונקט ווי מיר באַנוצן זיך מיט דער געלער פּרעסע און מוזן פון איר סענסאַציאָ־נעלן שטאָף ארויסנעמען דאָס, וואָס קאָן האָבן אַ ווערט פאַר אונדז. למשל, אב. קאַהאַנס באַשרייבן דעם יידישן קוואַרטאַל אין די אַכציקער יאָרן איז פון אַ געוויסן ווערט. אמת, ווי נאָר ער רירט זיך צו צום מאַטעריאַל, וואָס האָט מער ווי אַן עפּיזאָדישן אָדער אַנעקדאָטישן ווערט, מוז מען

שוין זיין פּאַרזיכטיק. אַזוי ווייזט אונדז אָן דער פאַרשטאָרבענער דר. ק. פאַרנבערג אין זיין אַרבעט וועגן דער יידיש־רוסישער אימיגראַציע אין אַמעריקע (יאָרבוך פון אַמאָפּטייל, אַרויסגעגעבן פון „ייווא“, 1939), אַז „דער שרייבער פון „בלעטער פון מיין לעבן“ האָט זיך ניט גענומען די טרחה נאָכצוקוקן וויפיל ייִדן עס האָבן זיך דעמאָלט געפונען אין די פאַראייניקטע שטאַטן, און עס איז אַ עוולה, וואָס דער שרייבער האָט ניט געפּרובירט אפילו צוזאַמענבינדן זיינע אייגענע באַהויפּטונגען . . . ווי קאָן מען זיך פאַרלאָזן אויף אַזוינע עדים מומחים?“

איך וויל דאָ ציטירן ווי אַ מוסטער פון סטיל, אינהאַלט און צוגאַנג אַ פולע זייט פּאַראַגראַפן, וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר די „בלעטער“.

„דער לעבן פון דעם יידישן אַרבעטער אין די סוועט־שעפּער איז געווען שווער. און דאָך האָט דער דורכשניטלעכער יידישער אימיגראַנט געפילט, אַז אין פאַרגלייך מיט זיין אַלטער היים איז אים דאָ אַ גן־עדן. דער אַרבעטער האָט דאָ געגעסן אַ סך בעסער און זיך געקליידט אַ סך בעסער ווי אין דער היים. און אויב מע האָט נאָר געהאַט אַ סטעדי דזשאָב, האָט מען אָפּגעסייפט אַ פּאָר דאָלער אויך. אין דער היים האָט אַ שניידער פאַרדינט דריי־פיר רובל אַ וואָך. אין אַמעריקע האָט מען שוין דאַן אַ באַי אויף אַ פעקטאָרי געצאָלט מער ווי אַ דריי־פיר דאָלער אַ וואָך. און אַ שניידער פון דער היים, אַ גאַנץ געוויינלעכער בעל־מלאכה, האָט באַקומען צוואַנציק, דרייסיק און פערציק דאָלער אַ וואָך.“

„די קלאָוק טרייד איז שוין דאַן געווען אַ סעזאָן טרייד, און פילע וואָכן זיינען דאָס רוב פון די אַרבעטער אין איר אַרומגעגאַנגען ליידיק, דערפאַר אָבער האָט מען אין סעזאָן פאַרדינט אַזעלכע ווידזשעס, וועלכע האָבן אין דער אַלטער היים געקלונגען אונגלויבלעך. איך האָב געקאַנט דאַמסקע שניידער פון ליטווישע שטעט, וועלכע האָבן אין דער היים גע־אַרבעט פאַר פיר רובל אַ וואָך, און וועלכע פלעגן דאָ אָפּנעמען צו זיבעציק און צו אַכציק דאָלער אַ וואָך. און די קלאָוקס אָפּערייטאָרס, וואָס האָבן די טרייד זיך אויסגעלערנט אין אַמעריקע, פלעגן אין אַ קורצער צייט פאַרדינען נאָך מער ווי דער דורכשניטלעכער שניידער. מע פלעגט אין סעזאָן אַרבעטן כמעט טאָג און נאַכט. די ווידזשעס זיינען אָבער געווען אַזוי גרויס, אַז עס איז געווען מער ווי גענוג אויף אַ גאַנץ יאָר.“

„די פרייזן אויף שפּייז, קליידער, רענט זיינען געווען פאַרהעלטניס־מעסיק קליין. אַלזאָ, האָט מען געמאַכט אַ פיינעם לעבן און מע האָט אָפּגעשפּאָרט געלט.

„דאָס האָט זיך אויף דעם אימיגראַנט געפילט אויף פאַרשיידענע אופנים — אויף אים גופא און אויף זיינע קינדער. די קינדער זיינען דאָס רוב אויסגעוואקסן העכער, שטאַרקער און בעסער געבויט ווי זייערע

עלטערן. צו זען אַ 16־יעריקן באַי, וואָס איז העכער פון זיין פאָטער, איז אין אונזער קוואַרטאַל געוואָרן אַ געוויינלעכע זאַך." (באַנד 2, ז. 214).

אב. קאַהאַן, דער באַשאַפער פון „פּאַטעיטאָ"־יידיש האָט ביי זיין אָנקומען אין 1883 ניט געקאָנט פאַרטראָגן וואָס מע פאַרדאַרבט דאָ זיין לשון. עס וועט קלינגען איראָניש, נאָר אָט־וואָס ער האָט דאַן געשריבן. (ז. 109, באַנד 2.)

„ווען איך פלעג הערן אַזאַ פראַזע, ווי „ער מאַכט אַ לעבן", פלעג איך שיעור ניט קריצן מיט די ציין. איך געדענק ספּעציעל דיזן אויסדרוק, „ער איז ווערט צען טויזנט דאָלער", היינט די „ווינדעס" מיט די „סי־לינגס", מיט די פּאַטעיטאָס".

נאָר אַז הונדערטער טויזנטער פריינט פון דער יידישער שפּראַך קריצן היינט מיט די ציין אויף דעם יידיש, וואָס ער האָט איינגעפירט אין „פאָרווערטס", פילט עס דען אב. קאַהאַן?

אינטערעסאַנט איז פאַר אונדז קאַהאַנס באַשרייבונג פון זיין ער־שטער באַגעגעניש מיט מאָריס ראָזענפעלדן.

„איינמאָל זאָגט צו מיר פייגענזאָן:

„ס'איז פאַראַן אַ שניידער, וואָס שרייבט פּאָעזיע. מע רופט אים ראָזענפעלד.

פייגענזאָן האָט פאַר מיר פאַרגעשטעלט אַ יונגען מאַן, ניט קיין הויכן, מיט שוואַרצע געקרייזלטע האָר. ער איז געווען בוכשטעבלעך אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן. קיין אויבער העמד און קיין קאָלנער האָט ער ניט געטראָגן. ער האָט ניט אויסגעזען ווי קיין שניידער, נאָר עפּעס איינער פון יונגען, וואָס אַרבעטן אויפן ברעג פון טייך ווילִיאַ אין ווילנע, ביי די פליטן — אַזאַ איינדרוק האָט ער אויף מיר געמאַכט.

ווען ער האָט פאַר מיר פאָרגעלעזן זיינע אַ געדיכט, בין איך ער־שטוינט געוואָרן. איך האָב ניט געגלייבט, אַז די ליד ווייזט אויף אַן אַנטוויקלטן טאַלאַנט. זי איז אָבער דאָך געווען זייער גוט — שיין און שטאַרק. ווי קומט דאָס צו אַזאַ מענטשן?" (ז. 376, באַנד 2).

(פאַרגלייכט לעאָן קאָברינס זכרונות וועגן זיין ערשטער באַגעגעניש מיט מאָריס ראָזענפעלדן („יידישע קולטור", דעצ. 1941), און זעט ווי אַ קינסטלער באַהאַנדלט דעם זעלבן ענין.)

צום בעסטן איז אב. קאַהאַן אין זיינע זכרונות, ווען ער דאַרף געבן אַ צייטונג־באַריכט. דאָס איז זיין פעלד. ער באַשרייבט, למשל, אויסגע־צייכנט דעם פּאַראַד פון „דודס האַרף", אַ געזעלשאַפט, אין וועלכער די

ביזנעס פון אז ארדן מיט לאדזשעס האט געזאָלט זיין פּאַראייניקט מיט טעאַטער־ביזנעס. (ז. 395, ב. 2.)

ד

בכלל איז די היגע מעמואַרן־ליטעראַטור רייך אין מאַטעריאַל וועגן דעם אָנהייב פון דער היגער יידישער מאַסן־איינוואַנדערונג.

אַ מער ערנסט ווערק וועגן „פּערציק יאָר אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג" איז ב. וויינשטיינס זכרונות אונטער דעם נאָמען. דאָס בוך איז אַרויס אין 1924, צוויי יאָר איידער עס זיינען דערשינען אַב. קאַהאַנס „בלעטער". ב. וויינשטיין איז אַב. קאַהאַנס אַ נאָענטער מענטש. (קאַהאַן שרייבט טאַקע אַ פאָרוואָרט צום בוך.) אין 1929 דערשיינט ב. וויינשטיינס „די יידישע יוניאָנס אין אַמעריקע", בלעטער געשיכטע און דעראינערונגען. דאָס בוך האָט אַ פאָרוואָרט פון קאַהאַנס „באַגלויבטן"— ה. לאַנג. ביידע ביכער פאַרמאָגן מאַטעריאַל פון זעלבן סאָרט, ווי זייערע נעמען גיבן איבער. דאָרט וואו וויינשטיין פאַרנעמט זיך מיט זכרונות וועגן יידישן אַרבעטער־לעבן אין די ערשטע יאָרן אין אַמעריקע, דאָרט איז ער ערלעך און אַ גוטער באַאָבאַכטער. פאַרגלייכן מיר דעם זעלבן מאַטעריאַל ביי קאַהאַנען, דאַן זעען מיר, אַז וויינשטיינס שטייט העכער אין אַלע פּרטים. ער ווייס מער, ער האָט מער דורכגעפילט און דורכגעלעבט. וואו וויינשטיין פאַרנעמט זיך אָבער מיט געשיכטע, דאַן פאָלגט ער געטריי אויס אַב. קאַהאַנס מעטאָדן פון אָדער דיסקרעדיטירן די קעגנער פון דער „פאָרווערטס"־קליקע, אָדער זיי טויט־פאַרשווייגן. למשל, זיין דערציילן וועגן דער פאַריערס יוניאָן און איר באַליבטן פירער בען גאָלד איז אַ מוסטער פון פעלשונג און זידלעריי.

די זכרונות פון ב. וויינשטיינען, מינוס די געשיכטע פון די יוניאָנס, זיינען אַ וויכטיקער צושטייער צו דער מעמואַרן־ליטעראַטור פון אַמעריקע.

אין שאַרפן קאָנטראַסט פון די אויבן־ציטירטע פּאַראַגראַפן פון אַב. קאַהאַנען זיינען די פאַקטן וועגן יידישער אַרבעטער־נויט דאָ אין לאַנד, ווי זיי ווערן געשילדערט פון ב. וויינשטיינען.

„די צרות און ליידן, וואָס די יידישע אימיגראַנטן האָבן געהאַט אויסצושטיין די ערשטע יאָרן פון זייער אָנקומען אין אַמעריקע, איז גאָר אוממעגלעך צו באַשרייבן. געפאַרן זיינען אַלע מיט דער דערוואַרטונג

צו שאַרן דאַ גאָלד מיט לאָפּעטעס. אויסגעלאָזן אָבער האָט זיך, אַז אַלע אַן אויסנאַם האָבן געמוזט אַרבעטן שווער און ביטער פֿאַר דעם שטיקל ברויט. די שכירות, וואָס אַ ייִדישער אַרבעטער פֿלעגט אין יענע צייטן פֿאַרדינען, האָבן באַטראָפֿן בלויז אַ פּאָר דאָלער אַ וואָך. די אַרבעטער האָבן אַלע געאַרבעט פֿון שטיק און דאָס העכסטע, וואָס אַ גרינער אַר־בעטער האָט געקאָנט אויסאַרבעטן, איז געווען פֿון צוויי און אַ האַלב ביז דריי דאָלער אַ וואָך. די אַרבעט שטונדן זיינען דאַמאָלט געווען פֿון 15 ביז 18 שטונדן אין מעת לעת. געאַרבעט האָבן די מערסטע ייִדישע אימיגראַנטן הויפּטזעכלעך ביי העמדלעך, ביי זעק, ביי שמאַטעס, ביי קינדער־הייזלעך און ביי ביליקע רעק. אַ טייל האָבן אויך געאַרבעט אין בלעך פֿאַבריקן און אין סיגאַר פֿאַבריקן."
(„די ייִדישע יוניאָנס אין אַמעריקע", ז. 49.)

„שרעקלעך איז אין יענע יאָרן געווען די לאַגע פֿון די יונגע ייִנגלעך און מיידלעך, די קינדער פֿון די ערשטע ייִדישע אימיגראַנטן־אַרבעטער. אַנשטאָט צו גיין אין סקול פֿלעגן די מערסטע קינדער פֿון די ייִדישע אַרבעטער אָנפֿילן די אַלע סוועט שעפּער פֿון דער איסט סייד." (דאָרט ז. 56.)

סיי קאַהאַן און סיי וויינשטיין באַשרייבן די זעלבע צייט, נאָר זעט דעם צוגאַנג פֿון איינעם און דעם צווייטן.

אינטערעסאַנט זיינען וויינשטיינס דעראינערונגען „די ערשטע עט־לעכע יאָר", וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט אין „געווערקשאַפֿטן" בוך (זאַמל־בוך צו 50 יאָר לעבן פֿון די פֿאַראייניקטע ייִדישע געווערקשאַפֿטן, דעצ. 1938). אין געציילטע שטריכן באַקומען מיר אַן אויסגעצייכנט בילד פֿון ייִדישן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן פֿון יענער צייט, וואָס ווייזן אונדז די ייִדישע אַמעריקע, ווי זי איז אין דער אמתן געווען.

„אין יענער צייט (מסתמא 1884, י. א. ר.) איז אין ניו־יאָרק געווען בלויז איין ייִדישע צייטונג, „די ייִדישע גאַזעטן", וועלכע פֿלעגט אַרויס־קומען איינמאָל אַ וואָך. דער אַרויסגעבער פֿון דער אָרטאָדאָקסישער צייטונג, הרב שרהזאָן, האָט ניט געוואָלט דרוקן קיין נייעס פֿון אַרבעטער־יוניאָנס און פֿון אַרבעטער קאַמף. די צייטונג פֿלעגט אָפּט פֿאַרדאַמען די ייִדישע יונגעלייט, וואָס האָבן געגרינדעט אַרבעטער־יוניאָנס און אַגיטירט פֿאַרן סאָציאַליסטישן אידעאַל. פֿלעגן דערפֿאַר די באַריכטן פֿון ייִדישע יוניאָנס דערשיינען אין דער דייטשער סאָציאַליסטישער „פֿאָלקסצייטונג", וועלכע פֿלעגט טעגלעך געדרוקט ווערן אין ניו־יאָרק."

דאָס האָט אָבער ניט געמיינט, אַז די ייִדישע פֿרומע אַרבעטער האָבן זיך צוגעהערט צו דער פֿרומער פּרעסע.

דערציילט אונדז וויינשטיין ווייטער אין זעלבן אַרטיקל:

„די קאַמיטע ליִיט פּרעסערס זײַנען געגאַנגען אַנגעטאָן מיט הײמישע קאַפּאָטעס. אַזױ זײַנען זײ אַרױף אין שאַפּ און האָבן געערדט מיט די סקעבס אין נאָמען פון „משה רבנו”, װעלכער, װי זײ האָבן געזאָגט, איז געװען דער ערשטער „װאָקינג דעלעגאַט” אַרױסצונעמען די ײדן פון מצרים.”

אײנדרוקספול זײַנען אױך די דעראײנערונגען אין זעלבן „געװערקשאַפטן בוך” פון מאַקס פּײַן, א.נ. „טעג װאָס זײַנען שױן לאַנג אַװעק”. פון אַ קורצן פּאַראַגראַף באַקומט זיך אַ בילד װעגן אַ ײדישער אַרבעטער־פאַרזאַמלונג אין יאָר 1890.

„איך האָב מיט מײַן גאַנצער אױפמערקזאַמקײט שטודירט די פאַרזאַמלונג. די דײַטשע אַרבעטער זײַנען מערסטנס געװען פּלײציקע, געזעצטע מענער; די ײדן, װעלכע זײַנען אין דער מערהײט, זײַנען געװען איבערגעהאַרעװעטע, פאַרחושכטע, מוטלאָזע.” (זײַט מב.)

אינטערעסאַנטע שטעלן געפינט מען אױך אין א. ראָזענבערגס בוך „די קלאָוקמאַכערס און זײערע יוניאָנס” (דעראײנערונגען), 1920, װאָס זײַנען מער פאַר־מעמואַרן.

ה

דער הױפּט־חסרון פון די אױבן־דערמאָנטע מעמואַרן־װערק איז, װאָס זײ זײַנען געשריבן געװאָרן פון מענטשן, װאָס זײַנען ניט פרײַ צו שרײַבן דעם אמת. צוגעבונדן צום צענטן שטאָק פון 175 איסט בראָדװעי, װאָס האַלט זײ אױס, מוזן זײ אים דינען. זײַנען אַרױסגעקומען זכרונות, װאָס מוזן אַלע אַן אױסנאַם לױבן זײַן „גרױסקײט”, אַב. קאַהאַן, און אינגאַנצן זיך ניט װיסנדיק מאַכן װעגן דער ראָל פון אַנדערע בױער פון דער ײדישער געזעלשאַפטלעכקײט אין אַמעריקע בלױז דערפאַר, װאָס יענע זײַנען ניט קײן „גנאַסן”.

יעקב מילך, למשל, האָט געשפּילט גאָר אַ װיכטיקע ראָל אַ רײ יאָרן אין דער ײדישער סאָציאַליסטישער באַװעגונג. װערט זײַן נאָמען דערמאָנט אין ב. װײַנשטײנס בוך בלױז צװײ מאָל. אַב. קאַהאַן אַנערקענט אים אױך כמעט ניט. שױן אָפּגערעדט װאָס אין „געװערקשאַפטן” בוך, װאָס איז אַרױס װען מילך איז שױן געשטאָנען מיט בײדע פיס אױפן פראָגרעסיװן באָדן, װערט זײַן נאָמען בלױז דערמאָנט אין צעטל פון די סעקרע־

טארן פון די געווערקשאפטן. אין די ארטיקלען אבער ווערט זיין טעטי־קייט אלס סעקרעטאר (1893־1894) גאנץ פיין פארשוויגן.

דערפאר איז אן אפפריש צו לייענען זכרונות פון צד שכנגד. יעקב מילכם „די אנטשטייאונג פון „פארווערטס" און זיין קאמף מיטן „אבענד־בלאט", ארויסגעגעבן פון מחבר אין יאר 1936, זיינען ניט בלויז, ווי ער רופט זיי, זכרונות, נאר זיי פארמאגן אין זיך מער געשיכטלעכעס ווי מעמואריסטיק.

י. מילך שטעלט זיך אפ אין זיינע זכרונות אויף א וויכטיקן קאפיטל אין דער געשיכטע פון דער יידישער פרעסע אין אמעריקע — אויף די סיבות, וואס האבן געבראכט צום ווערן פון „פארווערטס". מיר באקומען א פיינע כאראקטעריסטיק פון ב. פייגענבוימען, פון ל. מילערן („מיט די רויטע בעקלעך") און פון אב. קאהאן. עס וועט זיין גענוג צו ציטירן א שטעל פון י. מילכס ביכל צו דערפילן די אטמאספער פון יענעם קאמף:

„עס איז געווען א מיניאטור־קאמף פון אינטעלעקטואלן און ארבע־טער ווי עס פירט זיך ביי לייטן. ניט מער, דא זיינען עס געווען די אזוי־גערופענע אינטעליגענטן, וואס האבן אויפגעהויבן דעם קאמף. לואי מילער האט דעם פארוואלטונס־ראט אנגערופן א „קליקע". אב. קאהאן האט זיי גערופן „בעזגראמאטנע סוואלאטש". דער פארוואלטונגס־ראט ווידער האט געענטפערט מיט דעם, וואס ער האט זיי גערופן די „גראַ־מאטנע", לגנאי. און אין דעם האט געשטעקט א סך מער איראניע."

אין זיינע זכרונות, וואס שטעלן זיך הויפטזעכלעך און ספעציפיש אפ בלויז אויף א באשטימטן פעריאד און וואס זיינען א וויכטיקער צושטייער צו דער געשיכטע פון דער יידישער פרעסע אין אמעריקע, ווי אויך צו דער אנטוויקלונג פון דער סאציאליסטישער באוועגונג אויף דער יידישער גאס, באמיט זיך יעקב מילך צו זיין אזוי אביעקטיוו ווי מעגלעך, נאר אזוי ווי ער איז געווען א נוגע בדבר, געלינגט דאס אים אויך ניט. ער, דער פארקאכטער דעליאניסט, אונטערשאצט די ראל פון דעבסן אין דער אמע־ריקאנער ארבעטער־געשיכטע און זיין ווירקונג אויף דער יידישער אר־בעטער־באוועגונג, הגם דעבס איז ניט געווען קיין אויסגעהאלטענער מארקסיסט.

פון מילכס ווערק באקומען מיר א בולטע פארשטעלונג פון דעם פעריאד 1893־1902.

עס איז קלאָר, אַז ווען י. מילך וועט צוקומען אין די זכרונות, וואָס ער דרוקט אין דער „מאָרגן־פרייהייט״, צו אַמעריקע, וועט דאָס זיין אַן אינטערעסאַנט מעמואַרן־ווערק פון אַמעריקע.

דער פּראָצעס פון מעמואַרן־שרייבער איז אַ לאַנגזאַמער. דר. חיים זשיטלאָווסקי האָט דערוויילֿ אַרויסגעגעבן פיר בענד מעמואַרן, נאָר צו אַמעריקע איז ער ניט צוגעקומען. ער האָט אָפּגעדרוקט אין „טאָג״ אַ פּאָר פראַגמענטן וועגן פּנחס רוטנבערגן אין אַמעריקע.

וועגן דר. ח. זשיטלאָווסקי גופא, למשל, געפינען מיר אינטערעסאַנטע זכרונות אין דעם זשיטלאָווסקי זאַמלבוך (צו זיין 60־סטן געבוירנטאָג, פאַרלאַג בזשאַזע, 1929. (זע ש. עלסבערגס „דר. זשיטלאָווסקיס טעטיקייט אין אַמעריקע״.)

זכרונות וועגן שרייבער האָבן אונדז געגעבן: מאַרק שווייד „מיט פּרצן״, פאַרלאַג „ווערבע״, ניו־יאָרק, 1923; ז. וויינפּער „משה לייב האַלפּערן״, פאַרלאַג „אויפקום״, 1940.

דער סוחר מ. פּיסיוק האָט אַרויסגעגעבן פינף בענד זכרונות (דאָס יאָר פון דערשיינען ניט אָנגעגעבן אין קיין בוך), פאַרלאַג „אחיאָסף״, וואַרשע. דער פינפטער באַנד שילדערט (אויף אַ נעגאַטיוון אופן) זיין לעבן אונטער די באָלשעוויקעס.

דער „בראָנזווילער סטאָלער״ (ב. גרינפעלד) האָט אַרויסגעגעבן „הובלשפּענער״, אויטאָביאָגראַפישע סקיצן, ניו־יאָרק - לאָס אַנדזשעלאָס, 1933. מאַקס טענען האָט פאַרעפנטלעכט „צוויי וועלטן״, 18 יאָר אין איירָאָפּע; 48 יאָר אין אַמעריקע, ניו־יאָרק, 1937.

ס׳איז אַ שאָד וואָס אַ צאָל זכרונות־שרייבער קוקן זיך אַרום צו־שפּעט און עס געלינגט זיי ניט צו פאַרענדיקן זייער אַרבעט. עס מישט זיך אַריין דער מלאך המות און — אַ סוף, אָדער די מעמואַרן בלייבן איבער אין כתב־יד און ס׳איז נישטאָ די מעגלעכקייט זיי אַרויסצוגעבן.

א. פרומקין האָט דערלעבט אַרויסצוגעבן בלויז דעם ערשטן באַנד פון זיינע זכרונות, א.נ. „אין פרילינג פון יידישן סאָציאַליזם״, זכרונות פון אַ זשורנאַליסט, אַרויסגעגעבן פון א. פרומקין יובילײ־קאָמיטעט, נ. י., 1940. אין דעם פאָרוואָרט, וואָס דער מחבר האָט אין בוך, שרייבט ער:

„אין מיינע זכרונות ביז איך צוגעקומען צום סוף פון יאָר 1898. אין די ערשטע וואָכן פון 1899 האָב איך פאַרלאָזט איירָאָפּע. דאָס פעלד

טראָגט זיך איצט אַריבער קיין אַמעריקע. אַ נייע וועלט, אַ קאַלירפול לעבן; נייע באַגעגענישן, נייע דערפאַרונגען און אינטערעסאַנטע טיפּן. עס קומט אַ פּעריאָד פון פיר רוישיקע, קאַכעדיקע יאָרן. די באַוועגונג אַרום דער „פר. געזעלשאַפט" און דער „פר. אַרבעטער שטימע"; מיין פאַרבינדונג מיטן „פאָרווערטס"; מיין מיטאַרבעט אין דער ניו־יאָרקער „יידישע וועלט". אַ חוץ דעם אַ ריי פאַרבנרייכע געשטאַלטן: פיליפּ קראַנץ, יעקב נעטער, מאַקס נ. מייזעל, מ. קאַטץ, לעאָן מאַיסעיעוו, נפתלי הערץ אימבער, יוסף זעף א.נ.א. אַ רייכער מאַטעריאַל פאַר ווייטערדיקע זכרונות, וואָס איך האָב בדעה צו שרייבן. אָבער דאָס הענגט אָפּ פון דעם שיקזאַל, וואָס אָט דער ערשטער באַנד וועט האָבן."

איך ווייס ניט, צי פּרומקין האָט איבערגעלאָזט נאָך בענדער זכרונות. באַלד נאָכדעם ווי דער ערשטער באַנד איז דערשינען, איז דער מחבר געשטאָרבן. פּרומקין איז געווען איינער פון די זעלבסטשטענדיקסטע און ערלעכסטע יידישע זשורנאַליסטן און זיינע זכרונות זיינען פון גאָר גרויסן ווערט.

די מערסטע יידישע פּראָמינענטע אימיגראַנטן אין אַמעריקע זיינען אויך געווען פאַרבונדן מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג אין ענגלאַנד. שפּילט דערפאַר לאָנדאָן אַ ראָל אין אַ סך מעמוארן. ענגלאַנד איז אָפט אַ מין אַריינפיר צו די זכרונות וועגן אַמעריקע. א. פּרומקין, געבוירן אין ירושלים, ווידמעט אַ סך פּלאַץ אין זיין באַנד מעמוארן דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין לאָנדאָן. זיינע דעראינערונגען וועגן לאָנדאָנער „אַרבעטער־פריינט" זיינען פאַר אונדז זייער וויכטיק אויך מיט דעם, וואָס די מערסטע פּערזאָנען, וועלכע ער דערמאָנט, האָבן דערנאָך געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע. פיליפּ קראַנץ, בנימין פייגענבוים, מאָריס ווינטשעווסקי, מ. באַראַנאָוו, ש. יאַנאָווסקי, א.א. אַ צאָל שרייבער האָבן מיטגעאַרבעט אין דער לאָנדאָנער יידישער פּרעסע.

פּרומקין איז אין 1892 געקומען קיין אַמעריקע. סוף 1894 איז ער צוריקגעפאָרן קיין אייראָפּע און אין 1899 איז ער צוריקגעקומען קיין אַמעריקע און פון דאַן אָן געשפּילט אַ ראָל אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. אַזוי ווי זיינע זכרונות זיינען געשריבן מער עפּיזאָדיש ווי כראָנאָלאָגיש, געפינען מיר אויס מער וועגן אַנדערע ווי וועגן אים אַליין. ביז גאָר אינטערעסאַנט איז פּרומקינס קאַפּיטל וועגן אַלעקסאַנדער האַרקאַווי, מיט וועמען ער האָט זיך באַקענט אַ פּאָר וואָכן נאָכדעם ווי ער

איז ארונטער פון שיף. וויכטיק זיינען אויך זיינע שילדערונגען פון וואַלטערין דע קלעיר און די אַנדערע טיפּן פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע. זיין פּאָרטרעט פון דר. מיכאל קאַהן איז מער ווי אַ פּאָרטרעט, ס'איז אַ שטיק יידישע אַמעריקע. דר. קאַהן איז געווען אַ פּאָפּולערע פיגור אויף דער יידישער גאַס יאָרנלאַנג אי אַלס מעדיקער, אי אַלס אַנאַרכיסטישער שרייבער און מעצענאַט פון דער „פרייע ארבעטער שטימע", אי אַלס דערפאַלגרייכער ריעל־עסטעיט מאַן, אַ דערשיינונג, וואָס איז געווען אַ גערעטעניש צווישן אַ צאָל אַנאַרכיסטן און אנדערע „גענאָסן".

ו

אין די צען בענד געזאַמלטע ווערק פון „זיידן" מאָריס ווינטשעווסקי

האָבן מיר צוויי (די לעצטע צוויי) בענד דעראינערונגען. קלמן מרמר, וואָס האָט פלייסיק רעדאַקטירט די שריפטן, דערציילט אין פאָרוואָרט צום צענטן באַנד:

„דעם פאָדים פון זיין „דעראינערונגען" האָט דער זיידע אויפגענומען ערשט 17 יאָר שפּעטער, אין דער „פרייהייט", 1927. נאָר ער האָט איבערגעהיפּט זיינע זכרונות פון די לאָנדאָנער יאָרן (1887־1894) און אָנגעהויבן פון זיין פאַרלאָזן ענגלאַנד און זיין אָנקומען אין אַמעריקע סוף 1894. ליידער איז דער „זיידע" באַלד קראַנק געוואָרן און ניט געקאָנט פאָרזעצן מער ווי 19 זייטן (223־252), וואָס זיינען דאָ פאַרעפנטלעכט."

קיין וויכטיקע זאַכן דערציילט אונדז דער זיידע ניט אין די 19 זייטן. עס זיינען בלויז אָנדייטונגען, אַז ער קלייבט זיך צו דערציילן וויכטיקע זאַכן, ווי —

„דעם ערשטן מאַי 1895 איז דערשינען דער „אמת".

„דאָס וועט זיין אַ וויכטיקער טייל פון מיינע אַמעריקאַנישע דעראינערונגען."

דערפאַר געפינען מיר אַ סך זאַכן וועגן אַמעריקע אין דעם „זיידעס" פעליעטאָנען. אין זיין „אַ בריוו קיין לאָנדאָן" (באַנד „פעליעטאָנען") שרייבט ער:

„. . . דאָ אין ניו־יאָרק, אין דעם יידישן קוואַרטאַל, וואוינען מענטשן ווי סאַרדינקעס אין אַ קעסטעלע. און איר גייט אַרויף אויף עסעקס סטריט

אין אַ זומערדיקן אָוונט, דוכט זיך אייך, אַז איר זעט פאַר זיך אַז אַלטן בית־עולם, וואו עס זיינען מיטאַמאָל אויפגעשטאַנען תחית־המתים טויזנ־טער מענטשן, אַלטע און יונגע, זכרים און נקבות פון פיל דורות, אַלץ לעבעדיק געוואָרענע מתים, וועלכע רירן און באַוועגן זיך, און איר וואונדערט זיך ווי אַזויפיל צוויי־פיסיקע ברואים פאַמיעסטשען זיך אויף אַזא שמאָל שטיקל פּלאַץ.

„. . . און אַזוי איז אומעטום אין דעם גאַנצן קוואַרטאַל, וואו ווילנער זעמעלעך און קאָוונער דאַרע קישקע און מינסקער אוגערקעס און בערדיטשעווער קללות און וויטעבסקער יידיש, און גראָדנער טייטש, און וואַרשעווער באַקן און אַדעסער גאווה, און מאָסקווער „מי שברכם" און מאָליווער תורה און סואוואַלקער דרד־ארץ טרעפן זיך אַלע צוזאַמען און שטעלן פאָר איין „גרויסע קאָמפּאַקטע מאַסע", ווי דער טייטש זאָגט, וועמען ער רעדט מיט פּרעמדע ווערטער. אָבער אַזוי איז דער עולם אין דער מדינה כמעט ניט ניכר און די מדינה איז רייך, פול מיט כל טוב סלה, חוץ אידייען."

אגב, אין 1926 זיינען אין פאַרלאַג „שול און בוך" (מאָסקווע) אַרויס מ. ווינטשעווסקיס „דערמאָנונגען".

די „עם־עולם"־גרופּע ווערט דערמאָנט ביי אַ צאָל מעמוארן־שרייבער. אַלעקסאַנדער האַרקאַווי האָט אָנגעהויבן זיינע זכרונות אין העברייאיש, און עס איז אַ שאָד וואָס ער האָט זיי ניט פאַרגעזעצט. אין אַ פּאָר נומערן „יידישע קולטור" (1939) זיינען דערשינען די זעלבע זכרונות אין יידיש א.נ. „קאַפּיטלעך פון מיין לעבן".

אין אַ בריוו צו זיין ברודער (19־טן מערץ, 1882) שרייבט א. האַרקאַווי:

„איך האָב באַשלאָסן צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד און איך פאָר קיין אַמעריקע . . . איך האָף, אַז דאָרט וועל איך געפינען רו און אָפּרו, ווייל אַמעריקע איז אַ געבענטשט לאַנד אין אַלע הינזיכטן . . . איך וועל דאָרט ווערן אַן ערד־אַרבעטער." („יידישע קולטור, נ' 6).

א. האַרקאַווי האָט זיך פאַרדונגען ביי אַ ניט־יידישן פאַרמער אין פאָלינג, ניו־יאָרק. וועגן זיינע ערשטע דערפאַרונגען דאָרט דערציילט ער:

„ווי נאָר איך פלעג זיך דערנעענטערן צו די קי, פלעגן זיי אַנטלויפן. עס האָט געטראָפן, אַז ווען איך בין נאָכגעלאָפן איין קו, איז געקומען אַ צווייטע און איבערגעקערט דאָס שעפל מילך, וואָס כ'האָב אויסגעמאָלקן פון אַן אַנדער קו."

א. האַרקאַווי האַלט, אַז באַזונדערס האָבן געליטן דאָ די אידעאַליסטן,

וואָס זיינען געקומען קיין אַמעריקע מיט גרויסע צילן און אויפגאַבן, נאָר אַז אַ פּאָר אין האַנט. טשיקאַווע איז זיין עפּיזאָד וועגן דעם בוכהענדלער הײמאַן סאַקאָלסקי, וואָס איז געקומען אַהער אין די 60־ער יאָרן. ער האָט אָנגעהויבן זיין טעטיקייט אויף אַן אָריגינעלן אופן. פלעגט אַרומפאָרן איבער די קליינע פּראָווינץ־שטעט און געטראָפן דאָרט ייִדן. האָט ער אויף אַ פורל מיטגענומען מיט זיך אַ ספר־תורה מיט טלית און תפילין און אַזוי אַנשפּאָרן אין די פּאָרוואָרפנסטע שטעטלעך און דערפער. האָט ער אָנגעטראָפן אויף ייִדן, האָט ער פאַר זיי פאַרגעלייענט אַ פּרשה פון דער סדרה (אויך די טעג ווען מען לייענט ניט אין דער תורה) און געגעבן זיי לייגן תפילין. ייִדן האָבן אים פיין אויפגענומען און גוט באַצאָלט.

אויב א. האַרקאַווי האָט געלאָזט נאָך זכרונות, איז אַ גרויסער שאָדן, וואָס זיי זיינען ניט פאַרעפנטלעכט.

דער פאָרשער פון ייִדישן לעבן אין אַמעריקע וועט זיך ניט קאָנען באַגיין אָן י. ד. אייזענשטיינס „אוצר זכרונותי". צו דער מעמואַרן־ליטעראַטור דאַרף מען אויך צורעכענען מאָרים הילקוויטס לעבנס־געשיכטע, וואָס איז איבערזעצט געוואָרן פון ענגליש (אַרויס אין 1935, דורכן ייִדישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד). אין 1940 האָט דער בילדונגס־קאָמיטעט פון אַרבעטער־רינג אַרויסגעגעבן הלל כ״ץ בלומס „זכרונות פון אַ בונדיסט" — בילדער פון אונטערערדישן לעבן אין צאַרן־רוסלאַנד. אין 1937 איז דערשינען „צעבראָכענע גראַטעס" פון מ. אַלגין (פאַרלאַג ייִד־ביוראָ, ניו־יאָרק), אַ בוך (234 זייטן) קינסטלערישע זכרונות פון טורמע־לעבן אין צאַרן־רוסלאַנד. מע קאָן אויך ניט פאַרבייגיין מ. מ. ראָזענבאַומס „דערינערונגען פון אַ סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער" צוויי בענד, דר. זשיטלאָווסקי פאַרלאַג, ניו־יאָרק־וואַרשע, 1924.

אַ צאָל מעמואַרן פון שרייבער און טוער געפינען זיך אויף די פאַרגעלטע שפּאַלטן פון צייטונגען און זשורנאַלן. דאָס איז אַ פאַרלוסט.

אונדזער עולם ווייס היינט ווייניק וועגן רעווערענד צבי הירש מאַסליאַנסקי, וואָס איז אַמאָל געווען איינע פון די פּאָפּולערסטע פיגורן פון דער איסט־סאַיד. אין 1924 זיינען אַרויס אין בוך־פאָרם מאַסליאַנסקיס זכרונות. זיי אַנטפּלעקן פאַר אונדז אַ ווינקל פון ייִדישן היגן לעבן — דאָס רעליגיעזע ווינקל. דאָס פּלאַץ דערלויבט אונדז ניט אָפּצושטעלן זיך מער אויף אָט די זכרונות. עס וועט אָבער זיין גענוג צו ציטירן אַ פּאָר

פּאַראַגראַפן, צו זען, אַז זיי זיינען אַ בייטראַג צו אונדזער מעמואַרן־ליטעראַטור.

„פאַר „עלינו" האָט דער שמש אַ מאָוימדיקן שטאַרקן פּאַטש געגעבן אויף דער בימה מיט זיין לעדערנעם פּאַטשער אויף דעם לעדערנעם האָלבּ־וויינן קישן אויפן שולחן און האָט מיט אַ משונהדיקן קול אויסגעשריען: „קיינער זאָל קיין קדיש ניט זאָגן! יאַרצייט."

איך בין נשתומם געוואָרן פון דעם ווילדן אויסגעשריי און ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָס מיינט. וואָרום זאָל מען ניט זאָגן קיין קדיש? און וואָס פאַרא שייכות האָט דאָס צום יאַרצייט? ווער האָט יאַרצייט? און אויב איינער האָט היינט יאַרצייט, וואָרום זאָל ער ניט זאָגן קיין קדיש?...

אַט די אַלע פראַגעס האָט מיר פאַרענטפערט מיינער אַן אַלטער בכבודיקער לאַנדסמאַן:

דאָס איז אַן אַמעריקאַנער מנהג, וועלכער איז אין קיין לאַנד ניטאָ, וויל דאָס שמעקט מיט אַמעריקאַנער ביזנעס, וועלכע האָבן זיך שטאַרק אַנטוויקלט און אַריינגעדרונגען איבעראַל אין די אַנשטאַלטן, אין אַלע שולן, אין די האָספּיטאַלן און זאָגאַר אויף די „בית־עולמס". אַז איר וועט עלטער ווערן אין אַמעריקע, וועט איר דאָס פאַרשטיין."

ווען מאַסליאַנסקי האָט געשפּרייזט איבער די גאַסן פון דער איסט־סאַיד „האָבן מיך די גרויסע יידישע שילדן ניט צורו געלאָזט. דאָס וואָרט „כשר" אויף די אַלע שפּייזהייזער און אין זייערע קעלערן. און דער טיטול „אַרבעטער־פריינט" איבער אַלע סאַלונעס, שענק־הייזער.

„רבונו של עולם: אַזוי פיל כשרות און אַרבעטער־פריינטשאַפט וויפיל דו האָסט אין ניו־יאָרק, האָסטו ניט אין דער גאַנצער יידישער גלות־וועלט, איבער דעם גאַנצן ערדקוגל." („מאַסליאַנסקים זכרונות", פערציק יאָר לעבן און קעמפן, פאַרלאַג „זרובבל", 1924, ניו־יאָרק.)

צוויי מעמואַרן־ווערק, וואָס זיינען געווען אין זייער צייט זייער פּאָפּולער ביים יידישן עולם אין אַמעריקע, זיינען געשריבן געוואָרן פון ניט קיין פּראָפעסיאָנעלע שרייבער. זיי פאַרמאָגן אַ באַזונדערן חן און אינטערעס.

דאָס זיינען: י. קאָפּעלאָוום „אַמאָל אין אַמעריקע" (1928), זכרונות פון דעם יידישן לעבן אין אַמעריקע אין די יאָרן 1883־1904, און ישראל איסר קאַצאָוויטשס „זעכציק יאָר לעבן", דעראינערונגען אייגענע און אַלגעמיין־יידישע (1919).

י. קאָפּעלאָווס זכרונות זיינען די אינטערעסאַנטערע. ער נעמט אַריין

אויך די יידישע ליטעראַטור און פּרעסע פון אַמעריקע. זיין באַשרייבונג וועגן דוד עדעלשטאַטן האָט אַ וויכטיקע באַדייטונג.

די מערסטע שרייבער האָבן וויי טער פון ניו־יאָרק זיך ניט אַ ריר געטאָן. קאַפּעלאָוו דערציילט אונדז וועגן יידישע טיפּן אין ניי־ענגלאַנד אין די אַכציקער יאָרן, — זאַכן וואָס זיינען אינטערעסאַנט סיי פאַרן קולטור־היסטאָריקער און סיי פאַרן קינסטלער.

„מילא צו אַ פרעמדן גרינעם האָט זיך אַזאַ נפש (אַן אַמעריקאַניזירטער ייד—י.אַ.ר.) אפילו דערקענען ניט געלאָזט. דו רעדסט צו אים יידיש, דייטש, רוסיש, און כאָטש גיב אים אַ קרענק, בראַקט ער נאָר ענגליש און „יאַ טעביע ניע בענדע". פון איינלאַדן צו זיך אין שטוב, געבן אַפּעסן אָדער לאָזן איבערנעכטיקן איז גאָר קיין רייד נישט געווען. און ניט ווילנדיק זיינען אַרויפגעקומען אויפן זינען אונדזערע היימישע ישובניקעס מיט זייער ברייטהאַרציקייט און זייער הכנסת אורחים. סטייטש, סטייטש, האָב איך זיך געוואונדערט, דאָס זיינען דאָך אַלץ די זעלביקע יידן פון סואוואלק, קאַלוואַרי, וכדומה. וואָס איז געוואָרן פון זיי?"

דער נאָר־וואָס דערמאָנטער באַנד איז דער צווייטער פון י. קאַפּעלאָווס דריי בענדער זכרונות. דער ערשטער באַנד הייסט „אַמאָליקע יאָרן" (איבערלעבונגען פון אַ יידיש יינגל פון דער אַלטער היים), פאַרלאַג „מתנות", 1931, ניו־יאָרק, אילוסטרירט פון טאָדרעס געלער.

דער דריטער, לעצטער, באַנד איז „אַמאָל און שפּעטער" — די לעצטע יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט ביז די צוואַנציקסטע יאָרן פון היינטיקן יאָרהונדערט אין אַמעריקע. פאַרלאַג „אַלטניי", ווילנע, 1932. אַט דער באַנד איז אַן אוצר פאַרן קולטור־היסטאָריקער פון אַמעריקע. אין אים געפינט מען מאַטעריאַל, וואָס איז ניט בנמצא ביי קיין איין אַנדערן יידישן שרייבער, סיי וועגן דער אַמעריקאַנער סביבה, סיי וועגן דעם יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן. למשל, קאַפּעלאָווס דערציילן וועגן דער גרינדונג פון דער יידיש־וועלטלעכער שול אין אַמעריקע איז פון באַזונדערן ווערט. אַזוי איז אויך זיין איבערגעבן וועגן דער ווירקונג פון דר. זשיטלאָווסקין אויף דער היגער יידישער אינטעליגענץ און אויף דער יוגנט.

צו קאַצאָוויטשעס אויטאָביאָגראַפיע האָט דוד פּינסקי אָנגעשריבן אַ פאָרוואָרט, אין וועלכן ער זאָגט:

„אמתע זכרונות, אַלץ איבערלעבונגען, איבערלעבונגען . . . איינפאַך, פשוט, מיט דער נאַאיוויטעט פון אַ ריינעם געמיט. אָבער דערפאַר ניט

וויניקער אינטערעסאַנט. דער עיקר דורך זיין פּרט זעען מיר שטענדיק דעם כלל. אין אַלע זיינע איבערלעבונגען געדענקען מיר, אַז דאָס איז נישט בלויז זיין לעבן.״

דריי מאָל איז קאַצאָוויטש געווען אין אַמעריקע. עס האָט אים אַלץ געצויגן צוריק קיין רוסלאַנד, הגם ער איז געווען איינער פון דער „עם־עולם״־גרופּע. זיין לעבן דאָ איז געווען טיפּיש פאַר טויזנטער יידישע פאַמיליעס. — דאגת־פּרנסה איז געווען די אַקס, אַרום וועלכער עס דרייען זיך זיינע זכרונות. ווי אַ סך יידישע אינטעליגענטן אָדער געזעלשאַפט־לעבע טוער, האָט ער געמיינט, אַז ער קאָן ווערן אַ יידישער פאַרמער. ער באַשרייבט אויסגעצייכנט זיין פאַרמער־לעבן. אויב פון אַ פאַרם האָט זיך גאָרניט אויסגעלאָזט, האָט ער אָבער דערפאַר דערוואָרבן פּראַקטישן און טעאָרעטישן וויסן וועגן דעם ענין און ער איז מיט דער צייט געוואָרן אַ מיטרעדאַקטאָר פון „יידישן פאַרמער״.

קאַצאָוויטשעס זכרונות נעמען אַרום די יאָרן 1859־1910. מער ווי אַ העלפט פון בוך איז געווידמעט זיין לעבן אין רוסלאַנד.

ז

פּרץ הירשביינס זכרונות, געדרוקט איין מאָל אַ וואָך אין „טאָג״, שטייען אויף דער הויכער קינסטלערישער מדרגה, ווי אַלע זיינע שריפטן. די לעצטע קאַפּיטלען פאַרנעמען זיך שוין מיט אַמעריקע. זיי זיינען פאַר אונדז אַן אַפּפרישונג שוין דערפאַר, וואָס הירשביין איז ניט געווען איינער פון די „אַכציקער״ אָדער „ניינציקער״. ער איז געקומען קיין אַמעריקע אויפן גרייטן, אַזוי צו זאָגן, אין יאָר 1911, ווען דאָ זיינען שוין אַרויסגעגאַנגען פיר טעגלעכע צייטונגען. ער דאַרף שוין קיין געשיכטע ניט שרייבן. ער איז דער חשובסטער גאַסט, וואָס ווערט אין זיינע ליטעראַרישע און דראַמאַטישע קרייזן אויפגענומען מיט כבוד און ליבשאַפט. הירשביין איז געקומען ווי אַ שרייבער צו שרייבער, ווי אַ דראַמאַטורג צום טעאַטער־קרייז. פאַר אונדז שטעלט ער שוין פאָר דוד פּינסקין, אברהם רייזענען, יהואשן, יעקב פּ. אַדלערן, באָריס טאָמאַשעווסקין, דוד קעסלערן און יואל ענטינען.

„די דראַמאַטישע פּאַראַיינען האָבן מיך באַגעגנט ווי אַן אייגענעם. זיי האָבן שוין מיט אַ פּאָר יאָר פריער געשפּילט געוויסע פּיעסעס מיינע. גרעסערע פּיעסעס און איינאַקטערס . . .״

הירשביינס זכרונות זיינען שטימונגספול. ווי אַ קינסטלער כאַפּט ער אויף אין אַ פּאָר שטריכן געשטאַלטן, וואָס פאַרקריצן זיך אין זכרון:

„שטאַרק צעוואָרימט האָט מיך יענעם אויפדערנאַכט דאָס געשטאַלט פון אליקום צונזער. אַזוי אומגעריכט איז ער מיר אויסגעוואַקסן פאַר די אויגן. אין רוסלאַנד, וואו ער האָט אויך געהייסן אליקם בדחן, איז ער שוין יעמאָלט געווען אַ שטיק לעגענדע און ניט מער. מע האָט געזונגען זיינע לידער און זיין „אין דער סאָכע ליגט די מזל ברכה״. אָבער וואו ער איז, וואוהין איז ער פאַרפאַלן? דאָס האָבן מיר אין יענע יונגע טעג ניט גע־וואוסט. און מיטאַמאָל האַלט אליקום צונזער מיין האַנט, קוקט מיר אין פּנים אַריין, שמייכלט אַזוי גוט, און זאָגט:

— גוט וואָס ייִנגערע שרייבער קומען אַהער אַריבער. מע דאַרף האָבן יונגע מענטשן . . .״

אויך מרדכי דאַנצים דרוקט זכרונות פון „מיין שטעטל איסט־בראָד־וויי״. ער דערציילט וועגן דעם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן מיט 35 יאָר צוריק, עפּיזאָדן וועגן יידישע שרייבער, אַ סך פון די עפּיזאָדן זיינען טשיקאַווע, די אַמאָליקע איסט־סאַיד לעבט פאַר אונדז ווידער אויף.

וועגן עלנטן אימיגראַנט דערציילט ער, אַז —

„ער האָט זיך געטוליעט צו לאַנדסלייט. ער האָט ניט פאַרפעלט קיין „מיטינג״ פון זיין פאַראיין, ווייל קומענדיק אַהין איז ער אויף אַ ווייל אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין דעם היימישן שטעטל.

„און אַט דער עלנטער מענטש האָט אויך געהאַט אַ פּלאַץ, וואו ער פלעגט קומען, כדי צו פאַרטרייבן זיין עלנט און בענקען. דער פּלאַץ איז געווען די באַנק, וואו ער האָט אָפּגעשפּאָרט יעדע וואָך פון זיינע פאַר־דינסטן . . . זיינען די באַנקען פון דער אַמאָליקער איסט־סאַיד געווען עפּעס מער ווי פינאַנס־אינסטיטוציעס . . . זיי זיינען געווען צענטערן, וואו דאָס לעבן פון טויזנטער אימיגראַנטן האָט זיך קאָנצענטרירט.״

ווי ס׳איז צו זען פון די דערמאָנטע ווערק, האָבן זיך כמעט אַלע שרייבער פאַרנומען מערסטנס מיט זייערע גרינע יאָרן. די גרויסע אַמע־ריקע האָבן זיי פּאַקטיש ווייניק באַשריבן. אָדער די איסט־סאַיד איז גע־בליבן זייער שטעטל, אָדער זיי זיינען נאָך ניט צוגעקומען אין זייערע זכרונות צו דער אמתער אַמעריקע. געווים זיינען פאַראַן שרייבער, וואָס האָבן אָפּגעלעבט דאָ אין לאַנד אַ פערציק יאָר און די אמתע אַמעריקע ניט געזען און זי ניט דערפילט. ווי עס איז אויך אָפט דער פאַל מיט אונדזער

היגער ליטעראַטור. דאַרפֿן מיר האָבן געדולד און צוװאַרטן ביז די מע־מואַרן־שרײַבער װעלן אונדז געבן זײערע איבערלעבונגען װי אײַנגע־װאָרצלטע אויפֿן היגן באָדן.

איך װיל זיך דאָ אָפּשטעלן אויף נאָך אַ װערק, װאָס האָט צו טאָן מיט אונדזער טעמע. דאָס איז אַלגינס בוך „אַמעריקע", װאָס איז אַרויס צו זײַן צװײטן יאָרצײַט, סעפּטעמבער 1941. די ערשטע העלפֿט פֿון בוך איז זײַן אויטאָביאָגראַפֿיע, די צװײטע העלפֿט באַשטײט פֿון אײַנדרוקן, עסקיזן און באַשרײַבונגען װעגן אַמעריקע, אין אַ געװיסן זין — אויך מעמואַרן. אונדז אינטערעסירט אָבער אין איצטיקן מאָמענט דער ערשטער טײל פֿון בוך. געשריבן איז דאָס געװאָרן אין ענגליש, אויפֿן אויפֿטראָג פֿון אַן ענגלישן פֿאַרלאַג. איבערזעצט האָט אים אויף יידיש נ. בוכװאַלד, װעמען ס'איז געלונגען אָנצוהאַלטן אַלגינס ייִדישן סטיל און חן.

אַלגינס מעמואַרן הייבן זיך אָן מיט זײַן אָנקומען קיין אַמעריקע אין 1914 און זיי װערן דערפֿירט צום מאָמענט, װען ער האָט גענומען גרייטן זײַן דיסערטאַציע פֿאַרן דאָקטאָר־טיטול בײַם פּאַרענדיקן קאָלאָמ־ביאַ אין 1918.

אַלגין איז געקומען קיין אַמעריקע װי אַ גרױס־שטאָטישער, װי אַ קאָסמאָפּאָליט. ער איז אויך געקומען אַהער מיט אַ פּאָפּולערן נאָמען און ער איז אויפֿגענומען געװאָרן פֿון די יידישע מאַסן װי אַ באַליבטער פֿירער. זײַנע דעראײַנערונגען, געשריבן פֿאַר אַמעריקאַנער, זײַנען דערפֿאַר דורך און דורך אַמעריקאַניש. ער באַקענט זיך גלײַך מיט דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור, ער דערפֿילט די קאָנטראַסטן און שטעלט זיך אַליין, און אַנ־דערע, אַ סך פֿראַגעס און זוכט אַן ענטפֿער אויף זיי.

מ. אַלגין װידמעט אַ סך אָרט דער סאָציאַליסטישער באַװעגונג און מיט זײַן שאַרפֿן אַנאַליטישן מוח קלײַבט ער זיך גלײַך פֿאַנאַנדער אין די חילוקים פֿון דער באַװעגונג.

אַלגין איז דער ערשטער פֿון די מעמואַרן־שרײַבער אין דער יידישער אַמעריקע, װאָס זעט אַמעריקע, װאָס טאַפּטשעט זיך ניט אויף דער איסט־סאַיד. ער שרײַבט װעגן נעגער, װעגן שטאָל־אַרבעטער, װעגן די פֿאָרד־פֿאַבריקן, װעגן דער אַמעריקאַנער לאַנדשאַפֿט.

„איך האָב געלערנט אַ סך װעגן אַמעריקע. איך האָב זיך צוגעװאוינט צו דער אַמעריקאַנער סביבה. אַ סך שטריכן פֿון אַמעריקאַנער לעבן זײַנען

מיר שטאַרק געפעלן. ווענן אַ סך אַמעריקאַנער דערגרייכונגען בין איך געוואָרן באַגייסטערט. איך האָב איצט געקאָנט שפּאַנען אויף דעם אַמע־ריקאַנער באָדן מיט מער זיכערקייט און מיט גרעסערע האָפענונגען, ווי צום אָנהייב. איך בין באַרייכערט געוואָרן אין דעם סאַמע פּראָצעס פון פּרואוון איינזאַפּן און פאַראייגענען דאָס לעבן פון אַ ניי לאַנד.״

די מעמואַרן־פאָרם איז לעצטע יאָרן געוואָרן איינע פון די פּאָפּו־לערסטע אין דער אַמעריקאַנישער ליטעראַטור. עס מערקט זיך אויך אַ שטאַרקער אינטערעס פון יידישן לייענער פאַר אַזאַ ליטעראַטור. מיר האָבן אַ צאָל וויכטיקע ווערק פון דעם דאָזיקן מין ליטעראַטור, דאָך פעלן אונדז נאָך ווערק, וואָס זאָלן אָפּשפּיגלען אַמעריקע פון אַלע זייטן.

פאַרן ראָמאַניסט, דיכטער, דערציילער און היסטאָריקער זיינען די מעמואַרן־ווערק זייער וויכטיק. אונדזער היגער לעבן איז נאָך יונג, נאָר דאָך פאַרשווינדן שוין, אַ דאַנק די גרויסע צייט־ענדערונגען, שטיקער געשעענישן פון דעם היגן לעבן. דער מעמואַרן־שרייבער פרישט עס אָפּ פאַר אונדז מיט זיין זכרון.

ח

אונדזער שרייבער איז, ווייזט אויס, נאָך נישט גרייט צו באַהאַנדלען ברייט און טיף די טעמע אַמעריקע. ער האָט נאָך נישט די אָנגע־זאַמלטע דערפאַרונג וועגן אַמעריקע.

עס געפינען זיך אָבער אַ סך פּשוטע פאָלקס־מענטשן, ניט קיין פּראָ־פעסיאָנעלע שרייבער, וואָס האָבן דאָ פיל מיטגעמאַכט, וואָס האָבן איבער־געלעבט געשעענישן, וואָס דער שרייבער איז נאָך דערווייל צו זיי ניט צוגעקומען.

דער סאָרט פאָלקס־מענטש דאַרף ברענגען זיינע דערפאַרונגען און איבערלעבונגען דער ליטעראַטור.

עס איז שוין צייט מיר זאָלן זיך אַ נעם טאָן צום אַמעריקאַנער יידישן פאָלקלאָר אין אַלע זיינע פאָרמען, סיי דעם מינדלעכן, סיי דעם שריפטלעכן.

מיט דער הילף פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג איז אַ גרופּע יידישע אַרבעטסלאָזע שרייבער געלונגען, אין 1938, צו שאַפן דאָס „לאַנדסמאַנ־שאַפט בוך״, וואָס האָט אין זיך אַן אָפּטייל פון זכרונות פון יידישע

אימיגראנטן וועגן זייער היימשטאָט און אויך איינדרוקן פון זייער נייער היים. אָט דער מאַטעריאַל איז אַ רייכער קוואַל פאַרן פאָלקלאָריסט.

טויזנטער סואווענירזשורנאַלן, טויזנטער קאָנסטיטוציע - ביכלעך האָבן די לאַנדסמאַנשאַפטן אַרויסגעגעבן אין משך פון די זעכציק יאָר פון זייער עקזיסטירן. עס איז קיינעם ניט איינגעפאַלן צו זאַמלען די פאָלקס־אויסגאַבן, צו שטודירן זייער שפּראַך און רעדנסאַרטן, צו לייענען זייערע זכרונות. וואָס פאַר אַ פּרעכטיקער מאַטעריאַל איז דאָרט פאַרגראָבן!

די שרייבער־גרופּע פון „לאַנדסמאַנשאַפט בוך" האָט די דאָזיקע ביכלעך אַרויסגעשלעפּט פון קעלער פון אַן „אנשי־שול", אָפּט צעגריזשעטע פון מייז. די עטלעכע הונדערט ביכלעך, וואָס זיינען צונויפגעקליבן געוואָרן, האָבן מיר אָוועקגעגעבן דער שטאָט־ביבליאָטעק, וואו זיי געפינען זיך ביזן היינטיקן טאָג.

אין „לאַנדסמאַנשאַפט בוך" האָבן מיר אָפּגעדרוקט מוסטערן פון דער לאַנדסמאַנשאַפט־ליטעראַטור. קיין סך פּלאַץ האָבן מיר ניט געהאַט. די פערציק מוסטערן, וואָס געפינען זיך דאָרט, זיינען פון מיר אויסגעקליבן געוואָרן. איך האָב אויך צוזאַמענגעשטעלט די אַנטאָלאָגיע פון דער לאַנדסמאַנשאַפט־פּאָעזיע, וואָס איז אַן ענין פאַר זיך.

די מוסטערן פון די סואווענירזשורנאַלן ווייזן אונדז, אַז זיי זיינען ניט דורכגעגאַנגען קיין רעדאַקציע. ווען דער פּרעזידענט פון דער סאָסייעטי האָט אַריינגעגעבן אַ באַשרייבונג אין סואוועניר, איז דאָס אַריין מיט זיין „עברי" און אין זיין נוסח. אין זעלבן זשורנאַל קאָן מען געפינען כל־ערליי אויסלייגעכצן — און קיין איינע ניט גראַמאַטיקאַליש.

אונדז אינטערעסירן די זכרונות פון די שרייבער, וואָס זיינען עכטע פאָלקס־מענטשן און האָבן אַ געזעלשאַפטלעכן חוש און אַ פאַראַנטוואָרט־לעכקייט פאַרן כלל. וועט זיין אין פּלאַץ צו לאָזן די סאָסייעטי־מענטשן אַליין רעדן וועגן זייערע ערשטע יאָרן אין לאַנד; וועט אויך זיין ניט אויסער פּלאַץ צו געבן אַ פּאָר מוסטערן פון רעדנסאַרטן פאַרן פאָלק־לאָריסט.

איך וועל אָנהייבן מיט אַ באַריכט פון אַ סאָסייעטי פּרעזידענט, אַרויסגענומען פון אינדעפּענדענט פוירסט פּילאָווער קראַנקן אונטער־שטיצונג פאַראיין, פון יאָר 1931.

עס שרייבט משה שאַץ, דער פּרעזידענט:

„עס איז יעצט דאס 17־טע מאל, וואס איר האט מיר ערוויילט דאס איך זאל זיין אייער פרעזידענט. אונטער די צייט האבן מיר געפייערט א 10־יעריקן יבילייאום. און ביי אלע יובילייאומס האט איר מיר צוגע־טיילט דעם כבוד און איר האט מיר ערוויילט צו זיין אייער פרעזידענט. און יעצט, ווען מיר האבן דערלעבט צו פייערן דעם 25־יעריקן יובילייאום און איר האט מיר ווידער דערוויילט צו זיין אייער פרעזידענט. דאס וועט שוין זיין אן אנדענקונג פאר מיינע קינדער אויף זייער גאנץ לעבן. ווען די צייט וועט קומען און איך וועל שוין מיט אייך ניט זיין און ווען עס וועט אויסקומען צו פייערן א יובילייאום וועלן מיינע קינדער דאן מיט שטאלץ זאגן, אז ביז יעצט, ווען עס איז געפייערט געווארן א יובילייאום, האט מען דעם כבוד נישט געגעבן נאר מיין פאטער. און מיט גרויס פרייד באגרים איך אייך און ווינטש אייך מזל־טוב און זאג אייך אלע א הערצ־לעכן ווילקאמען."

אין 25־יאריקן יובילי זשורנאל פון דער שידלאווצער בענעוואלענט סאסייעטי, 1934, געפינט מען פאלגנדיקעס:

„איך האב אפגעלעבט אין דעם קליינעם שטעטל שידלאווצע כמעט אלע מיינע יארן. גאט האט מיר געהאלפן און מיין גוטער זון צמח האט מיר נאך אמעריקע געבראכט, איבערגעלאזט דארט מיין טייערן מאן, זכרונו לברכה, אויף דעם הייליקן ארט אונטער דעם פרייען הימל. נו, מן הסתם איז דאס געווען גאטס ווילן.

„איך פריי מיך, וואס איך האב די זכיה געהאט צו דערלעבן די פייערונג פון דעם 25־יעריקן זילבערנעם יובילייאום פון די שידלאווצער סאסייעטי. עס איז מיר אויך א גרויסער כבוד, וואס מיין ליבער גוטער זון צמח איז איינער פון די עקס־פרעזידענטן פון דער סאסייעטי.

יעצט, זאל די ברכה פון א 78־יעריקע שידלאווצער אידישע טאכטער מקוים ווערן, דאס איר זאלט דערלעבן צו פייערן אייער גאלדענעם יובי־לייאום.

רייטשעל קופער, די מוטער פון עקס־פרעזידענט קופער."

איבער דער „ברכה" שיינט אראפ א פאטאגראפיש בילד פון דער מוטער, א פנים וואס מע קאן ניט פארגעסן.

שרייבט דער פארשטארבענער וויליאם באקסט (וועלפקע רחל מירלס) אין 45־יאריקן יובילי־זשורנאל, פון די אשמאנער, 1937:

„איך וואלט געקענט אנשרייבן א גאנצן בוך מיט עפיזאדן פון די ערשטע יארן פון פאראיין . . . דער פאראיין האט אפגעשאפט די היימישע יחסנות, די וואס זיינען געבוירן געווארן אויפן זאסטשעניק הינטערן באד, זיינען געווארן גלייך ווי די וועלכע האבן זיך ערצויגן אין זופראנער גאס, און דורכגעגאנגען די אויעזדנע אוטשילישטשע, דער שניידער אדער

שוסטער אינגל איז געווען אין פאראיין אזוי חשוב ווי דער היימישער זיידענער יונגערמאנטשיק . . . די ערשטע יארן אין דעם לעבן פון פאראיין זיינען פאר אונז געווען די גליקלעכסטע יארן. און קיינער פון אונזערע איצטיקע זקנים און אמאליקע יונגע ייִנגלעך וועלן עס קיינמאל ניט פארגעסן."

עס זיינען דערשינען א צאל פנקסים און זאמלביכער פון לאנדסמאנשאפטן, חברות און סאסייעטיס, אין וועלכע ס'איז פאראן ווערטפולער מעמוארן־מאטעריאל. כ'וועל דא, פארבייגייענדיק, אויסרעכענען עטלעכע: „ווילנע", „פעלשטין", „טויזנט יאר פינסק", ביאליסטאקער אויסגאבעם (א מאסע מאטעריאל), אויסגאבע פון פוילישן פארבאנד, „לאדזשער אלמאנאך", יובילייִ פון טשארטקאווער שפירא פאראיין און א צאל אויסגאבעס פון די פאמיליען־קרייזן.

עס ליגן באהאלטן אוצרות אין די זשורנאלן. עס געפינען זיך אוצרות פון מעמוארן ביים פאלק. מיר ווערן עלטער. דעם יונגען דור איז אינגאנצן פרעמד וואס דער אלטער דור האט איבערגעלעבט. אפט קאן מען זיך אפילו מער ניט צוזאמענרעדן, מע פארשטייט זיך מער ניט. ס'איז א בבל פון קולטורן און געדאנקען־גאנגען.

עס וואלט, גלויב איך, כדאי געווען זיך צו פארטראכטן ערנסט וועגן דעם ענין מעמוארן אין אונדזער היגער ליטעראטור. דערמוטיקן דאס שרייבן, מיטהעלפן ארויסצוגעבן פארטיק־געווארענע זכרונות, העלפן זיי פארשפרייטן.

און די זכרונות, וואס געפינען זיך אין פאלקס־מויל — זיי דארף מען וואס־גיכער פארנאטירן און ארויסבאקומען. טאן קאן מען דאס דורך די לאנדסמאנשאפטן, דורך די מושב־זקנימס, דורך אייגענע קאנטאקטן מיט ארבעטער אין די שעפער, דורך א דורכאויס פאראנטווארטלעכער באציאונג צום גאנצן ענין.

זאל צוגעגרייט ווערן א זאמלונג פון פאלקלאר, א זאמלונג פון זכרונות מיט די נעמען און קורצע לעבנס־געשיכטעס פון די, וואס האבן דערציילט. זאל מען זיך אויך א נעם טאן אויפזוכן די סואווועניר־זשורנאלן פון די פארשיידענע פאראיינען און חברות.

א חשובער שרייבער האט מיר ניט לאנג צוריק דערציילט, אז זיין פארמעגלעכער זון האט זיך צו אים געווענדט מיט דער בקשה, אז ער זאל

אויפגעבן זיין רעדאקציע־ארבעט און זיך אוועקזעצן שרייבן זיינע זכרונות. דער זון האט געזאגט:

— אפגעלעבט א לעבן מיר דיר, טאטע, און איך קען דיך ניט. איך וועל דיר צאלן וואס די רעדאקציע צאלט דיר און שרייב דיין לעבנס־געשיכטע. איך וויל זיך באקענען מיט דיר, טאטע.

אויך מיר ווילן זיך באקענען מיטן יידישן לעבן אין אמעריקע, פון דער ערשטער האנט.

דער נעגער

אין אונדזער ליטעראטור

א

צווישן די פיל פעלקערשאפטן ביי אונדז אין לאנד פארנעמט קיינער ניט אזא רעלאטיוו אנגעזעענעם ארט אין דער יידישער ליטעראטור ווי דער נעגער. לעבן מיר דאך אין א צאל שטעט אין שכנות מיט אונ־דזערע אמאליקע לאנדסלייט — פאלאקן, אוקראאינער, רוסן, רומענער, דייטשן — דאך געפינען מיר א קנאפע אפשפיגלונג פון זייער לעבן אין דער היגער יידישער ליטעראטור. אפילו דער אמעריקאנער יענקי פאר־נעמט נאך דערוויל ניט קיין סך פלאץ אין אונדזער דערציילונג, ליד אדער ראמאן.

אנדערש איז דאס דער פאל מיטן נעגער. עס איז כאראקטעריסטיש פאר דער דיכטונג, אז כמעט אין יעדער לידער־זאמלונג פון עלטערן און יינגערן דיכטער איז פאראן א ליד וועגן נעגער און זיין מערכה. נאר ניט בלויז אין דער פאעזיע אליין. אונדזערע פראזאאיקער האבן אים אויך געשאנקען א סך אויפמערקזאמקייט. און ניט אומזיסט.

אט דאס ווידמען זיך צו א ניי ווינקל אין דער ליטעראטור איז נאכאמאל א בולטער באווייז, אז דער יידישער בעלעטריסט איז ניט א סאציאל, אז די געשעענישן ארום לאזן אפט איבער א טיפן חותם אויף זיין קינסטלערישער פערזענלעכקייט.

טאקע דערפאר וואס דער נעגער איז דער געפייניקטסטער פון אלע פעלקער־גרופן ביי אונדז אין לאנד, רופט ער ארוים ניט בלויז סימפאטיע צו זיך ביים יידישן שרייבער, נאר אויך נאענטע אויפמערקזאמקייט מצד דער יידישער ליטעראטור. עס איז ניט בלויז די אנדערשקייט פון קאליר און אויסזען, ניט בלויז די מחיצה, וואס עקזיסטירט דא צווישן ווייס און שווארץ, נאר גראד די אחים־לצרה קרובהשאפט, די פארפאלגונגען וואס דער ייד איז פון דורות אן אויסגעשטאנען, די דיסקרימינאציעס,

וואס אים קומט אויס צו לײדן אומעטום אין דער פרײער און דעמאקראַ־טישער אַמעריקע מצד געװיסע שיכטן פון דער באַפעלקערונג — דאָס אַלץ און נאָך מער (אינערלעכע װאַרימקייט פאַרן לײדנדיקן בכלל) ברענגט אַרײן דעם נעגער אויף די זײטן פון ייִדישן בוך.

אינטערעסאַנט איז, אַז די קינסטלערישע באַהאַנדלונג איז אָפּהענ־גיק אין טעמפּעראַמענט פון יעדן שרײבער גופא. י. י. שװאַרץ גײט צו צום נעגער אײנגאַנצן אַנדערש װי ה. לײװיק, יהואש אונטערשײדט זיך אינגאַנצן פון מ. ל. האַלפּערינען. יעדער אײנער האָט געגעבן זיך אין זײן שאַפונג װעגן נעגער.

ניט נאָר דער אַמעריקאַנער ייִדישער שרײבער האָט זיך גענומען צו דער טעמע. אין װאַרשע האָב איך, אין 1935, בײגעװאױנט אַ פּראַכט־פולע אױפֿפירונג (אונטער דער דירעקציע פון מ. װײכערט, דעם פון די נאַצים דערמאָרדעטן טעאַטער־קענער) פון ל. מלאכ׳ס „מיסיסיפּי״, אַ דראַמאַטיזירונג פון דער סקאַטסבאָראָ־טראַגעדיע. ניט אין אַמעריקע איז די פּיעסע געשטעלט געװאָרן, נאָר אין פּױלן. און דער מחבר אירער איז געװען פון אַרגענטינע.

אין 1936 איז אַרויס זישע באַגישם ביכל לידער „דאָס געזאַנג פון נעגער־פאָלק״, איבערדיכטונגען. געדרוקט איז דאָס ביכל געװאָרן אין רומעניע און אַרויסגעגעבן האָט עס דער מ. צעשינסקי פאַרלאַג אין שי־קאַגאָ. דער ערשטער טײל באַשטײט פון פּערצן לידער פון לענגסטאָן היוז מיט פאָלגנדיקער באַמערקונג: „די איבערדיכטונגען, װאָס קומען אַרײן אין דער דאָזיקער אָפּטײלונג זײנען געמאַכט געװאָרן מיט דער ספּעציעלער דערלויבעניש פון נעגער־פּאָעט לענגסטאָן היוז.״

איך װײס ניט, צי באַגיש האָט געקענט ענגליש. נאָר דער דיכטער האָט זיך מסתם געמוזט װאונדערן, װאָס פון דער װײטער רומעניע װענדט זיך צו אים אַ ייִדישער שרײבער פאַר אַ דערלויבעניש.

די אָפּטײלונג עפנט זיך מיט אַ קורצער ביאָגראַפיע פון נעגער־פּאָעט. אין דעם צװײטן טײל גײען אַרײן נײן פאָלקס־לידער, װי „דזשאָן הענרי״, „בעלינדאַ און דזשאָו״.

דאָס נעגער־פּראָבלעם איז ניט קײן ספּעציפיש אַמעריקאַנער פּראָב־לעם, הגם עס קאָן זיך אױסערלעך אַזױ אױסװײזן. די פראַגע פון מענטשן־גלײכהײט און ראַסן־ און פעלקער־גלײכהײט איז אַ װעלט־פּראָב־

לעם. אויב איר ווילט איז זי איינע פון די הויפּט־סיבות פון דער איצטי־קער גרויזאַמער וועלט־מלחמה. אַזוי לאַנג ווי דער נעגער וועט ניט באַהאַנדלט ווערן ווי אַ גלייכער מיט אַלע גלייכע, אַזוי לאַנג וועט די שווערד פון פאַרפאָלגונג הענגען איבער די קעפּ פון אַלע מינאָריטעטן, פון ייד און ניט־ייד צוגלייך. מיטן אויסראָטן פון דער היטלער־טעאָריע פון „הערן־פאָלק״, מוז מען גלייכצייטיק אויך אויסראָטן די פאַרשימלטע טעאָריעס פון די צוריקגעשטאַנענע און ניט־דעמאָקראַטישע ווייסע דזשענטליייט פון אונדזער סאַוט. און אויך זייער שעדלעכן איינפלוס אויף די איבעריקע טיילן פון לאַנד, אַריינגערעכנט דעם זעלבן איינפלוס אויף אַ קליינער צאָל יידן, געבוירענע און דערצויגענע אין דער סאַוט.

אין אונדזער היגער ליטעראַטור האָט דער שרייבער געפּרואווט אָפּ־שפּיגלען דאָס נעגער־פּראָבלעם, נאָר זיין צוגאַנג צו אים איז ניט שטענדיק געווען דערפרייענדיק, הגם זיינע כוונות זיינען תמיד געווען גוט־מיי־נענדיקע.

ווי אַזוי דער שרייבער אַליין קומט אַרויס פון אַט דעם פּרואוו, וועט דאָ ווייטער אילוסטרירט ווערן.

ב

פון די יידישע פּראָזאַאיקער האָט י. אָפּאַטאָשו צום בולטסטן אַרויס־געבראַכט אויף אַ קינסטלערישן אופן די שווידערלעכע לאַגע פון נעגער ביי אונדז אין לאַנד. דער פינפטער באַנד פון זיינע געזאַמלטע דערציילונגען הייסט „לינטשעריי״. אויך ברוך גלאַזמאַן, וואָס באַלאַנגט צווישן די אַמעריקאַנישסטע דערציילער, האָט זיינעם אַ באַנד דערציי־לונגען אַ נאָמען געגעבן „אויף די פעלדער פון דזשאָרדזשיאַ״. נאָר אַ סך פריער, נאָך אין 1909, געפינען מיר אין דוד עדעלשטאַטס „שריפטן״ די דערציילונג „די אונדאַנקבאַרע נעגערין״. ווי אַלע זיינע דערציילונגען, איז אויך די זאַך שטאַרק סענטימענטאַל. די האַנדלונג קומט פאָר גלייך נאָכן בירגערקריג. דער פּלאַנטאַטאָר דזשעימס אַרמסטראָנג, וואָס איז געווען אַן אַבאָליציאָניסט, באַפרייט זיינע שוואַרצע שקלאַפן, מיטן אויס־נאַם פון זיין קינדס ניאַנקע מעגי. דעם קינדס מאַמע איז געשטאָרבן און מעגי איז צוגעבונדן צו זיין אויפּאַסעריין, ווי צו אַ מוטער. מעגי פילט

זיך אָבער אומגליקלעך. זי זעט ווי אַלע פון איר אָפּשטאַם זײַנען אַוועק, אין דער ברייטער פרייער וועלט. קומט זי צו איר באַלעבאָס און בעט זיך ביי אים: „לאָז מיך אויך פריי!" ער דערקלערט איר אָבער, אַז טשאַרלי זיין קינד קאָן אָן איר ניט לעבן. דאָך באַפרייט ער זי, נאָכדעם ווי ער באַשולדיקט איר אין אומדאַנקבאַרקייט. דאָס קינד גייט אויס פון בענקשאַפט נאָך דער דינסט. דער דאָקטאָר הייסט זי געפינען. דאָס קינד שטאַרבט. „ס'איז צען אוהר ביינאַכט. דער פאָטער זיצט אַליין לעבן ארון פון זיין געליבטן קינד." דאַן עפנט זיך מיטאַמאָל די טיר און מעגי לויפט אַריין און פאַלט אויף די קני פאַרן אָרון. זי גייט זיך פאַנאַנדער אין אַ האַרצרייסנדיק געזאַנג, וואָס דריקט מיט זיך אויס די ליידן פון איר ראַסע אין קאַמף פאַר פרייהייט. דאַן ווערט אַלץ שטיל. אַרמסטראָנג גייט צו צו מעגין און ער דערזעט, אַז די אומדאַנקבאַרע נעגערין איז געווען טויט.

אין דער נאַאיווער מעלאָדראַמאַטישער זאַך האָט עדעלשטאַט געוואָלט אַרויסברענגען דעם אינערלעכן געראַנגל, וואָס איז אָנגעגאַנגען אין דער נעגערינס האַרץ, וואָס איז געווען צוגעבונדן פון ליבע צום קינד, נאָר וואָס האָט מער אַז דער פרייהייט ניט געקאָנט לעבן. אפשר איז זי אויך אויסגעגאַנגען פון בענקעניש נאָכן פרעמדן קינד, וואָס איז איר געווען אייגן? אפשר איז די נייע פרייהייט, צו וועלכער זי האָט געשטרעבט, ניט געווען גרייט זי אויפצונעמען?

דוד עדעלשטאַטס פּרוּוו צו פאַרטראַכטן זיך אין דער לאַגע פון נעגער גלייך נאָכן בירגערקריג איז ניט געווען באַזירט אויף די אַקטואַליטעטן, נאָר אויף סענטימענטן. ווען מיר נעמען אין באַטראַכט, אַז עדעלשטאַט איז געשטאָרבן אין דעם אָנהייב פון זיין שריפטשטעלערישער קאַריערע, דאַן קאָן מען קומען צום באַשלוס, אַז וואָלט ער געלעבט, וואָלט די נעגער־טעמע פאַרנומען מער פּלאַץ אין זיין מוח און האַרץ.

יוסף אָפּאַטאָשוס ניכטערע, דורכבויערנדיקער אַריינדרינג אין זיינע סוזשעטן, זיין שטרעבן צום אמת און זיין זיכערע כירורגישע האַנט האָט געשאַפן איינע פון די בעסטע דערציילונגען אין דער יידישער שפּראַך, די דערציילונג „לינטשעריי".

אַ ווייסער פאַרפירט דעם נעגערס 14־יעריקע שוועסטער. איר ברודער בוקערט נעמט נקמה. דאַן הייבט זיך אָן די לינטשינג וואַקכאַנאַליע נאָך

אים. מיר זעען פאר זיך דעם מאַב, אַט אַזוי ווי ער איז אין דער אמתן. דער שעריף פּרואַווט מילער זיך איינשטעלן פאַרן געזעץ. אַ יענקי פּרואַווט אַפּעלירן, נאָר דאָס חיהשע בלוט פון המון איז פאַרשיכּורט. אויך אַ ייד געפינט זיך צווישן די לינטשערס. דער הי־געבוירענער זון פון אימיגראַנט ליווי. דער פאָטער בעט זיך ביי אים, אַז ער זאָל ניט גיין, ניט באַדעקט ווערן מיט דער שאַנד פון מענטשן־מאָרד. דער פּשוטער ייד פאַרשטייט אויסגעצייכנט די ווירקונג פון לינטשער. ער וואָרנט דעם זון: „אַז מען וועט הייגט לינטשן אַ נעגער, מאָרגן — אַ ייד."

אַפּאַטאָשו שילדערט פאַר אונדז ניט בלויז די לינטש־סצענע, נאָר ער שטעלט פאַר אונדז פאַר בוקערטס זיידן, וואָס דערמאָנט זיך אין אנדערע סצענעס פון זיין געפייניקטן לעבן:

„ער האָט זיך דערמאָנט, ווי אין חלום, ווי מען האָט ביי אים יונגער־הייט צוגענומען ברידער און שוועסטער, ווי מען האָט זיין פאָטער גע־שמיסן. די בייטש איז געפלויגן מיט אַ פּייף איבערן לייב, זיך איינגעגעסן אין בלוט און אַן איינגעבוירענער שרעק, וואָס מעגלעך זייער אורעלטערן האָבן איבערגעלעבט אין די אַפריקאַנער וועלדער, ווען זיי זיינען געקראָכן אויף אַלע פיר, זיך אויסבאַהאַלטן ניט צעריסן צו ווערן פון אַ ווילדער חיה — די זעלבע שרעק האָט זיך גענומען וועקן אין אים, די שרעק, מען זאָל זיין בוקערטן ניט אויפהענגען . . ."

אַפּאַטאָשו איז קיינמאָל ניט סענטימענטאַל, נאָר זיין בילדערישקייט קריצט זיך איין אין זכרון, זיין וואָרט דרינגט אריין אין בלוט און זיין קראַפט אָטעמט מיט עכטקייט, ווייל ער לאָזט קיין דעטאַל ניט דורך, ווייל ער איז דער אַרכיטעקט פון זיין שאַפן. אַ סך דיכטער האָבן אויסגעדריקט אין זייערע פּערזן זייער צאָרן קעגן לינטשעריי, נאָר זיי האָבן דאָס געטאָן אימפּולסיוו, ווי אַ מאָמענטאַלער אויסגעשריי. אַנדערש איז אָבער געווען מיט אַפּאַטאָשוס „לינטשעריי". ער איז צוגעגאַנגען צו זיין טעמע אויף אַ קליניש אופן. ער האָט יעדע פאַזע אַנאַליזירט קאַלטבלוטיק. ער האָט דעם מאַב ניט געשאָלטן. פאַר אים איז ער געווען —

„מענטשן, וואָס האָבן זיך כמעט ניט געקענט צונויפרעדן, זיך אויס־געמיטן ס׳גאַנצע לעבן, זיך פיינט געהאַט, האָבן מיטאַמאָל אוועקגעוואָרפן אַלע פאָראורטיילן, זיך מער ניט געטיילט אין אַמעריקאַנער און סלאַוון, פאַרגעסן אַן דעם איינצלנעם, ווי ער וואָלט גאָרנישט עקזיסטירט און זיך פאַראייניקט."

בוקערט שטאַרבט אין די ברענענדיקע יסורים, נאָר ער זינגט אויסגיי־ענדיק. „דער עולם איז געשטאַנען אויף די שפּיץ נעגל, זיך איינגעהערט... בוקערטס שטימע האָט געקלונגען אַלץ העכער און קלאָרער. די אויגן געווענדט צום הימל, ווי אַ הייליקער. אַזוי האָבן געמוזט אויסזען די ערשטע קריסטן, ווען זיי זיינען געשטאַנען פאַר די שייטער־הויפנס."

דאָ האָט אַפּאַטאָשו אויף אַ קינסטלערישן אופן באַנומען די טראַ־געדיע ניט בלויז פון דעם איינצלנעם נעגער, נאָר די טראַגעדיע פון דער גאַנצער ראַסע, וואָס ווערט ווי אַ ראַסע געקריייציקט פון אַ המון, וואָס איז מעכטיקער אין צאָל און ניט דערהויבן צו מענטשלעכקייט.

„לינטשעריי" לאָזט איבער אויף אייך אַ מוראדיקן איינדרוק. זי איז געשריבן געוואָרן, ווי דערמאָנט, אין היסטעריע, אין גערדיכטע מעלאָ־דראַמאַטישע עפעקטן, נאָר געגרעכט איז נחמן מייזיל אין זיין באַהויפּטונג, אַז „די דערציילונג קאָן מען רואיק, אין צייטקריציזעניש, ניט לייענען." אגב איז „לינטשעריי", וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן אין 1915, איבער־זעצט געוואָרן אין פאָלגנדיקע זיבן שפּראַכן: פראַנצויזיש, דייטש, ענג־ליש, רוסיש, פּויליש, אוקראַיניש, העברייאיש.

אין זעלבן באַנד פאַרמאָגט אַפּאַטאָשו אַ צווייטע דערציילונג אויף אַן ענלעכער טעמע. זי הייסט „פיר נעגער". אַ שרעקלעכע, אַ שוידער־לעכע שפּאַנונג. פיר נעגער, וואָס זיצן אין טורמע, הערן ווי דער המון רייסט זיך צו שטורמען די טורמע, אַרויסצונעמען איינעם פון זיי, דעם באַשולדיקטן, און גרייטן פאַרן לינטש־מאָב. די דריי נעגער ווייסן, אַז אויך זייערע לעבנס זיינען אַצינד אין געפאַר. ווען דער המון וועט זיך אריינ־ברעכן, וועט ער ניט איבערקלייבן. דער קרבן בעט זיך ביי זיי, זיי אַליין זאָלן אים טויטן — מיט אים אויפן מאָמענט, נאָר די מורא פאַרן טויט איז שטאַרקער, ווי זייער סאָלידאַריטעט צום אייגענעם שטאַם. זיי וואַרפן אים אַרויס. אַפּאַטאָשו ענדיקט די דערציילונג אַזוי:

„מיטאַמאָל האָבן זיי זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דזשאָנען, געעפנט די טיר, אים אַרויסגעשליידערט, ווי מען וואַרפט אַ קאַלב צי אַ פערד צו אַ סטאַדע וועלף, אַבי צו קאָנען אַנטלויפן, זיך ראַטעווען דאָס לעבן."

אין זיין צוועלפטן באַנד דערציילונגען „קלאַסנקאַמף" געפינט זיך אַ קורצע פערלדיקע זאַך „נעגערס". איר העלד איז דער אַכט־יעריקער נעגערל פרעד. דאָס קינד איז דורכגענומען מיט אַן אומבאַוואוסטן פחד

קעגן די ווייסע. ער כאפּט זיך אויף פון שלאָף מיטן געדאַנק, אַז מען פירט טאַטע־מאַמע הענגען. ער ווייסט, אַז די ווייסע פאַרפאָלגן אַלע נעגערס פון ישוב, זינט מען האָט געפונען אַ ווייסן פאַרמער אַ דערשאָ־סענעם. שוין צוויי נעגערס האָבן מיט זייערע לעבנס באַצאָלט. נאָר דאָס איז נאָך ווינציק. און ווען אַ מאַשין שטעלט זיך אָפּ ביים הויז, וועקט דער קליינער פרעד אויף דעם כראָפּענדיקן פאָטער און הייסט אים זיך באַהאַלטן, ווייל ווייסע קומען. דער פאָטער פאָלגט. די ווייסע קומען אַריין און נעמען אויף אַ קרייצפאַרהער פרעדס מאַמע. פרעד זעט אַלץ, הערט אַלץ. זיינע פויסטן און ליפּן זיינען פאַרקוועטשט, זיין האָס צו די ווייסע געוועלטיקט איבער אים. ער לעבט איבער די שאַנד און די דער־נידערונג, וואָס זאַפּט זיך איין אין זיין בלוט און וואָס וועט מיט דער צייט שאַפן דעם אומצוטרוי און האָס צו יעדן ווייסן.

י. אַפּאַטאַשו האָט אויך געפּרוּווט זיך פאַנאַדערקלייבן אין דעם פּראָבלעם פון געמישטע צוזאַמענלעבנס. נאָר דאָס איז אים ניט געלונגען. דאָ האָבן זיינע חשבונות מיט די יידישע קאָמוניסטן גענומען די אויבער־האַנט איבער זיין קינסטלערישן מהות.

אין זיין דערציילונג „זינד", אין זעלבן באַנד, וויל ער שילדערן פאַר אונדז אַ יידישע קאָמוניסטישע משפחה. דער מאַן קומט צוריק פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואוהין ער איז געפאָרן זען מיט די אייגענע אויגן ווי דער ארבעטער „זיצט אין זאָטל". די פרוי זיינע באַמערקט אין זיין אָפּוועזנקייט ווי זייער טאָכטער גייט אַרום מיט אַ נעגערשן בחור. איר געפעלט עס ניט. זי זאָגט צו איר:

— האָסט שוין קיין אַנדערן חבר ניט געקאָנט געפינען ווי אַ נעגער? און דערצו נאָך מיט אַזאַ פאַר ליפּן?

ענטפערט די טאָכטער:

— האָסט מיך אַליין געלערנט, אַז אַלע מענטשן זיינען גליך.

— זוך דיר בעסער אָפּ אַ ווייסן בחור, — ענטפערט די מוטער.

די שיף קומט אָן. מוטער און טאָכטער וואַרטן אָפּ זייער ליבן גאַסט. נאָר די טאָכטער האָט מיט זיך געבראַכט איר פריינט, דעם נעגער. אַזוי נאָר ווי דער פאָטער כאַפּט זיך אַרום מיטן עולם, אַזוי באַמערקט ער גלייך דעם שוואַרצן און זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט איז געווענדט צום נעגער.

ווען ער האָט זיך געלייגט שלאָפן האָט ער נאָר געטראַכט וועגן דעם. נאָר לאַמיר אַפּאַטאָשון לאָזן אַליין דערציילן דעם סוף:

„דער שלאָסער גראָס, דער רעוואָלוציאָנער, האָט זיך געערגערט, וואָס עפּעס אַ שוואַרצער דזשאָן לאָזט אים ניט איינשלאָפן, שווימט יעדע ווײַלע אַרויף און רייסט זיך אַריין אין זײַן לעבן, אין זײַן טאַכטערס לעבן. ער האָט געוואָוסט, אַז עס איז ניט שיין אַזוי צו טראַכטן, עס איז אַ זינד. ער האָט זיך אָבער ניט געקאָנט העלפן, איז געלעגן מיט פאַר־מאַכטע אויגן און געהאַלטן אין איין זינדיקן."

די זאַך איז געשריבן אין יאָר 1929. יעדער איינער, וואָס האָט געלעבט אין יענער צייט צווישן יידישע קאָמוניסטן, ווייסט, אַז אַפּאַטאָשוס אַנאַליז איז פאַלש. די טאָכטער איז קוים זיבעצן יאָר אַלט. אירע עלטערן האָבן אַמאָל באַלאַנגט צום „בונד" אין דער אַלטער היים, דערנאָך אין דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און שפּעטער אין דער קאָמוניס־טישער פּאַרטיי. די טאָכטער האָט באַלאַנגט, צו זייער צופרידנקייט, צו דער „יאַנג וואָרקערס ליג". גלויבט זיך דערפאַר ניט, אַז זייער באַציאונג צו אַ נעגער־בחור זאָל זײַן אַזאַ שאַקירנדיקע, ווי אַפּאַטאָשו וויל זיך פאַר־שטעלן. ס'איז קלאָר, אַז דעם מחברס פאָראורטיילן קעגן דער יידישער קאָמוניסטישער באַוועגונג (ס'איז געווען אין יאָר פון די טראַגישע פּאַ־לעסטינער געשעענישן) האָבן אַרויסגעבראַכט אין אַ זייער אומגעלונגענער פאָרם זײַן „זינד".

אין 1927 איז אין קלעצקין פאַרלאַג, ווילנע, אַרויס „אויף די פעלדער פון דזשאָרדזשיאַ", דער פּערטער באַנד פון ברוך גלאַזמאַנס געקליבענע ווערק. אויסער דער ליטנדיקער דערציילונג פון נעגער־לעבן, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון בוך, געפינט זיך דאָרט נאָך אַ דערציילונג אויף דער זעלבער טעמע. דאָס איז „אַ נאַכט אין אַ דרום שטאָט". אויך איז די ערשטע דערציילונג אין גלאַזמאַנס דריטן באַנד, דערציילונגען („אויף יענער זייט אָקעאַן") 1928, אַ שילדערונג פון נעגער־לעבן. זי הייסט „דער טאַנץ פון די נעגערס" און זי באַלאַנגט צו זײַנע בעסטע שאַפונגען.

עס איז פאַראַן אַ שאַרפער אונטערשייד פון גלאַזמאַנס צוגאַנג צו דער נעגער־טעמע אין פאַרגלייך מיט אַפּאַטאָשון. דער אונטערשייד ליגט אין זייער סטיל און שפּראַך און אין אויסוואַל פון סוזשעט. אַפּאַטאָשו איז מער אימפּעטיק און פולבלוטיק. זײַן וואָפן איז אָפט אַ חלף, זײַן

בילדער־שאַץ שפּאַרט איין זיין סכום פון ווערטער. גלאַזמאַן איז לאַנג־זאַם, מאָנאָטאָן. דער ייִנגערער פון די צוויי, איז ער דאָך אַלמאַדישער אין זיין פאָרם. זיין סטאַטישקייט איז אָפּט ניט צוגעפּאַסט פאַרן מאָ־דערנעם נערוועזן לייענער. נאָר גערולדיקערהייט בויט ער אויף זיין סאָלידן בנין פון ווערטער און אינהאַלט. ער לאָזט ניט דורך דעם קלענסטן דעטאַל, ווי אומנויטיק ער זאָל ניט זיין. ער רעכנט זיך ווייניק מיטן לייענערס אויפנעם־פייִקייט.

גראַד געהערן גלאַזמאַנס נעגער־זאַכן צווישן זיינע בעסטע דערציי־לונגען און שילדערונגען. גראַד אין זיי פילט זיך אַ ריטם, וואָס איז ניט בנמצא אין גלאַזמאַנס אַנדערע שאַפונגען. איבערהויפּט איז דאָס ניכר אין זיין „טאַנץ פון די נעגערס". אהרן בעקערמאַן, וואָס האָט אַרויסגע־געבן אַ מאָנאָגראַפיע וועגן גלאַזמאַנען, דריקט זיך אויס, אַז „גלאַזמאַנס „טאַנץ פון די נעגערס" איז אַ גרויסער פּראָטעסט און אָנקלאָג מצד דער נעגער־ראַסע לגבי די ווייסע. עס וואַקסט אויס אין דער פולער שאַרפקייט דאָס ראַסן־פּראָבלעם גופא אין דעמאָקראַטישן אַמעריקע." (ז. 67).

בערנאַרד קאָהען קערט זיך אום אויף דער שיף פון ניו־יאָרק קיין נאָרפאָלק, צפון קאַראָליינאַ. ער איז גאָר ניט קיין סימפּאַטישער מענטש, דער מר. קאָהען. בכלל האָט גלאַזמאַן אַ שטאַרקע נייגונג צו נעגאַטיווע טיפּן. וואָס נעגאַטיווער זיי זיינען, אַלץ געלינגענער קומען זיי ביי אים אַרויס. קאָהען איז רייך, אָנגעזעצן אין זיין שטאָט, וואו דער נעגער איז נאָך אַלץ הפקר. ער האָט אַמאָל פּאַראומגליקלעכט אַ פּופצן־יעריקע מולאַטקע־דינסט. זי איז געשטאָרבן ביים געבורט פון איר קינד, וואָס וואַקסט אויף און קומט צום פאָטער, וואָס וויל זיך ניט אַרויסגעבן און ער ברעכט נאָך דעם יונג אַז די ביינער פאַר דער חוצפּה. מר. קאָהען איז היפּשלעך דערגענערירט. אין ניו־יאָרק פאָרט ער זינדיקן. ער פאָרט צוריק אויף דער שיף אַ קראַנקער, אַז אויסגעשעפּטער. ביינאַכט אין באַל־צימער איז „נעבן אים געשטאַנען אַ נעגער, מיט אַ שניי־ווייסן נאַז־טיכל אַדער סערוועטל איז האַנט און האָט אים אַרומגעווישט דעם אויס־געבראָכענעם מיסט, וואָס אַרום מויל און האַלז." און דאַן האָט מר. קאָהען דערזען ווי די שוואַרצע באַדינער און פּאַרוויילער פון שיף האָבן זיך פאַרזאַמלט אין זאַל, געטאַנצט, צווישן זיך „געשריען, געטומלט און ווילד געלאַכט".

גלאַזמאַן לאָזט זיך אַריין אין אַ לענגערער שילדערונג פון דעם טאַנץ פון די נעגערס, נאָכדעם ווי די געסט זיינען שוין אַוועק שלאָפן, און ווי פאַרציטערט די ווייסע ווערן, ווען זיי קומען צוריק און דערזען דעם גבורהדיקן פאַרנעם פון זייערע באַדינער. עס כאַפּט זיי אַרום אַ גרויל. איבערהויפּט קלאַפּט מר. קאַהענען אַ צאָן אַן אַ צאָן. „דער שרעק פון די ווייסע פּאַסאַזשירן אין דער הויך אויפן שיף־באַלקאָן איז אין אים נאָך פאַרפּילפאַכט געוועז, ס'האָט זיך אים אַלץ געדוכט, אַז ער איז עס באַשטימט צו זיין דער ערשטער קרבן אין דער שחיטה, וואָס וועט זיך באַלד אַנהייבן דאָ . . . ער האָט אָנגעהויבן שטאַמלען, פּלאַפּלען עפּעס . . . זיך געבעטן ביים נעגער, וועלכער האָט זיך געפּאַרעט אַרום אים, אַז מען זאָל אויף אים רחמנות האָבן, אים לאָזן גיין צוריק אין זיין קאַיוטע אַריין.

— אַז ער איז דאָ אין גאָרניט שולדיק, אין גאָרניט."

גלאַזמאַנען געלינגט דאָ אויף אַן עפעקטיוון שטייגער צו ווייזן אונדז דעם קאָנטראַסט פון געזונטן, יונגען און אַרבעטזאַמען נעגער מיט דעם אָפּשטאַרבנדיקן, פיזיש און גייסטיק אויסגעשפּילטן מר. קאַהען. עס איז ווי אַ סימבאָל פון פּראָטעסט פון נעגער, וואָס דערפילט זיין גבורה אין דער פאַרשקלאַפטקייט אויף דער שיף. דער נעגער־כאָר, וואָס מישט זיך אוים מיט די באַדינער, דער לײַדנשאַפטלעכער טאַנץ פון שוואַרצן נאָכדעם ווי דער ווייסער שלאָפט שוין, דער פּחד פון די לעידים און דזשענטלייט, ווען זיי דערזען ווי דער שוואַרצער וואָגט צו טאַנצן אין זייער באַל־זאַל — אַלץ איז דאָ אַן אָנזאָג אויף עפּעס גרעסערס און ברייטערס. די שיף איז די גאַנצע געזעלשאַפט, די אַמעריקאַנער, וואָס באַנוצן זיך מיטן שוואַרצן ווי מיט אַ דינער, וואָס שאַפן זיך מיט אים ווי אַ שטאַרקער מיט אַ שוואַכן, דערפילן איצט מיטאַמאָל, אין זייער טאַנץ, דעם צייכן אויף דער וואַנט. מר. קאַהען דערמאָנט זיך אין זיינע אַמאָליקע זינד קעגן דער יונגער מולאַטקע און איר קינד, זיין זון. ער האָט אַ סך געזינדיקט קעגן זיי, קעגן די שוואַרצע. איצט דוכט זיך אים, אַז זיי וועלן אין אים נקמה נעמען. זיין סוף איז נאָענט, זיין סוף קומט.

ביי אָפּאַטאָשון לעבט דער נעגער אין איין שרעק פאַרן ווייסן; ביי גלאַזמאַנען האָט דער ווייסער אָפּט אין דער שטיל מורא פאַרן שוואַרצן. איר געפינט אַ מאַסע נעבעכדיקע יידישע טיפּן אין גלאַזמאַנס מערסטע ווערק. נאָר אַנדערש ווערן געמאָלן די נעגערס, די אָרימסטע

פון זיי. אין „א נאכט אין א דרום שטאט" שילדערט ער א נעגער־געסל מיט איינגעפאַלענע צעפוילטע הייזלעך, מיט אויסגעבראָכענע שויבן, פאַר־שטעקט מיט פּאַפּיר און שמאַטעס, נאָר דאָרט טאַנצט דער עולם דעם שימי־טאַנץ.

אָט ווי גלאַזמאַן באַשרייבט עס:

„אָט איז דער טאַנץ שטיל־שעמעוודיק און זיס אַזוי, און שפּילעוודיק מיט א פאַרשעמט שמייכעלע, — די טאַנץ־באַוועגונגען זיינען אַזעלכע פאַמעלעכע און וויינענדיק זיך בעטנדיקע, ווי א הונט, וועלכער וואַיעט אין דרויסן פאַר א טיר און בעט מען זאָל אים אריינלאָזן אינעווייניק.

און אָט ווערט דער טאַנץ שטאַרקער, וועלפיש־אַרויסדרינגענדיק, חיהדיק גיך — מען נעמט זיך אַלע אַרום אין א פאַרציקנדיק דריידל."

אין דער דערציילונג „אויף די פעלדער פון דזשאָרדזשיא", וואָס טראָגט דעם נאָמען פון דער זאַמלונג דערציילונגען פון באַנד, שילדערט גלאַזמאַן א יידישן פרומען פעדלער, וואָס בלייבט שטעקן אין א פאַרנאַכט אויף א פעלד. זיין פאַמיליע געפינט זיך אין ניו־יאָרק. ער זעט זיי זעלטן, ווייל ער איז פון זיין פרנסה פאַרוואָרפן געוואָרן אין דער סאַוט. ער דערפילט ווי עס איז שוין אוונט און ער דאַרף דאָ איבערנעכטיקן אין דער פרעמד.

דער פעדלער, דער וואַנדערנדיקער סוחר, איז אין דער היגער יידישער ליטעראַטור ניט קיין נייעס. אויסגעצייכנט שילדערט אים ש. מילער אין זיין נאָוועלע „אין טאַטנס פיסטריט". גלאַזמאַן איז, דוכט מיר, דער איינציקער, וואָס ווייזט אונדז דעם פעדלער אין דער סאַוט. דער ייד קוקט פון דרויסן אויף די באַלויכטענע וואַרימע פענסטער. ער וואָלט דאַך אויך געקאָנט זיין אין אַזא אוונט ביי א לאָמפּ־באַלויכטענעם טיש. קלאַפּט ער אָן אין א טיר מיטן בייטש. „שנעל עפנט מען זי פון אינווייניק, אָט פונקט ווי מען וואָלט אויף אים געוואַרט."

עס קומט אים אַנטקעגן א נעגערטע. ווייזט אויס, אַז זי האָט אויף וועמען געוואַרט. זי איז פריינטלעך צום פרעמדן יידן. ער וועט זיין אַן אַנגעלייגטער גאַסט, כאָטש ניט אויף אים האָט זי געוואַרט. זי וועט אים געבן א וואַרימען נאַכטלעגער און עסן מער ווי פאַר צוויי.

ס'איז געווען קריסטמעס אוונט.און געוואַרט האָט זי אויף איר מאַן, וואָס האָט זי פאַרלאָזן, און געהאָפט, אַז ער וועט היינט, אין דער הייליי־

קער נאַכט, צוריקקומען. דער טיש איז געגרייט ווי פאַר אַ סעודה, הגם דאָס שטיבל איז אָרים.

ס'איז דאָ אינדיק אויפן טיש, נאָר דער ייד רירט זיך צו קיין זאַך ניט צו. ער דערקלערט איר וועגן זיינע מנהגים. זי איז ניט שאָקירט. זי האָט דורך־ארץ פאַר יידן. דער רעוורענד האָט ניט איינמאָל אין קירך דערציילט וועגן פאָטער אברהם, וואָס האָט געהאַט אַ נעגערשע פּרוי הגר, פון וועמען זי האָט אַ קינד געהאַט.

דער ייד און די נעגערטע — ביידע פאָלקסמענטשן, ערלעך און געטריי צו זייערע טראַדיציעס. ער וועט דאָך ניט שלאָפן מיט איר אין איין צימער. בעט זי אים אויס אין אַ צווייטן צימער. זי גייט אַרויס אויפן פעלד און ברענגט אַריין אַ גרויסן קאָון און צעשניידט אים. ניין, אויך צו דעם רירט ער זיך ניט צו. מיד איז ער, גייט ער אַריין שלאָפן אין טונקלען צימער.

„בלייבט זי איבער אַליין ביים טיש.
„מיט גרויסע אויגן, באַנאַסענע, קוקט זי אויפן צעשניטענעם, אומ־באַרירטן וואַטערמעלאָן, ווי אַ גרויס הארץ אַ צעשניטנס און אַז אויפגע־עפנטס . . . נאַ, זע . . . מען האָט מיך אויפגעשניטן און געלאָזן אומ־באַרירט . . .
און אַז אין טונקלען צימער דאָרטן איז שטיל, מאַכט זי אויך טונקל דאָ. זאָל אַלץ אויפן טיש בלייבן ניט אויפגעגעסן! גיט זי זיך אַ ריס ביים לייב און לייגט זיך שלאָפן."

ביידע קאָנען ניט איינשלאָפן. זי טראַכט, אַז אָדער ער וויל איר שוואַרץ לייב ניט באַרירן, אָדער ער איז אַ פרומער, אַ הייליקער.

ער ציטערט און ער האָט מורא, אַז ער וועט שוין ניט אַוועקגיין פון דאַנען אַזאַ ווי ער איז געקומען. נאָר ער רייסט זיך פּלוצלינג אַרויס. און ווען זי קומט אַריין צו אים אין פרימאָרגן און געפינט זיין בעט ליידיק, וואָרפט זי זיך אַרויף אויף דעם מיט אַ רעוועגדיק געוויין.

דאָס געשטאַלט פון דער נעגערטע קומט ביי גלאַזמאַנען אַרויס בולט און זי רופט אַרויס צו זיך אַ סימפּאַטיש געפיל. זי איז עכט און גוט און אַ פאָלקסמענטש אין פולן זין פון וואָרט. דער ייד איז אָבער אויך געטריי צו זיין שטאַם פון טהרת משפחה. די גאַנצע דערציילונג לייענט זיך ווי אַ פאָלקס־מעשה. זי איז אָנגעהויכט מיטן גייסט פון י. ל. פּרצס „פאָלקס־טימלעכע מעשות".

סיי אפּאטאשו, סיי גלאזמאַן קערן זיך אין זייער שאַפן לעצטנס צוריק צו נעגער־סוזשעטן.

אין דער קורצער דערציילונג „אַ גנבה", דערשינען אין „טאָג", אָקט. 15, 1944, דערציילט אַפּאטאשו ווי אַ נעגערטע איז געכאַפּט געוואָרן אין אַ דעפּאַרטמענט קראָם פון אַ דעטעקטיוו, בשעת זי האָט באַגנבעט אַ פּליכטלינג, אַ פראַנצויזיש־יידישן דאָקטאָר, וואָס איז געקומען איינקויפן מיט זיין פרוי. די באַווייזן זיינען קעגן דער נעגערטע, וואָס האָט שוין אַ רעקאָרד אלס אַ גנבטע. בעת דער דעטעקטיוו פירט די דריי אין זיין אויטאָמאָביל אין געריכט אריין, טענהט דער פּליכטלינג איין מיט זיין פרוי דאָ אויף פראַנצויזיש, דאָ אויף יידיש:

„— איך וועל צוריקציען די קלאַגע . . . דו, טיסאַ, צי אויך צוריק."
די אורזאַך וואָס זיי האָבן זיך באַצויגן אַזוי ברייטהאַרציק צו דער גנבטע, וואָס איז געכאַפּט געוואָרן ביי דער האַנט, איז געווען, וואָס אין זייער נייער ליבע צו די פאַראייניקטע שטאַטן „איז אָבער אויך געווען אַ פּגימה, ווי אַ פלעק אין אַ שיינער משפּחה. דאָס איז געווען לינטשעריי . . . אַז זיי האָבן געלייענט אין אַ צייטונג וועגן אַ לינטשינג, האָבן זיי זיך געערגערט, ווי ס'וואָלט געווען אַ פּאָגראָם אויף יידן."

אין ב. גלאַזמאַנס קורצער דערציילונג אין „מאָרגן זשורנאַל", אין סעפּטעמבער, 1944, „פון די אייגענע לענדן", פּאָרט ר' צמח, דער אַלטער שטאָט־חזן פון אויגוסטאַ, דזשאָרדזשיאַ, מיט זיין זון קיין אייקען, דרום קאַראָליינע, אין אַ טראַמוויי. ער פּאָרט זינגען אויף אַ בר־מצוה. דער ווייסער טייל פון קאַר איז איבערגעפּאַקט. דער שוואַרצער איז ליידיק. דער אַלטער צמח פילט זיך ניט גוט און ער וויל זיך אַוועקזעצן אין דעם נעגער־אָפּטייל. ער דערמאָנט זיך אָבער וואָס דער זון האָט אים אַמאָל, ביי אַן ענלעכן פאַל, געוואָרנט:

— טאַטע, אויב דו וועסט דאָרט זיך אַפילו איינמאָל אַנידערזעצן, וועל איך גלייך אויף מאָרגן אַנטלויפן פון שטאָט.

„דער אַלטער האָט קיינמאָל ניט געקאָנט פאַרשטיין, פון וואַנען האָט זיך גענומען צו זיין זון אַזאַ רשעות צו די נעגערס. וואָס שטייט עס אים ניט אָן אַזוי, וואָס? גאָטס ברואים, ווי מיר אַלע. און טשעפּען קיינעם ניט, אויב נאָר מען לאָזט זיי צורו, און אַפילו דאַן ציטערן זיי, דוכט זיך, פאַר אַ ווייסנס דעך."

ר' צמח קאָן מער אויף די פיס ניט שטיין. אין ווייסן אַפּטייל מאַכט קיינער ניט קיין פאַרזוך אים צו געבן אַ פּלאַץ. דערפאַר אָבער אין דעם נעגער־אַפּטייל, וואָס איז שוין איצט אויך געווען באַזעצט, האָט מען אים אָנגעבאָטן אַ פּלאַץ און געהאָלפן זיך זעצן.

— סיט, דאַון, פאַדהער.

„אַרויס פון דער קאַר זיינען פאָטער און זון דורך צוויי באַזונדערע אַרויסגאַנגען — דורך דעם נעגערשן און ווייסן. דער זון האָט זיך אויפן פאָטער אַפילו ניט אומגעקוקט. דער אַלטער האָט דורך טרערן געמורמלט: „ווײ איז צו מיר . . . און דאָס האָב איך אַליין אַרויסגעבראַכט. דאָס איז מיין אייגן קינד, אַ שפּראָץ פון מיינע לענדן!"

ג

אויך אונדזער גרויסער שלום־עליכם האָט אין זיין „מאָטל פּייסים אין אַמעריקע" אָנגעהויבן באַמערקן דעם נעגער. אויף זיין לאַכנדיקן שטייגער, דערציילט ער וועגן די וואונדער פון הענגען אויפן סטראָפּ אין „צאָבהיי", דאָס יאַגעניש נאָך פאַרכאַפּן אַ פּלאַץ און „איר קוקט זיך אַרום, זיצט איר צווישן צוויי גויים, ביידע שוואַרצע. אַ נעגער מיט אַ נעגערטע. מגושימדיקע ברואים. מוראדיק גראָבע ליפּן. גרויסע ווייסע ציין און ווייסע נעגל." זיי קייען גאָם, און דאָס איז פאַר מאָטלען גאָר אַ נייעס. אַ צווייטן מאָל האָט דער וואַגאָן פּיניען געגעבן אַ שליידער פון די פיס און „אין אַ ווײלע אַרום איז ער שוין געלעגן ביי אַ שוואַרצער גויע אויפן שויס." איז געוואָרן אַ געלעכטער.

אין לאַמעד שאַפּיראָס געדרוקטע קאַפּיטלען פון זיין נאָך ניט דער־שינענעם ראָמאַן „דער אַמעריקאַנער שד" פיגורירט אָפט דער נעגער ליוק. „אין די קוילנמינען פון פּענסילווייניע איז ער געוואָרן אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אין אים איז פאַרבליבן אַ געוויסער פאַר־באָרגענער אומצוטרוי צו דער פריינטלעכקייט פון די ווייסע און אַ נייגונג — אַ ירושה פון טאַטן — צו ריידן פון צייט צו צייט אַ ביסל מליצהדיק און ביבליש, און דעמאָלט פאַלט ער אַריין אין „ברודער" אַנשטאָט „חבר" און רעדט מיט פּסוקים, וואָס אָפטמאָל פאַרפאַסט ער זיי עקספּראָמפּט."

„ליוקס פאָטער האָט יאָרנלאַנג געוואַנדערט איבער די דרומדיקע שטאַטן, האָט געפּריידיקט „גאָטס וואָרט" צווישן זיינע שוואַרצע ברידער,

געטובלט גאנצע מחנות פון זיי אין וואסערן פון דער מיסיסיפּי און געלעבט אין אומגלויבלעכער רחקות. אָבער אויפן זון, אויף ליוקן, הגם ער איז בפירוש געווען אַ נאָמען נאָכן אַפּאָסטאָל, האָט דאָס פייער פון גלויבן עפּעס קיין שליטה ניט געהאַט. אים האָט שוין מער געצויגן די באַוועגונג פון מארקוס גאַרווי, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל אַרויסצופירן די נעגערס פון אַמעריקע קיין אַפריקע, „ווי גאָט האָט אַרויסגעפירט די קינדער פון ישראל פון מצרים." דערנאָד, ווען די באַוועגונג האָט געפּלאַצט, האָט ליוק געוואַנדערט און געטאָן אַלערליי אַרבעט ביז ער איז אַריין אין דער באַוועגונג."

אין דער נאַכט פון דער סאַקאָ וואַנזעטי היגריכטונג האָט זיך ליוק געפונען אויף יוניאָן סקווער אין דער לינקער קאַפּעטעריע. ווען די שרעקלעכע נייעס איז באַקאַנט געוואָרן, האָט „ליוק געשוויצט קאַלט און קלעפּיק ניט געקוקט אויפן הייסן אָוונט."

עס וועט זיין אינטערעסאַנט צו זען ווי אַזוי שאַפּיראָ האָט דעם גאַנצן ליוק אַרויסגעבראַכט אין זיין ראָמאַן. שאַפּיראָ גייט קיינמאָל ניט אויף קיין אויסגעטראָטענע וועגן און ליוק איז מסתם אַרויסגעקומען ניי און אָריגינעל.

שלום אַש האָט אין זיין ראָמאַן „טויט-אורטייל" אַרויסגעבראַכט דעם נעגער רעפּ ווי איינעם פון די שטאַרקע פיגורן פון בוך. דער ייד סטאָון געפינט זיך אין סינג סינג פאַראורטיילט צום טויט. אַמאָל איז ער געווען רייך און אָנגעזען. איצט איז ער פאַרלאָזן פון אַלעמען. איבערהויפּט קרענקט אים וואָס זיין פרוי און קינד ווילן אים ניט זען. ער איז איינזאַם, נאָר ער שטאַרקט זיך דאָס ניט אַרויסצואווייזן. אין זיין טויטןקאַמער הערט ער „דורך דער וואַנט אַ מאָדנע ברומען, אַזוי ווי אַ הונט וואָלט געקלאָגט הינטער דער וואַנט." ער קאָן דאָס ניט אַריבערטראָגן. ער רופט דעם וועכטער און יענער דערקלערט אים, אַז דאָס איז זיין שכן רעפּ דער נעגער, וועלכער וויינט אוים זיין אומשולד ביז ער שלאָפט איין.

רעפּ איז נאָך פאַקטיש קיין אַכצן יאָר ניט אַלט, נאָר אין די פּאַפּירן איז געשטאַנען, אַז ער איז עלטער. סטאָון דערפילט אַ נאָענטקייט צו רעפּן, דערפאַר ווייל ביידע זיינען פאַרלאָזן פון אַלעמען.

אפילו אין טויטן-הויז טיילן זיך די פאַראורטיילטע אויך איין אין העכערע און נידעריקערע קלאַסן, ווען עס שטייט ניט אָן זיך צו חברן

צווישן זיך. רעפּ האָט באַלאַנגט צום „נידעריקסטן פון די נידעריקסטע. צווישן אים און די „אַריסטאָקראַטן" איז נאָך אַפילו געשטאַנען דער איטאַליענער טאָני, וועלכער איז געווען פאַראורטיילט פאַר שרעקלעכן לוסט־מאָרד אויף קליינע קינדער, וואָס ער האָט פאַרנאַרט אין אַ קעלער. מיט דעם איטאַליענער האָבן זיי נאָך ווען עס איז געוועקסלט אַ וואָרט. רעפּס שרעקלעכע זינד איז געווען — די פאַרב פון זיין הויט."

זיי, די „אַריסטאָקראַטן", די ווייסע מערדער האָבן געטראַכט, אַז מען דאַרף פאַר די שוואַרצע האָבן אַ ספּעציעלן טויטן־שטול. און דער־פאַר וואָס דער „באַנקיר", ווי די אַריסטאָקראַטן האָבן גערופן סטאָונען, האָט זיך געחברט מיט רעפּן, האָבן זיי געקוקט אויף אים קרום.

אַ גרויסע איבערקערעניש איז פאַרגעקומען אין סטאָונס נשמה זינט ער איז געווען אין טויטן־הויז. ער, וואָס האָט געהאַט אַ קנאַפּן אינטערעס פאַר אַ צווייטן מענטש, פון וועלכן ער האָט ניט געקאָנט האָבן קיין נוצן, ער האָט איצט פאַרגעסן אין זיין אייגענער לאַגע און זיך גענומען צום האַרצן די לאַגע פון נעגער־יינגל.

סטאָון שיקט אַ פּעטיציע צום גאָווערנאָר, אָבער ניט פאַר זיין אייגן לעבן בעט ער, נאָר פאַר דעם נעגער־יינגל רעפּ. אין סטאָונען, וועמען ער רופט איצט „באָס", געפינט איצט רעפּ זיין איינציקע טרייסט.

עס איז געווען די איינזאַמקייט, וואָס האָט דעם פריערדיקן וויצע־פּרעזידענט פון אַ באַנק דערנענטערט צום פאַרוואָרלאָזטן נעגער־יינגל. איצט זיינען זיי ביידע געווען גלייכע. אַש נוצט די ווירקזאַמע דיאַלאָג־פאָרם צו פאַרברידערן זיי. רעפּ פרעגט אויס סטאָונען וועגן די נאָענטע זיינע, וואָס וועלן זיך פאַר אים איינשטעלן. סטאָון געפינט זיך איצט אין אַ לאַגע, וואו ער איז גלייך מיט רעפּן. ווי יענער, האָט ער מער ניט קיינעם אויף דער וועלט, וואָס זאָל עפּעס טאָן פאַר אים. און ווען דער שמועס איז פאַריבער, גיבן זיי זיך די הענט און צעשיידן זיך.

און ווען דער וואָרדן האָט אויסגעדריקט זיין דערשטוינען, וואָס סטאָון זאָרגט זיך אַזוי פאַר רעפּן, האָט סטאָון אויף דעם געענטפערט אַזוי:

— איך ווייס ניט. מיר דוכט זיך, אַז איך בין מער פאַראינטערע־סירט אין דעם יינגל ווי אין מיר.

— איך וואונדער זיך — (האָט באַמערקט דער וואָרדן.)

— דאָס בעסטע, וואָס איך האָב געהאַט צו נעמען פון לעבן, האָב איך גענומען. אָבער ער איז דאָך נאָך אַ קינד. ער האָט דאָך נאָך קיין פרוי ריכטיק ניט געקענט.

דער גאָווערנאָר האָט אָפּגעזאָגט סטאַונס פּעטיציע פאַר רעפּן, נאָר סטאַון האָט געהאַלטן אין איין מונטערן און פאַרזיכערן דעם נעגער־יינגל, אַז אין דער לעצטער מינוט וועט ער באַקומען אַ פּאַרדאָן, הגם ער האָט גוט געוואוסט, אַז רעפּ וועט באַלד אומקומען אויפן עלעקטריק־שטול.

און ווען רעפּ האָט געפרעגט סטאַונען פאַרוואָס מען וויל אים שיקן דעם פּריסטער, האָט סטאַון אים אַלץ פאַרזיכערט, אַז דער פּאַרדאָן וועט נאָך קומען, וועט קומען דאָן, ווען ער וועט שוין זיצן אין טויטן־שטול.

יענעם אָוונט האָט סטאַון מער ניט געהערט דעם נעגער וויינען דורך דער וואַנט. ער האָט אים געהערט בעטן און זינגען קירך־לידער מיט אימיצן. סטאַון, וואָס איז קיינמאָל רעליגיעז ניט געווען, האָט אין יענער נאַכט, ניט טראַכטנדיק וועגן שלאָף, מיטאַמאָל אַליין אָנגעהויבן בעטן גאָט פאַר רעפּן.

— גאָט, ראַטעווע דאָס יינגל. גאָט, ראַטעווע דאָס יינגל. — האָט ער געבורמעט פאַר זיך, איבערחזרנדיק דעם זאַץ אַן אַ שיעור מאָל.

„און אַ וואונדער: די איינפאַכע ווערטער האָבן געשטילט דעם דורשט און ער האָט זיי געטרונקען, ווי אַ פאַרחלשטער דורשטיקער."

רעפּ איז געשטאָרבן גלויבנדיק, אַז דער פּאַרדאָן קומט.

ד

אין די ווערק פון דעם יינגערן דור אַמעריקאַנער דערציילער געפינען זיך זאַכן פון נעגער־לעבן. דעם פאַרשטאָרבענעם א. מייזלס „דער טויט פון טעד דענים" איז אַ שילדערונג פון אַ לינטשעריי. מייזל אָפּע־רירט געוויינטלעך מיט אַ שפּיציקן סאַרקאַזם, וואָס קלייבט זיך אין די ביינער אַריין. אין דער נאָר־וואָס דערמאָנטער דערציילונג גיט ער איבער ווי דער זיבעצן־יעריקער נעגער טעד ווערט פון דער אַרבעט אַוועקגענומען און אין דער פּאָליציי־סטאַנציע צעשלאָגן. דאַן ווערט ער אין ליכטיקן געריכט געבראַכט. מען האָט אים דאָרט אויף אַ ווייכן שטול אַוועקגע־

זעצט, פאַרמשפּט געזועצלעך און שפּעטער אים געפּירט לינטשן. ער איז אַנטלאָפן. אַ ווילד געיעג מיט הינט. טעד פּרואווט די הינט באַרואיקן. זיי האָבן געבולן. פייגעלעך האָבן אין וואַלד געזונגען. דער לינטש־מאָב איז געווען פאַרשלאָפן. אַ פאַבריק־קוימען האָט זיך צעפייפט. אַ זון־שטראַל האָט זיך געשפּילט מיט אַן אויפגעהויבענער ברעם פון דעם אויפגעהאנגענעם טעד דעניס. פלאַמען האָבן דערלאַנגט צו זיינע באָרוועסע פיאַטעס.

דער דיכטער און דערציילער אהרן ראַפּאַפּאָרט שילדערט אין זיין דערציילונג „מאָזעס קעניגרייך״ אַ שאָפּ פון ליאַלקעס. דאָרט אַרבעטן יידישע און איטאַליענישע פרויען. מאָזעס דער נעגער איז דער בן־יחיד. ער זינגט און איז איבערגעפולט מיט מונטערקייט. זיין קעניגרייך איז דער בעזים און יעדער איינער ווענדט זיך צו אים נאָך עפּעס. דעם ברענגט ער וואַסער, יענעם אויל. פאַרנאַכט, ווען אַלע גייען אַוועק, בלייבט מאָזעס איבער מיט די ליאַלקעס. זיין קעניגרייך.

אין בוך דערציילונגען „אַ בריק איבערן אַטלאַנטיק״ פון פּסח מאַרקוס, וואָס איז דערשינען אין 1932, געפינען זיך אַ צאָל זאַכן פון נעגער־לעבן. די ערשטע דערציילונג אין בוך הייסט „ווייס בלוט״. אין שטעטל זיינען די ווייסע און שוואַרצע אָפּגעטיילט אין צוויי באַזונדערע שטרעקעס. ווייסער האָט פיינט שוואַרצן און פאַרקערט. „די שוואַרצע זיינען שטענדיק מונטער, פריילעך, הייבן די פיס גיך און שנעל, ווי צום טאַנץ געגאַנגען.״

„די ווייסע זיינען שטענדיק אומעטיק, בלויז אין די זונטיקס צעשיינען זיך זייערע פּנימער.״ עפּיזאָד פון האַס פון ווייסן צום שוואַרצן. נאָר דאָס איז אַלץ נאָך ניט דער עצם סוזשעט. ווייסע לאָזן זיך אין נעגער־געסל זינדיקן. דער ליטווישער אימיגראַנט מיקאַס לעבט מיט אַ יונגער נעגערטע. עס ווערט געבוירן דער מולאַט, „ווייס־בלוט״ דזשימי, קליין און שוואַך, אַ קאַליקל כמעט. די נעגערס האָבן אים פיינט געהאַט. ער פאַרריכט שיך. ער איז פאַרליבט אין דער נעגער־מויד סאַלי. זי צעקריגט זיך מיט איר געליבטן נעגער הענרי און קומט צו דזשימין. הענרי הרגעט אים שיר ניט אַוועק. דזשימים הונט מור ראַטעוועט אים. מור איז דזשימים איינציקער טרייסט, און ווען דער הונט פאַרלאָזט אים, גייט ער אַרויף אויפן בוידעם און הענגט זיך. מורן געפינט מען מיט פאַרסקאַריטשטעטע ציין

אויפן פרישן בערגל זאמד, וואו עס איז געלעגן באגראבן „ווייס־בלוט" דזשימי.

אין דער צווייטער דערציילונג „נעגער־בלוט" האבן מענטשן אנגענומען דעם נעגער ראלף פאר א ווייסן פון דערווייטן. ער אליין האט פיינט געהאט שווארצע נעגערס. „א נעגער איז גאר קיין מענטש ניט," טענהט ער איין מיטן נעגער־גלח. ראלף וויל אנטיילנעמען אין אן אויטא־רעיס, נאר דער פארוואלטער דערקענט, אז ער איז א נעגער, און דערקלערט, אז קיין נעגערס ווערן ניט צוגעלאזט. ראלף טרינקט זיך אן און לאזט זיך מיט זיין „רעיסער" איבער גאסן און פארט איבער א פרוי, און דער עולם שרייט: לינטשן!

אין „שווארץ און ווייס" האנדלט זיך וועגן דעם יידן דזשאו און דעם נעגער דזשאן, וואס ווילן איינער פון צווייטן אנטלויפן די אכצן יאר, וואס זיי קענען זיך, און קאנען ניט. דזשאו נוצט תמיד אויס דזשאנען אין זיינע געשעפט־ספעקולאציעס. דזשאן פארדעכטיקט ניט, אז דזשאו מיינט ניט זיין טובה, און ער פאלגט דזשאוען. ביז דזשאן פאלט דורך דזשאוען אריין. דאן כאפט אים דזשאן אן פארן האלדז און „דזשאו צאפלט מיט די פיס."

אין „א נעגער שטארבט" ברענגט דער נעגער טעקסי־מאן דזשעקסאן אהיים דעם שכורן נעגער בראון און נעמט ביי אים צו דאס ווייב. צום סוף דערשטעכט בראון דזשעקסאנען אין סאלון.

אין „א שטאט אין דער וועסט" איז דער נעגער פארקער דער דזשעניטאר פון יידישן טעמפל, נאר ער איז אליין א גלח און ער פארברענגט מיט ראבאי פרידמאן אין דיסקוסיעס וועגן דער ביבל. דער נעגער אינטערעסירט זיך אויך מיט דער טעמפל־פאליטיק.

פסח מארקוס פארמאגט ניט אין זיין בוך קיין איין פאזיטיוון טיפ. אויב דער נעגער איז שלעכט, עראטיש, שכורט, איז דער ייד אויך ניט קיין צדיק. מארקוס געפינט זיינע אידעאלע טיפן אין זיינע לעצטע דערציילונגען וועגן דער אלטער היים אין דער ליטע, נאר זיי זיינען אין דעם בוך ניט פאראן.

פעסי באד איז דער מחבר פון א בוך דערציילונגען, וואס איז דערשינען אין 1941. זי דרוקט זיך ניט לאנג אוז, ווי מארקוס, האט זי אין איר בוך א צאל זאכן פון נעגער־לעבן. אין „א חשד" ווערט א יונגער נעגער העראלד אומזיסט באשולדיקט אין א מארד פון א ווייסן. מען פייניקט

אים אין טורמע, נאָר שפּעטער ווערט ער באַפרייט. ווען ער קומט אַהיים, געפינט ער זיין פאָטער טויט פון אַ האַרץ־שלאָג.

„הילדא" איז אַ נעגער־קינד, וואָס ליידט אין דער פּאָבליק סקול פון דער ווייסער לערערין. ביז עס קומט אַ נייע יונגע פּראָגרעסיווע לערערין און זי באַפריינדט זיך מיט איר. אויך אַ פּאָר ווייסע קינדער דערנענטערן זיך צו הילדאן. הילדא ווערט איבערגעפּאָרן. אירע נויטבאַדערפטיקע על־טערן ווערן פאַרפאָלגט פון אַ יידישן אַדוואָקאַט, וואָס זאָגט זיי צו אַרויס־צוקריגן אַ גוטן סעטלמענט מיט דער קאָמפּאַני. זיי געטרויען אים נישט. אַ בילד פון אָרימסטן נעגער־לעבן אין ניו־יאָרק. אומצוטרוי צום ווייסן. מורא און שאַנד.

„דזשאָן" איז אין כעס, וואָס די מאַמע, אַליין אַ נעגערין, רופט אים שטענדיק „שוואַרצער". ער האָט פיינט געהאַט זיינע אייגענע, ווייל זיי זיינען געווען מולאַטן און ער איז געווען דער איינציקער אמת־שוואַרצער. ער האָט דערפון געליטן ביי דער אַרבעט, אין גאַס און צווישן פריינט. צום סוף שלאָגט ער אויס פּראָטעסט אַן דער מאַמען.

אַ דריטל פון פּעסי באַכס בוך באַשטייט פון נעגער־דערציילונגען. זי איז דער קעגנזאַץ פון פּסח מאַרקוסן. איר סימפּאַטיע איז שטענדיק אויף דער זייט פון דעם אָרימען קינד און פון דעם ניט־אָנערקענטן, פאַר־שטויסענעם און אונטערדריקטן נעגער. ער איז ביי איר איינער פון אירע אַלגעמיינע טיפּן פון בוך, וועלכע זיינען קרבנות פון אַן אומאָרדענונג, וואָס רופט זיך אָרדענונג.

די געזעלשאַפטלעכע דערוואַכונג, דאָס אַנטייל נעמען אין אַ פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג קעגן דער סקאָטסבאָראָ פאַרשווערונג, איז די טעמע פון י. א. ראַנטשס דערציילונג „די גריפינס פון וויליאַם סטריט", געדרוקט אין דער „מאָרגן פרייהייט", אַפּריל 27, 1940.

אין משה שיפריסעס בוך „ציגל", וואָס איז אַרויס אין 1929, שטעלט זיך דזשים דער ווייסער אַיין פאַר די שוואַרצע, וואָס אַרבעטן צוזאַמען מיט אים אין דער ציגלניע. ער אָרגאַניזירט זיי צו אַ סטרייק. די קלעניקעס רעכענען זיך אָפּ מיט דזשימין און זיי באַפאַלן די נעגערס. דזשימס גע־ליבטע, אַ נעגערין, „דערפילט אין זיך דעם צאַפּל פון אַ נייעם לעבן."

5. פּאַרעם שילדערט אַ נעגער־פּאָרל אין אַ דערציילונג „דאָס געזעץ קאָן מען ניט אָפּנאַרן", אין בוך „קאַרמען" (1939).

דאָ זיינען אָנגעגעבן געוואָרן דערציילונגען, מיט וועלכע דער שרייבער איז באַקאַנט. ס'איז אין קיין פאַל ניט קיין אויסגעשעפּטער מאַטעריאַל. ניט אַלע דערשינענע אין אַמעריקע ביכער קאָן מען קריגן אין ניו־יאָרקער ביבליאָטעקן. ס'איז בכלל ניטאָ קיין גענויער קאַטאַלאָג פון יידישע אויסגאַבן אין אַמעריקע.

דר. הערי אָווערסטריט, דער באַוואוסטער פּסיכאָלאָג, האָט אין צוויי אַרטיקלען אין דער „סאַטורדעי רעוויו און ליטעראַטשור" (אויגוסט 26 און סעפּט. 2, 1944) אויפגעהויבן די פראַגע: צי קענען און צי פאַרשטייען די אַמעריקאַנער בעלעטריסטן דעם נעגער? ער דערקלערט, אַז זיי זיינען אין אַ גרויסער מאָס געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַ סך פאַלשע און פאַרפירערישע פאַרשטעלונגען וועגן נעגער, וואָס האָבן באַאיינפלוסט דעם לייענערס מוח. זיי, די שרייבער, האָבן אים מערסטנס באַנוצט אַלס מאַטעריאַל פאַר דער פאַרוויילונג פון ווייסן לייענער, אָדער ווי אַ באַווייז צו אונטערשטרייכן דעם ווייסנס סופּעריאָטעט. אָדער זיי האָבן דורך דער פעדער אָנגעפירט דעם גערעכטן קאַמף פאַר אים. נאָר בשעת זיי האָבן דאָס געטאָן, האָבן זיי פון אים געמאַכט אַ טיפּ, וואָס איז צו גוט פאַרן לעבן, אָדער זיי האָבן אים פאַרוואַנדלט אין אַן אָביעקט פון רחמנות. קיין רעספּעקט צו אים האָבן זיי מיט זייער שרייבן ניט אַרויסגערופן. זעלטן, זאָגט דר. אָווערסטריט, האָבן די שרייבער געפרואווט שאַפן אַ נעגער־טיפּ פון אַ גאַנצן מענטשלעכן וועזן, וואָס זאָל פּסיכאָלאָגיש פאַרשטאַנען ווערן און אָפּגעשאַצט ווערן פון ווייסן לייענער. ער האַלט אָבער, אַז אין די לעצטע עטלעכע יאָר האָט זיך אָנגעהויבן באַווייזן אַ נייגונג אין דער אמתער ריכטונג, און ער ברענגט ריטשאַרד רייטס ראָמאַן „נעיטיוו סאָן" אַלס אַ ביישפּיל פון דער שלעכטער ווירקונג פון דעם אָרום אויפן כאַראַקטער. דאָס זעלבע איז אויך חל אויף ליליען סמיטס ראָמאַן „סטרעינדזש פרוט".

אין אונדזער ליטעראַטור איז נאָך דערוויל ניט געשאַפן געוואָרן קיין ראָמאַן מיט קיין נעגער אַלס אַ הויפּט־העלד. מיר האָבן זיך נאָך ניט גענוג איינגעבירגערט ליטעראַריש. מיר האָבן נאָך פאַקטיש ניט קיין איין

גוטן יידישן פאָלקס־מענטשן אָפּגעשפּיגלט אַלס אַ טיפּ אין אַ היגן ראָמאַן, שוין אָפּגערעדט פון אַן אַמעריקאַנער געבוירענעם ייִדן, אָדער פון אַ גוטער דערציילונג וועגן היגער יידישער יוגנט.

דאָך דוכט זיך מיר, אַז פון דעם וואָס איך האָב געלייענט וועגן נעגערס אין אונדזער ליטעראַטור קומט ער אַרויס מער מענטשלעך, מער פאַרשטענדלעך, ווי אין אַ סך ווערק אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור. ער ווערט ניט סענטימענטאַליזירט, ער ווערט ניט איבערשאַצט אָדער אונטערשאַצט. דער יידישער שרייבער מיט זיין סאָציאַלן צוגאַנג צו זיין שאַפן, פאַרשטייט די לאַגע פון נעגער און ער זעט שטענדיק דעם רעאַלן, ניט פריינטלעכן אַרום, וואָס האָט זיין אומגינסטיקע ווירקונג אויפן נעגערס לעבן. דער יידישער שרייבער, אַ קינד פון אַ ליידנדיק און פּראָטעסטירנ־דיק פאָלק, קאָן דערפילן און דערהערן דעם נעגערס שטומען אָדער אַקטועלן פּראָטעסט קעגן ווייסן. עס ווענדט זיך, נאַטירלעך, אין שרייבערס טאַלאַנט דאָס אַרויסצוברענגען.

ה

איבער דער דערציילער אָפּערירט מערסטנס מיט ניכטערע פאַקטן און רעאַלע בילדער, איז אָבער דער פּאָעט, פריער פאַר אַלץ, עמאָציאָנעל. די גרויסע צאָל לידער און פּאָעמעס, וואָס עס זיינען פאַראַן ביי אונדז וועגן נעגער, איז דער רעזולטאַט פון דעם דיכטערס אויסגעשריי וועגן דער מיאוסער באַהאַנדלונג, וואָס זיין מיטבירגער דער נעגער דאַרף אויס־שטיין אין זיין אייגן לאַנד. ער רעגיסטרירט זיין פּראָטעסט, דער יידישער דיכטער. ער טוט דאָס אויף אַ לירישן אָדער אויף אַ דידאַקטישן אופן. וואָס שטאַרקער און בולטער דער וויי־אַקט קעגן נעגער, אַלץ העפטיקער און מערער זיינען די פּראָטעסט־לידער פון יידישן דיכטער. דערפאַר פאַרמאָגן מיר אַזוי פיל לידער קעגן לינטשעריי און פּראָטעסטן קעגן דער סקאָטסבאָראָ קעיס. נאָר די טעמעס ווערן וואָס ווייטער אַלץ פילזייטיקער און די קינסטלערישע קוואַליטעט זייערע — דערהויבענער.

דוד עדעלשטאַט, וואָס איז געווען פון די ערשטע צו שרייבן וועגן נעגער אין זיין קליינער צאָל פאַרעפנטלעכטע דערציילונגען, איז אויך געווען צווישן די ערשטע דיכטער, וואָס האָט געשריבן אויף דער טעמע.

אין זיין ליד „דזשאן בראון" פארגלייכט ער דעם ארבעטער צום נעגער־שקלאף. ער זאגט:

„צוזאמען מיט אונדזער ברודער דעם שווארצן
זיינען מיר פארקויפטע קנעכט;
דאך לעבט דזשאן בראון אין אונדזער הארצן —
דער גייסט פון פרייהייט און רעכט."

און יהואש, וואס איז געווען באאיינפלוסט אין זיינע לידער פון אלטן יידישן קוואל, פארמאגט איינס פון די פראכטפולסטע נעגער־דיכטונגען אין אונדזער ליטעראטור. זיין „לינטשן" איז געשריבן געווארן אין ביבלישן טאן.

„דיינע נעגל האסטו
אין זיין ריפ געגראבן,
מעסערס אין זיין ברוסט געשטאכן.
אים א גוססן באשפיגן,
אים געלאזט זיך וויגן
אויף א בוים."

דאס ליד איז דאטירט 1919.

דער ערשטער יידישער שרייבער, וואס האט געשטעלט די סאוט אויף דער יידישער ליטעראַרישער מאפע, איז געווען י. י. שווארץ מיט זיין בוך עפישע פאעמעס „קענטאקי". דאס ווערק איז געבליבן קלאסיש אין אונדזער ליטעראטור, ערשטנס, צוליב זיין הויכן קינסטלערישן ווערט, צווייטנס, צוליב דער פרישקייט און נייקייט פון דער טעמע, און דריטנס, צוליב זייןברייטן פארנעם. ביז איצט האט קיינער נאך ניט, סיי אין דער פראזע, סיי אין דער פאעזיע, איבערגעשטיגן י. י. שווארצס „קענטאקי". דאך ליידט דאס בוך פון א פאר קארדינאלע חסרונות, וואס זיינען פארדריסלעך, נאר די שולד ליגט אין דיכטערס אסאציאלקייט, אין זיין פארשטעלן זיך די אויגן, כדי ניט צו זען דעם ביטערן אמת.

„קענטאקי" איז אן עפישע אידיליע, הגם עס שפילן זיך אפ אין ווערק טראגעדיעס, נאר איבער אלץ וויעט אן אנהויך פון אביעקטיוויטעט און רואיקייט.

דער ייד דזשאש קומט מיטן „פאק" קיין קענטאקי, גלייך נאכן בירגער־קריג. די ניט־יידישע איינוואוינער, די ווייסע, העלפן זיך אים איינארדנען. זיי האבן פריער קיין יידן ניט געזען אין זייערע געגנטן. מיט דער צייט ארבעט ער זיך ארויף, ווערט רייך, און זיין זון האט חתונה

מיט א שיקסע, און דאס אייניקל גייט אי אין קירך, אי אין סינאגאגע, וואס דער זיידע האט געהאלפן גרינדן. ס'איז די געשיכטע פון יידישן אויפגעקומענעם אימיגראנט אין א פארוואָרפענעם ישוב. די שילדערונגען זיינען עכט־קינסטלעריש, לויטער און שטאנדהאפטיק. די געשיכטע פון דזשאשן און זיין דור ווערט איבערגעגעבן אין דער פאעמע „נייערד". זי פארנעמט דעם הויפט־טייל פון בוך. אנגעשריבן איז זי געווארן אין 1921. די אנדערע פאעמעס אין „קענטאקי" זיינען „דזשאן", „דזשאו" און „דזשארדזש וואשינגטאן". דער העלדישער דזשאן האט ליב געהאט פרויען, פערד און בראנפן, לויטן נוסח קענטאקי. נאר דזשאן ווערט דערשאסן פון א פאטער, וועמעס פופצן־יעריקע טאכטער ער האט פארפירט. דער טאן איז דא א געלאסענער, דער ריטם א פאמעלעכער; אידיליש־עפיש.

„דזשאו" איז א יידישער פעדלער, וואס האט זיך פארטשעפעט מיט א קענטאקיר שיקסע און ער האט פארגעסן צוריקצוקומען פעדלען אין אירע מקומות. האבן אירע ברידער אים אויפגעזוכט אין זיין שטאט, אין זיין יידישער היים, און זיי ברענגען אים צוריק צו זיך, און ער האט חתונה מיט דער שוועסטער, נאר איר ייִנגערער ברודער טראגט אויף אים א האס, און איינמאל דערלאנגט ער אים אזעלכע קלעפ, פון וועלכע דזשאו שטארבט.

„דזשארדזש וואשינגטאן" איז וועגן נעגער־לעבן. אין „נייערד" קומט דער ייד אין טעגלעכן קאנטאקט מיטן נעגער. דזשאשעס שכנים זיינען ווייסע, דאך געפינען זיך נעגערס שטענדיק ביי דזשאשן אין הויף און זיין געטרייער דינער סעם איז מיט זיין באלעבאס ביז זיין האר גייט אוים פאר זיינע אויגן.

אונדזער ערשטע באקאנטשאפט מיטן נעגער ביי שווארצן קומט פאר, ווען דזשאש פארמאגט שוין א ברייטן הויף, וואס איז „פול געווען מיט ברוכווארג, מיט שטיקער אלטע שימלדיקע אייזנס, מיט טויזנטער פאר־שטויבטע אלטע פלעשער."

דארט זיינען אין שאטן פון אלטן שייער געשטאנען צוויי געבויגענע פיגורן:

„א גרויסער שווארצער נעגער אויף די קני,
האלב־נאקעט, גלאנצנדיק, די רויטע צונג
פארביסן אין די שטשירענדיקע ציין,

פעסט האַלטנדיק אַז אײַזן אין די הענט,
און ס'האָט דער ייד געבראָזגעט אויפֿן אײַזן,
געשווינגט דעם שווערן האַמער און געשלאָגן,
און איטלעך מאָל, ווען ס'איז דער האַמער אויסגעפֿאַלן,
האָט זיך דער נעגער אויף צוריק געכאַפּט,
ניט אָפּגעלאָזט די רויטע שווערע אויגן
פֿון פֿליענדיקן האַמער אין דער לופֿט."

דזשאָשעס פֿרוי טרעפֿט אָפּט איר זונעלע יאַנקעלע (דזשעיקאָב) אויפֿן קאַרק פֿון הויכן גראָבן גלאַנצנדיקן נעגער.

„דער נעגער טאַנצט און לויפֿט איבערן הויף,
און שפּרינגט מיט אײַזערנע און שוואַרצע פֿיס
אויף פֿלעשער גלאָז און שטעכעדיקע אײַזנס.
און איר, דער מאַמען, פֿאַלט דאָס האַרץ אײַן, ציטערט,
דער ווילדער שוואַרצער מענטש זאָל דאָס קינד ניט צעשעדיקן."

צווישן דער יידישער משפּחה און דעם נעגער אין הויף זײַנען די באַציאונגען אין פּרט פֿון ראַסע גלײַכע. דער ייד דער אימיגראַנט קוקט אויפֿן נעגער ווי אויף אַ פֿיזיש ריזיקן און גײַסטיק פּרימיטיוון, גוטמוטיקן מענטשן, נאָר זײַן דאָ דערציִיִגענער דזשעיקאָב איז שוין אַנגעשטעקט פֿון די פֿאַראורטיילן, וואָס די ווײַסע סביבה פֿאַרשפּרייט קעגן שוואַרצן שכן.

דזשאָש טוט אָבער אײַנטענהן מיט זון, „דערציילט די פֿיינע מעשה פֿונם חומש, פֿון פֿאָטער נח מיט די זין: פֿון שם, פֿון חם און יפֿת, אַז דער ברודער חם איז דאָך ניט שולדיק פֿאַר זײַן שוואַרצער הויט, נאָר דזשעיקי האַלט זיך ביי דאָס זײַניקע: אַ נעגער איז אַ נעגער — און דאָס גאָר."

די עלטערן זײַנע קוועטשן מיט די פּלייצעס און קאָנען אים ניט פֿאַרשטיין.

עס שטאַרבט אַ קינד ביי דזשאָשן. די ערד נעמט עס צו און דאָס לאַנד ווערט אים שוין אייגן דורכדעם. עס ווערט געבוירן נאָך אַ זון. מען פּראַוועט אַ ברית. אַ שוחט קומט אַראָפּ פֿון אַן אַנדער שטאָט צוליב דער סעודה, און ווען ער פֿאָרט אַוועק לאָזט ער איבער נאָך זיך אַ שטעל־פֿאַרטרעטער — דעם נעגער, „וואָס האָט זיך אויסגעלערנט שעכטן ווי דער ראַביי. אנשטאָט דאָס קעפּל אָפּדרייען, ווי פֿריער, איז ער זיך קורם כל מכוין צו דער אַרבעט: ער נעמט דאָס הינדל פֿאַר די פֿליגל אַן און פֿליקט די פֿעדערן פֿון דינעם העלדזל, פֿאַרגלאָצט די ווײַסע אויגן אין דער הויך

און פירט אין העלדזל מיט א שטומפּיק מעסער." אין דעם שטעקט די איראָניע פון דיכטער איבער דער פאַרשווינדנדיקער יידישקייט, וואָס לאַכט אָפּ פון זיך אַליין.

פון שטעטל איז געוואָרן אַ שטאָט און דער ייד איז מיט איר אויס־געוואַקסן. ניט ווייט אָבער פון דער פאַרפּוצטער הויפּט־גאַס פאַרקריכט מען גלייך אין דער נעגערשער געטאָ, וואו „די ברעטלדיקע הייזלעך זיינען אַן פענסטער און אַן קוימנס."

עס קומען אַן ליטווישע און דייטשע יידן אין שטאָט. די צוויי שיכטן יידן האָבן זיך ניט ליב. די ליטוואַקעס באַזעצן זיך אין די אָרימע טיילן פון שטאָט. זיי זיינען די שניידערס, די שוסטערס, די היטלמאַכערס. זיי וואוינען אין שכנות מיט „די וואוילע שוואַרצע".

י. י. שוואַרץ שטעלט זיך אָפּ אויף די באַציאונגען צווישן אימי־גראַנטישן ייד און דעם נעגער און ער קומט צום פאָלגנדיקן שלוס:

„און מערקווירדיק איז עס געווען: ווי שנעל
די מענטשן אַן אַ צונג האָבן באַגריפן —
און קלאָרער זאָגנדיק — דערשמעקט, דערטאַפּט,
דעם נאַקעטן מהות פון פרעמדן נעגער,
פון דער עקזאָטישער און ווייטער ראַסע,
מיט יעדן זייער קנייטש און ריר און דריידל,
מיט זייער אויפריכטיקן קינדערשן לאַכן
און מיט דעם שפּעטער איינגעפלאַנצטן אומעט,
מיט זייער גוסט און ריין טראָפּישן געשמאַק.
און ס'איז געווען נאַטירלעך, וואָס דער נעגער
האָט פון זיין צד באַלד דערשמעקט אַז די —
זיי זיינען עפּעס נענטערע מענטשן;
געהערן טאַקע צו דער ווייסער ראַסע,
נאָר ווייסע ראַסע פון אַן אַנדער מין."

און, ווי שוין דערמאָנט, איז דאָס געווען בלויז אָנגעווענדט אויף דעם אימיגראַנט און ניט אויף דעם דאָ־געבוירענעם זון. ווי מיר ווייסן שוין, האָבן דעם זעלבן געדאַנק אויך אַרויסגעבראַכט די שפּעטערדיקע שרייבער אַפּאַטאַשו און גלאַזמאַן. דזשאַשעס זון דזשעיקאָב איז שוין אויפגעוואַקסן אין דער נייער לופט און דער אַלטער יידישער קרעכץ און טרויער האָבן ניט געהאַט די שליטה איבער אים, צו מאַכן אים פילנדיק און געקרעכצט צום אונטערדריקטן. דער יונג איז ניט געוואָרן איינער פון

מאַכ, נאָר ער האָט צוגעזען אַ לינטשינג מיט אירע גרוילן און ניט אָנגע־נומען זיך פאַר די געליטענע.

דזשאַשעס קינדער וואַקסן אויס און מישן זיך אויס מיט דער ליליע־ווייסער אַטמאָספערע פון דער סאַוט. בלויז דער אַלטער דזשאַש, וואָס איז זאַט אין געלט און אין יאָרן, פילט זיך אַפּט פרעמד און איינזאַם דאָ. דאַן ווענדט ער זיך צום אַלטן סעם, דעם ערשטן נעגער, וואָס האָט אָנגע־הויבן מיט אים צו אַרבעטן אין יענע יאָרן. סעם איז שוין אויסגעדינט, דאָך הייסן הייסט עס, אַז ער פאַרדינט זיך נאָך זיין ברויט.

דזשאַש און סעם פילן זיך גוט צוזאַמען. ביידע דערציילן זיך ניט־געשטויגענע, ניט־געפלויגענע מעשות. און דזשאַש שטאַרבט אַ רואיקער אין שלאָף.

אַט אַזוי האָט י. י. שוואַרץ פאַראייביקט אין דער יידישער ליטע־ראַטור דעם ניט־טיפּישן פאַר דער סאַוט יידן. עס זיינען זיכער געווען אַ צאָל יידן, וואָס זיינען געקומען מיטן פּאַק אין לעצטן יאָרהונדערט און האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט, נאָר די מערסטע יידן, וואָס האָבן זיך באַזעצט סיי אין דער סאַוט, סיי אין דער וועסט, האָבן זיך איינגעאָרדנט ניט ערגער און ניט בעסער ווי דער געוויינטלעכער איינוואוינער דער דאָרטיקער.

די גרויסע פּאָעמע „דזשאָרדזש וואַשינגטאָן” איז אינגאַנצן גע־ווידמעט דעם נעגער־לעבן. ווי די פריערדיקע טיילן פון בוך, איז אויך די זאַך געשריבן געוואָרן אין אַ אידילישן טאָן. דזשאָרדזש איז דער פריי־לעכער קבצן, וואָס ווען ער קומט אָפּנעמען די וועכנטלעכע שכירות פאַר זיין אַרבעטן מיט אייזלען און פערד, זינגט ער און טאַנצט און טרינקט זיך אָן און גייט צום „היברו־מאַוז” אויסלייזן זיינע זונטיקדיקע בגדים, וועלכע ער פאַרזעצט גאַנץ פּינקטלעך יעדן מאָנטיק.

זיין ווייב מעגי קען איר מאַן, נאָר זי איז אויך אַזוי גוטמוטיק ווי ער. זיי קריגן זיך אויף אַ הומאָריסטישן אופן. זי זאָגט אים אַריין אין זיבעטן ריפּ און ביידע האָבן הנאה דערפון. דאָס לעבן פליסט ביי זיי נאָרמאַל. זייער סאָציאַלע ניט־גלייכקייט ווערט פון דיכטער אינגאַנצן פאַרשוויגן.

י. י. שוואַרץ שילדערט אַ גאָטעסדינסט אין קליינעם נעגערשן קירך־הויז, וואו די לידער־תפילות ווערן געזונגען מיט עקסטאַז און די באַ־

גייסטערונג דערגרייכט „צום ווייסן שוים ארום די שווארצע מיילער.״ דא פילט זיך דער הייסער אָטעם פון יידישן דיכטער, וועמען דער גייסט פון רעליגיעזן אויסגעשריי איז גוט באַקאַנט פון דער יידישער שול און וועמעס ביבלישע נעגער־מאָטיוון זיינען אים נאָענט.

„אָ, מרים, ניט באַדויער און ניט וויין,
אָ, מרים, ניט באַדויער און ניט וויין,
פּרעהס חיל איז דערטרונקען —
אָ, מרים, וויין ניט מער!״

נאָר אויך אין דער קירך שפּילט זיך אָפּ די מענטשלעכע דראַמע. דזשאַרדזש איז אייפערזיכטיק אויף טאָמאַסן, וואָס קומט ניט אריין אהער דאַוונען, נאָר אַראָפּפירן די ווייבער פון גלייכן וועג. דעם נעגער, זאָגט ער, דאַרף מען לינטשן, ווייל ער איז אַ לײדיקגייער און ער לעבט אויף די קעסט פון מענערס האַרעוואַניע.

טאָמאַסן געלינגט אָבער צו ווערן דער גאַסט צום טענקסגיווינג־מאָלצייט ביי דזשאַרדזשן אין הויז, ווייל מעגי איז צו אים ניט גלייכגילטיק.

טאָמאַסעס סוף איז ניט קיין גוטער. ער ווערט מיט דער צייט גע־בראַכט פאַרן ריכטער און פאַרמשפּט צום טויט. ער קוקט אויף לינקאָלנס בילד אין געריכט און וויינט פון טיפן צער.

„פּאָטער לינקאָלן, האָב דו רחמנות אויף אַ בלודנעם נעגער!״

ווען „קענטאָקי״ איז דערשינען האָט דאָס געמאַכט אַ רושם אין אונדזער אַמעריקאַניש־יידישער ליטעראַטור. „דזשאָרדזש וואַשינגטאָן״ איז געווען נאָר אַ נייעס. די פרישקייט פון עפּישן פערז און פון דער טעמע, שווארצס זוניקייט אין אַלץ, צו וואָס זיין פען רירט זיך צו, האָבן דערפרייט דעם לייענער. דזשאַרדזש, מעגי און טאָמאַס זיינען אים געוואָרן נאָענט. די אילוזיע איז געווען שיין.

דער קריטיקער נח שטיינבערג האָט אין זיין „פּאָרטרעט״ וועגן י. י. שווארץ געשריבן: „שווארץ האָט פּרובירט שילדערן דאָס לעבן פון צוויי פעלקער: יידן און נעגער, און עס מעג אויסזען פּאַראַדאָקסאַל, אָבער אַזוי איז דאָס: כאָטש שווארץ איז אַ ייד, איז אים בעסער גע־לונגען צו געבן די פּאָעזיע פון די נעגער, ווי פון די יידן. צו די נעגער האָט ער געשאָנקען זיין עקסטאַז, זיין אינספּיראַציע, זיין הומאָר און זיין ברייטן דיכטערישן שוואונג.״ (אידיש אַמעריקע, זאַמלבוך, 1929.)

נאָר שוואַרצס צוגאַנג צום נעגער־לעבן איז געווען פאַלש און פאַר־פירעריש. די אומגעהייערע ליידן פון דעם נעגער אין דער סאַוט, די קלוקס קלען גרויל, דער פחד פאַרן ווייסן בכלל, די עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און סאָציאַלע דיסקרימינאַציע — אַלץ האָט געקאָנט קינסטלעריש באַרירט ווערן. י. י. שוואַרץ האָט זיך אָבער באַנוגנט מיט קוקן אויף איין ווינקל פון נעגער־לעבן, און דאָס אויך מיט ראָזעווע בליקן.

און עס איז אַ גרויסער שאָד. צוליב דער פּאָפּולערקייט פון „קענטאַקי" האָט דאָס ווערק געקאָנט האָבן אַ באַאיינפלוסנדיקע ווירקונג אויף זיינע לייענער. דער איינפלוס איז פאַראַן, נאָר אין אַ פאַרקערטן זין.

עס פילט זיך אַ גלאָריפיצירן פון יידישן גביר און אַ פאַראידיליעווען פון פינסטערן לעבן פון נעגער. פון אַ יידישן דיכטער, אַז אַפשטאַם פון נביאים־פאָלק, האָט מען געקאָנט און געמעגט דערוואַרטן אַן אַנדער צוגאַנג צום נעגער־פאָלק.

„קענטאַקי" איז אַ רויז אין דער יידישער ליטעראַטור, נאָר אירע דערנער שטעכן מער ווי אַ געוויינטלעכע רויז.

ו

י. י. שוואַרץ באַלאַנגט צו דער פּלעיאַדע פון די „יונגע" אין אונדזער דיכטונג, נאָר קיין טאָן־געבער ביי זיי איז ער קיינמאָל ניט געווען. דערפאַר אָבער האָט מ. ל. האַלפּערן איבערגעלאָזט אַ טיפן חותם ניט בלויז אויף זיין דור פּאָעטן, נאָר אַ צאָל פון די שפּעטערדיקע פּראָלעט־פּעניקעס זיינען געשטאַנען אונטער זיין פּאָעטישער ווירקונג.

מ. ל. האַלפּערן האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין רויטבלוטיקן דיכטערישן צאָרן און מיט זיין בייטשיקער סאַטירע. אין זיין ליד „סאַלוט" האָט ער פאַראייניקט ביידע.

„ביי אונדז אין לאַנד איז אויך עפּעס דאָ —
און וואו קיין לאָמטערן־סלופּ איז נישטאָ,
איז דאָ אַ בוים, און דאָס מיינט דאָך קלאָר,
אַז אַ נעגער איבער צוואַנציק יאָר
מעג האָסן אַלץ וואָס שטרעקט זיך אַרויף
צום האַלטן דעם, וואָס מען הענגט אים אויף.
נאָר יענער וואָס איך האָב שטאַרבן געזען
קיין פופצן איז ער ניט אַלט געווען."

דער פּאָעט באַשרייבט די לינטשינג פּראָצעדור און דאַן גיט ער צו —

„אָבער ניט נאָר האָט מען דעם בהמהניק
פאַרוואָרפן אַרום האַלדז אַ שטריק,
נאָר די פאָן פון דער רעפּובליק האָט מען אויך
אַרויפגעצויגן אין דער הויך —
און דער הימל איז בלוי — אים גייט ניט אָן —
און ביים ווינט איז אַ שמחה מיט דער פאָן,
און איך — אַ געשלאָגענער הונט — ניט אַ וואָרט.
ניט אַריינגעלייגט גאָרנישט — אַ שותף צום מאָרד.״

די קרעפטיקע פּאָעמע „סאַלוט״ האָט האַלפּערן אָנגעשריבן אין 1929.

אַ צווייט ליד זיינס הייסט „דאָס ליד פון דער נעגער־מויד״. פאַרגוואַלטיקט די מויד און „דער ווייסער לאַכט און ער גייט פאַרביי און אַ גרוס מיט אַ פוס, און אַ צוגאָב אַ שפּיי.״

די וואָס האָבן האַלפּערינען געקענט פּערזענלעך גיבן איבער, אַז דאָס נעגער־פּראָבלעם האָט אים שטאַרק אָנגערירט. ווען ניט זיין פּריצייטיקער טויט (אין 1934), וואָלט ער מסתם געשאַפן מער לידער אויף דער טעמע.

ז. וויינפּער, האַלפּערנס חסיד און תלמיד, איז אַוועק אויף אַנדערע דיכטערישע וועגן. זיין פערז איז גוטמוטיק און ווייך. ער איז אויך פּשוטער און ערדישער ווי האַלפּערן. צווישן די ערשטע לידער, וואָס קינדער האָבן אין די יידישע שולן דאָ געלערנט, איז געווען זיין „די מעשה פון נעגערל און שלעגערל״.

„די הויט פון שלעגערל — אַ ווייסע,
און אַ שוואַרצע ביי דעם נעגערל.״

פאַרוואָס האָט דאָס ווייסע ייִנגל געשלאָגן דאָס נעגער־קינד? ענטפערט דערויף דער דיכטער:

„גאָרניט האָט דאָס שלעגערל
מיטן שאַרפן עלנבויגן
געהאַט צום גוטן נעגערל
מיט די טרויעריקע אויגן.״

דאָס ליד איז צאַרט און אַזוי פּשוט און עס נעמט אייך דורך מיטן גרויסן אמת, וואָס עס ברענגט אַרויס: אַז דאָס שלעגערל מיטן שאַרפן עלנבויגן האָט ליב געהאַט אַ שטורכע טאָן דאָס נעגערל מיט די גרויסע שוואַרצע אויגן.

אין זיין נייעם בוך „דאָס געזאַנג פונם גלוּבּיקן" (אַרוּיס אין 1943), וואו וויינפּער דער קולטור־שליח באַזינגט די שיינקייט פון אַלע טיילן פון לאַנד, שטעלט ער זיך אָפּ אויף דער טרויעריקער לאַגע אין דרום, וואו מען „דערלאַנגט דעם נעגער־מענטש אינם האַלדז און נאַקן." און אין דער פּאָעמע „שוואַרץ־ווייס" ווענדט ער זיך צו אייב לינקאָלן מיט —

„נאָר טירן זיינען אין דיין לאַנד נאָך אַלץ באַזונדער
פאַר שוואַרצע און פאַר ווייסע."

די זון אין אַטלאַנטא איז מילד, נאָר האַרט איז איר אָרעם; און אַלאַבּאַמאַ איז די ערד מטמא; און קאַראָליינאַ באָדט די גלידער אירע אין בלוט, וואָס פליסט פון שוואַרצער הויט; און „ניט קיין גרויסע שוואַרצע פלוים הענגט אַרונטער פון אַ בוים אין דרום, נאָר דאָס האָט דער ווייסער אָרעם אַ שוואַרצן ברודער אויפגעהאַנגען."

איינער פון אונדזערע עלטערע יידישע דיכטער, ה. ראָזנבלאַט פון קאַליפאָרניע, האָט אין זיין לעצטן בוך („מיין ליכטיקע נסיעה", פאַרלאַג ל. מ. שטיין, שיקאַגאָ, 1944) אַ סעריע „מיסיסיפּי", וואָס פאַרנעמט 21 זייטן. „דער בונט פון איינעם" איז אַ באַלאַדע פון אַרום 500 שורות. דער ווייסער היימלאָזער האַלצוועקער אבנר חברט זיך מיטן שוואַרצן עמוס, וועלכער

„טראָגט אין לייב אין שוואַרצן,
דאָס ליד פון מיסיסיפּי טאָל."

ה. לייוויק האָט אין זיין בוך „נייע לידער" (1932) אַ סעריע אויף נעגער־טעמעס. זיין „נעגערשעס" איז קרעפטיק און אַרויסרופנדיק. ער רעדט דירעקט צום נעגער:

„דוכט זיך, — וואָס? — איך בין אַן איבערגעפּייניקטער אַליין,
אַן אויפגעהאַנגענער, ווי איר, אויף שטריק פון ראַסע;
מיין אויסזען איז פאַר אייך ניט וויניקער געמיין,
ווי דאָס אויסזען פון אַ יעדן פון אַ לינטשער־מאַסע."

דאָך שלאָגט ער פאָר, אַז דאָס יידישע ליד זיינס זאָל זיין פון די ערשטע צו פאַרבינדן חברשאַפט צווישן מחנות פיינט.

אין אַ צווייט ליד, „ווייסע לבנה", וועט ער מיט נעגערס אַרויסגיין און פאַרכאַפּן די ווייסע לבנה, ווייל, „אַחוץ אונדז, ווער אַנדערש קאָן

דארפֿן דאָס חיות פֿון וווייסקייט צו זאַפּן." אין דריטן ליד „לינטש" טאַנצט איבער זאַלן אַ ווייסער סקעלעט און אַ שוואַרצער סקעלעט האַלט אין איין פֿאַלן. אין פֿערטן ליד זינגט ער וועגן אייניקל פֿון אַנקל תּם.

אין זיין גרויסער פּאָעמע „אַ בריוו פֿון אַמעריקע צו אַ ווייטן פֿריינט" זינגט ער:

„ליפּן נעגערשע, — וויפֿל צערן
עס הענגען פֿון זיי אַרונטער ווי די זעק,
און וויפֿל געדולד הינטער זיך זיי פֿאַרשפּאַרן
יעדעס מאָל, ווי די צונג גיט זיי אַ לעק."

לייוויק איז שטאַרק סוביעקטיוו. דער נעגער רופֿט ביי אים תּמיד אַרויס אַ געפֿיל פֿון אַ מין שולד צו אים. ער פֿילט אַ קרובהשאַפֿט צו אים און אין דער זעלבער צייט ליגט אַ טיפֿער תּהום צווישןביידן צוליב טויזנט און איין זאַך, וואָס ווערט דורך עמאַציע טיפֿער אַרויסגעגעבן ווי דורך פֿאַקטן. לייוויק זינגט ווייטער אין דער זעלבער פּאָעמע:

„עס נעמט מיך דורך אַלעמאָל אַזאַ קלעמונג, —
ווען איך זע נעגערס טוען מיט די ווייסלען אַ דריי;
און עס דוכט זיך מיר, אַז מיין יעדע באַנעמונג
שטעכט זיי דורך ביז בלוט, טוט זיי וויי.

כאָטש ניט איך, ניט מיין טאַטע, ניט מיין זיידע
האָבן אין זייער פֿאַרשקלאַפֿונג געהאַט אַ האַנט,
פֿונדעסטוועגן קומט אויס, אַז איך בין זיך מודה
אין אַ שולד, וואָס צו זיי איז עס גאָרניט באַקאַנט."

די דיכטערין מלכה לי זינגט ליריש און שוועסטעריש וועגן נעגערס. אין איר ערשטן בוך לידער (1932) שילדערט זי אַ לינטשינג אין וואַלד —

„איין בוים בלוטיקט ביזן שטאַם . . .
איבער אים גייט אויף אַ גאַנץ שוואַרצער לאַם."

אין איר צווייטן בוך „געזאַנגען" (1940) האָט מלכה לי דריי לידער וועגן נעגערס. אין ערשטן ליד („דער פֿאָטער לינקאָלן") זעט זי ווי לינקאָלן פֿירט די קינדער צום באַגין, ווי שוואַרץ מיט ווייס פֿאַרברידערט, און „איך צי אויס מיין שטומע האַנט, לאָמיר גיין מיט אים צוזאַמען."

אין צווייטן ליד זעט זי ווי דער שוואַרצער סאָלאָמאָן פּוצט מיט

א ווייסן טוך די שויבן, נאָר פּאָר איר, אין דער פאַנטאַזיע, איז ער שלמה המלך, וואָס זיצט אויף זיין טראָן.

„זיין לעבן באַהעפט מיט פאַרגאַנגענע צייטן,
דער טונקעלער קעניג — דער שוואַרצער „סאַלאָמאָן".

דאָס דריטע ליד, „דער נעגער אין סאַבוויי", שפּיגלט אָפּ אין איר געדאַנק די דערמאָנונג פון לינטשעריי ביים אַנבליק פון אַ נעגער. זי הערט זיין יאָמער־געוויין. זי פילט ווי —

„ער הויבט זיין פויסט און ביילט זי ווילד,
אין יעדן ווייסן ער זעט דעם מערדערס בילד."

קרעפּטיק איז דאָס לינטש־ליד פון דער דיכטערין אסתר שומיאטשער (אַלע טעג, נ. י., לידער און פּאָעמעס, 1939).

„איך פאַל צו צום מת און קוש זיינע טריט —
די לבנה שמייכלט און היט.
טונקעלער ברודער — איך רוף, איך רוף —
אויף פּעטליע פון שטריק נעם מיין ווייסן גוף."
(ז. 195)

א. לעיעלעס האָט אין זיין „אין סאַבוויי" (ראַנדאָס, 1926) געלונגען אויפגעכאַפּט דעם נשמה־פלאַטער פון אַ נעגער, וואָס פאָרט מיט אַ ווייס מיידל —

„אַ ווייס מיידל אַ נעגער.
טרויער
אין דעם רירעוודיקן גרויסן מויער.
ניט אונטן אויף די רעלסן רעדלען רעדער,
רעדער ווירבלען, שווינדלען, ברייען
אין אַ שוואַרצן, קרייזלדיקן, אומגליקלעכן קאָפּ."
(ז. 45).

דער דיכטער בעריש וויינשטיין האָט אין זיין בוך פּאָעמעס „ברוכ־וואַרג" אַ גרויסע סעריע לידער „נעגערס". ער איז פּלאַסטיש און פילאָ־זאָפיש און זיין שפּראַך איז שווער און דער ריטם איז האַמעטנע. אין ערשטן ליד, „אַ נעגעריש דאָרף", רעכנט ער אויס מער ווי ער זינגט וועגן די טיפן, וואָס האַלטן זיך דאָרט אויף. דאָס לעבן איז אָרים־נאָרמאַל, אַ קינד אַ טויטס ווערט באַגראָבן ביינאַכט. אינדערפרי קומען נאָנעס און לאָזן איבער עסן, עפּנדיק איטלעכע טיר. אין צווייטן ליד, „ניגראָ

דזשאַדזש" געפינט זיך דער דאָרפישער נעגער אין ניו־יאָרק און באַט אַז זיינע הענט צו פאַרדינגען.

דאָס דריטע ליד, „לאַנדרי", באַשרייבט נעגער־אַרבעטער אין אַ לאַנדרי —

„אונטער שוואַרצע הענט בלענדט ווייסער די האַרטקייט פון
קראַכמאַליעטע לייוונט."

דאָס פערטע ליד, „האַרלעמער נעגערס", געשריבן אין זעלבן מאָנאָ־טאָנעם טאָן ווי די פריערדיקע, קאָנסטאַנטירט, אַז —

„האַרלעמער נעגער־יונגען זיינען שטאָטישער ווי אַנדערע פון
אומעטום ניו־יאָרק."

אין פינפטן ליד, „ניגראָס לעצטע טעג", ענדיקט דער נעגער זיין לעבן אויף אַ בוים, ווייל ער האָט געגלוסט נאָך אַ ווייסער פרוי.

דאָס זעקסטע ליד הייסט „לינטשינג". וויינשטיין פאַרזיכערט דעם געלינטשטן נעגער, אַז „אַ סך שטאַרבן אַזוי ווי דו". ניט בלויז שוואַרצע, נאָר אויך קעמפער ווייסע אין שטעט אין אייראָפּע.

בעריש וויינשטיין האָט זיך שפּעטער אומגעקערט צו דער זעלבער טעמע. אין דעצעמבער־נומער, 1938, פון זשורנאַל „אידישע קולטור", האָט ער פאַרעכנטלעכט דאָס ליד „אַ נעגער שטאַרבט". ער פאַרענדיקט דאָס ליד מיט פאָלגנדיקע שורות:

„די נעגערשע מאַמע מיט אַ זשמעניע גראָז רעדט צום מת;
ווישט דאָס בלוט פונם מויל, פונם האַלדז —
און אַלע אירע פינגער קלאַמערן זיך אינם טויטנס האָר
מיטצושטאַרבן אויפן קרייץ פון אַ נעגער."

יעדע ריכטונג אין דער יידישער דיכטונג, יעדע שאַטירונג און יעדער צייט־אָפּשניט האָט זיך אָפּגערופן אין פערז אויף דער לאַגע פון נעגער. ניט שטענדיק האָט זיך געהערט אין ליד דער אָפּקלאַנג פון סימפּאַטיע, ניט שטענדיק האָט געברויזט מיט פּראָטעסט־שטימונג קעגן דער אומגע־רעכטיקייט פון ווייסן אויבערהאַר צום שוואַרצן אונטערטעניקטן, נאָר כמעט יעדער דיכטער האָט דעם נעגער דערזען, דערפילט אים און רע־אַגירט אויף אים. פון אויסטערליש־ציניש, נאָר אינערלעך צערפולן, קלוגן זישע לאַנדוי און דעם אינטראַ־ספּעקטיוויסטישן, יונג־פאַרשטאַר־

בענעם לודוויק, ביז די סאַמע ייִנגסטע; פון די פּראָלעטפּעניקעס ביז די היגע דערצויגענע ייִדיש־שרייבנדיקע דיכטער.

זישע לאַנדוי האָט געשריבן אַן אָפּשטויסנדיק ליד וועגן נעגערינס, נאָר דאָס איז געווען ניט מער ווי אַ מאַניער אַזאַ ביי אים, אַ חנדל צוליב דער לעצטער שורה אין זעלבן ליד.

„אַמאָל אַ קאַלב, אַמאָל אַ הונט דערמאָנען אייערע אויגן,
ווי ביי חזירים זיינען אייערע ליפּן גראָב,
און אייערע בייכער הענגען גלייך ווי זעק אַראָפּ,
ווי ביי אַ פּראָש איז אייער נאָז צעצויגן;
און הענט האָט איר ווי אַפּן,
געשאַפן גאָטס ווערק צו פאַרשעמען —
אָדער מיך אַרומצונעמען.״

ראובן לודוויק (1895־1926) איז געווען אַ פיל צוזאַגנדיקער פיינער דיכטער. זיין קראַנקהייט האָט אים געשטערט צו שאַפן, נאָר דאָס ביסל, וואָס איז צונויפגעקליבן געוואָרן אין איין באַנד נאָך זיין טויט, איז אַן עדות, אַז מיר האָבן פאַרלוירן אין אים אַ טאַלאַנט, וואָס האָט פאַר־שטאַנען אַמעריקע. ער האָט איבערגעלאָזט פיר נעגער־לידער. אין „זינג פּרעמדער״ פּראָקלאַמירט ער דעם אימיגראַנטס קוק אויף אַמעריקע. קלאָר איז זיין קול.

„ניט מיר וועלן פאַרציען די ווייסע שטריק
אַרום די שוואַרצע העלדזער פון דזשאָרדזשיאַס זין;
ניט מיר וועלן ציגדן שייטער־הויפנס
פאַרן שוואַרצן לייב פון לואיזיאַנאַ.
מיר וועלן בלויז זוכן די וואונדער פון לאַנד
אויף די ווייסטע וועגן פון לאַנד.״

אַ צווייט ליד טראָגט דעם קאָפּ: „ווער האָט צעשאָסן דעם קרעציקן נעגער? און עס הייבט זיך אָן מיט פאָלגנדיקן פערז:

ווער האָט צעוואָרפן
ווייסע שטיקלעך וואָלקנס
אויף אַ שוואַרץ־רויטן הימל?״

אין „צו אַ נעגער״ שרייבט ער: „ס'האָט די ווילדע אַפריקע דיך אַהער געשיקט און די זון פון אַלאַבאַמאַ האָט דיך אויפגעצויגן. ווערן

זאָלסטו דער לעבעדיקער אָדער פון די טויטע זאַכן דאָ אין צימער, ווערן
זאָלסטו זייער הארץ און זעל.״

אין „איירא אָניעל״ (1918) באַזינגט ער דעם נעגערשן פּריזפאַיטער
און ער פאַרענדיקט: „ווערט פון אָניעל — דער שלעגער, דער זיגער —
בלויז איירא אָניעל — דער ניגער.״

ז

עס איז געווען נאַטירלעך, אַז די אויפמערקזאַמקייט פון די סאָציאַל־
געשטימטע דיכטער זאָל זיין געווענדט צו דער לאַגע פון נעגער. די
שרייבער, וואָס האָבן באַלאַנגט צו דער פּראָלעטפּען־גרופּע, אָדער וואָס
זיינען געווען אונטער איר איינפלוס, האָבן פּאַקטיש ניט דורכגעלאָזט
קיין איין געשעעניש, וואָס האָט אָנגערירט דיסקרימינאַציע און פאַרפאָל־
גונג פון דער נעגער־ראַסע ניט צו לאָזן הערן זייער קול פאַר אמת און
גערעכטיקייט. אָפט באַלאַנגען לידער פון אָט דעם זשאַנר צו זייערע
בעסטע שאַפונגען.

די סקאָטסבאָראָ קעיס איז געווען די פּאָפּולערסטע טעמע ביי אַ צאָל
פּאָעטן. בכלל זיינען די פּראָלעטפּען־שרייבער געווען מער איבערן לאַנד,
זיך אָנגעזען און אויסגעפונען פון דער ערשטער האַנט, דורך זייערע וואַנ־
דערונגען אין דער סאָוט, וועגן דעם אמתן לעבן פון נעגער. און ווי אין
יעדן פאַל, ווענדט זיך אין דעם מאָס טאַלאַנט און אַלזייטיקייט אָדער באַ־
גרענעצטקייט פון דער דיכטערישער פּערזענלעכקייט די געלונגענקייט און
דויערהאַפטיקייט פון דעם שאַפן.

דער עלטסטער פון די דיכטער פון דער פּראָלעטפּען־גרופּע איז דער
73־יעריקער אַב. וויקטאָר, וואָס האָט מערסטנס ניט געלעבט אין ניו־יאָרק,
נאָר אין דער וועסט און אין דער סאָוט. ער איז צווישן די ווינציקע
יידישע דיכטער, וואָס האָט אַ סעריע לידער וועגן אַמעריקאַנער שטעט.
אין זיין פּאָעמע „סקאָטסבאָראָ״ שילדערט ער דעם גרויל פון לינטש.
אין דער פּאָעמע „ניגערטאָון״ (1933) גיט ער איבער ווי די שוואַרצע
נעגנט קוקט מיט פאַרוואונדערונג אויף די ווייסע, וואָס קומען זיך איינ־
שטעלן פאַר די שוואַרצע סקאָטסבאָראָ יינגלעך.

דער יונג־פאַרשטאָרבענער (1902-1934) יוסף גרינשפּאַן האָט אַ סך

געוואַנדערט איבער דער סאָוט. זיין סעריע „שוואַרצע ברידער מיינע" אונטערשיידט זיך פון די אַנדערע פּראָלעטפּאָעטישע לידער וועגן נעגער, וואָס זי איז ווינציקער באָמבאַסטיש און מער דורכגעליטערט פּאָעטיש. ער זעט ווי נעגער פאַרטערם וואַשן און רייניקן דעם גרענד סענטראַל וואָקזאַל אין ניו־יאָרק און ער זינגט:

שוואַרצע ברידער מיינע,
טאַנצן אויס אין דער שטילקייט פון דער נאַכט,
אין דער רואיקייט פון מירמלשטיין,
אַ טאַנץ פון שוואַרצער אַרבעט.

„די באַלאַדע פון נעגער דזשאָנס עלטער־זיידן" (1927) באַשטייט פון 38 סטראָפן. אין איר ווערט קיין איין מאָל ניט דערמאָנט דאָס וואָרט „נעגער", נאָר „ברוינער". ער רעדט וועגן די ברוינע ריזן, וואָס האָבן דעם ערשטן מאָל דעם טויט דערזען און פון דאַן אָן געוואָרן קנעכט. גרינשפּאַן דער וואַנדערער זעט אין דעם פּולמאַן פּאָרטער אַ מין סימבאָל פון דער־וואַכטן נעגער־האַס קעגן דער ווייסער באַהאַנדלונג. „אין אַ פּולמאַן, באַטרונקן ליגט אַ מינען־באַראָן, אין דערוואַרטונג ליגט אַ נעגער אויפן דאַך פון וואַגאָן."

אין „אויף שליאַכן פון דזשאָרדזשיא" דערזעט ער —

„אויף ביידע זייטן
פון דעם שלענגלדיקן וועג
כוואַליען פעלדער זיך
באַלאַדענע
מיט ווייסער מזל ברכה.
אויף יעדן פעלד,
אַ באַהאַנגענע מיט זעק,
וואַגלט אַנגעבויגן אום
אַ נעגערשע משפחה."

אין „טשעין גענג" האַלדזן פאַר וויטיק ברוינהויטיקע ברידער דעם גליאַיקן שטיין און לאָזן אים זינגן פון לייבער פון מידע דעם שטומען געוויין." פּאָפּולער איז געוואָרן זיין ליד, וואָס הייבט זיך אָן מיט דער שורה: „עי, יינגעלע, ווי ווייט איז צו אָגאַסטאַ?" און דאָס נעגער־יינגל בלייבט שטיין פאַרגליווערט פון שרעק, וואָס אַ ווייסער רעדט צו אים מענטשלעך. אין אַן אַנדער ליד דוכט זיך אים אויס, אַז דער אַלטער

נעגער־באפרייער לינקאָלן קאָרטשעט זיך אין שטומען צער, זעענדיק ווי סיימאָן לעגרי הערשט איבער דער סאָוט.

וועגן „טשעין גענג״ שרייבט אויך דער פאָרשטאָרבענער שיקאַגאָער דיכטער ל. גאָרעליק. טאָם דער נעגער דרייט זיך אַרום אַז אַרבעטלאָזער און זיין פרוי איז די פאַרדינערין און באַשולדיקט אים אין פוילקייט. אין „דאָס ליד פון דזשעקסאָן דעם נעגער״ קומט דער נעגער פון דער סאָוט קיין שיקאַגאָ און אין ערגעץ איז קיין אַרבעט ניטאָ. אין זיין „פון ניו־יאָרק ביז קאַליפאָרניע״ זעט גאָרעליק „אַזאַ שפע, אַזאַ שפע אויף מע־לאָנען־פעלדער און אויף באַוול־פעלדער, נאָר די באַלוינונג פאַרן נעגער איז בלויז צרות און פחד.״

דער פאָרשטאָרבענער בצלאל פרידמאַן בייזערט זיך אין זיין „סקאָטסבאָראָ״, פאַרוואָס מען לערנט ניט די קינדער דעם אמת וועגן דער לאַגע פון נעגער אין די סקולס. און ווען זיין אייגן קינד דערציילט אים ווי לינקאָלן האָט באַפרייט די שוואַרצע, שיקט ער אים אַראָפּ צום דזשעניטאָר רזשים״ (נאָמען פון אַ צווייט ליד), אַז ער זאָל איר דער־ציילן וועגן זיין לעבן.

מאַרטין בירנבוים האָט אין זיין ערשטן בוך לידער „ווייזערס״ פיר נעגער־לידער. אין „לינטש־פּראָצעדור״ דערמאָנען אים די רויטע וואונדן אויף דער שוואַרצער, צעפּאַלמעסטער הויט אין אַ פלאַמיקער רויטער פאָן. אין „שיקאַגאָ״ הערט ער ווי די נעגער־פרוי וויינט, דעם קאָפּ צווישן דאָרע הענט. ער געפינט אויס, אַז די ווייסע שטעלן איר מעבל אַריין צוריק. ער איז דער בונטאָר אין אַלע זיינע לידער. אין דער באַלאַדע „ראַי דער מולאַט״ האָט ראַי חתונה מיט אַ שוואַרצער און ביידע קעמפן אין די פּראָטעסטירנדיקע רייען קעגן הונגער, קעגן עוויקשאַנס, צוזאַמען מיט די ווייסע. אין דער פּאָעמע „דער גייסט פון סיימאָן לעגרי״ איז עס דאָס קול פון באָלשעוויק, וואָס קעמפט קעגן שייטער־פלאַמען, קעגן תליה־שטריק.

מעינקע קאַץ האָט אין זיין בוך „די וועלט אין טאָגן״ אַ פּאָעמע „די לינטשנדיקע קראָ״, אין וועלכער ער פּראָוואָט אַרויסברענגען דעם קאַמף פון נעגער און ווייסן קעגן דעם אַלגעמיינעם שונא — דעם לינטשער.

י. אַ. ראָנטש האָט אין זיין בוך „הונגעריקע הענט״ אַ סעריע „שוואַרץ און רויט״, וואָס באַשטייט פון פינף נעגער־לידער. דעם נעגערס האָפענונג ליגט אין זיין פאַראייניקן זיך מיט די ווייסע קעמפנדיקע אַר־

בעטער (נעגער־ארבעטער) ; אין „סקאטסבאראָ" דראָט דער שוואַרצער זיין שטייפע פויסט דעם פיינט אין פנים. אין „אַלאַבאַמאַ" גיט דער ווייסער לינטשער איבער זיין דערפאַרונג. אין „נאַרמאַן טיבאַדאָ" גיט דער שוואַרצער בחור איבער ווי ער האָט זיך געראַטעוועט פון אַ ליגטשעריי. „בלוי גראָז" איז די געשיכטע פון אַנדזשעלאָ הערנדאָנס קאַמף.

אהרן קורץ האָט געשריבן אַ סך אויף נעגער־טעמעס. אין זיין בוך „די גאָלדענע שטאָט" גייט אריין אַ סעריע לידער וועגן האַרלעם. „אַלפרעד ליווי" האָט זיין לעבן אָפּגעגעבן פאַר לענינס אמת. „דזשאַרדזש וואַשינגטאָן" איז אַ בילד פון האַרלעם — „האַרלעם איז אַ הייל פון ניו־יאָרקער דלות". אין אַ צווייט האַרלעמער בילד, „בלעק יענק", האַלט יענק ביים שטאַרבן. דאָס גאַנצע נעגער־לעבן פון זיין ראַסע גייט פאַר זיין אויג פאַרביי. די פּאָעמע „האַרלעם" איז טיפּיש פאַר קורצס סטיל.

„האַרלעם־האַרץ
פון אורבאַנישן וואַנדער
ניו־יאָרק :
זומפּיק ליגסטו — אָפּגעזונדערט,
טאָליק.
דיין געוויין איז טויזנטקוליק, —
ווי נאָך אַ פאַבריק־שרפה אין שטאָטישן מאַרג."

אויך וואָלף יוניז האָט אין זיין בוך „לידער" (1936) אַ גרעסערע פּאָעמע „האַרלעם אין אָקטאָבער", אין וועלכער ער שילדערט דעם ביטערן דלות און די אומצופרידנקייט פון דער נעגערשער באַפעלקערונג, וואו —

„צווישן אַלע נעמען
איז קיין נאָמען גאָר ניטאָ פאַר דעם,
וואָס וואַרגט דיך, האַרלעם."

ל. מילער האָט אַ סעריע אין זיין בוך „דאָ איז מיין היים" (1939) „לייענענדיק לענגסטאָן יוז". אין זיין „קענט יו סי ?" גיט ער איבער זיין דערשטוינונג, ווען ער האָט אין דער סאַוט געפרואווט אריינגיין אין אַ דזשימטני קאַר, וואָס איז באַשטימט פאַר שוואַרצע. דער דיכטער דערפילט, אַז ער איז איינער פון די נעגער —

„איך בין אַצינד אַליין —
דער נעגער־שקלאַף, וואָס טראָגט ביי זיך אין בלוט
באַליידיקונג און שרעק — דורך דורות אָנגעזאַמלטע."

דער דיכטער בער גרין האט אין זיין בוך „בלומען אונטער שניי" א סעריע פון 13 לידער „נעגערס". אין זיי דריקט ער אויס די קאמפס־אנגעהעריקייט פון ווייסן ארבעטער מיטן שווארצן ארבעטער. („א, שווארצע ברידער מיינע, צינדט אן דאס ליכט פון אייער נאכט." אין ליד „ניי־געזאנג" הערט ער דעם נעגער זינגען „א ניי געזאנג פול בראנז און ברויז און שטאל."

דער דיכטער זעט נאר קאמף און צארן און גבורה אין הארלעם. אין ליד „אנזאג" זינגט דער נעגער: „מיינע לעצטע „שאנד־פלעקן" שנייד איך אויס, ווארף וועלט אין פנים." דער נעגער איז אים א ברודער און ער זאגט צו אים אין „מיין ברודער": „א, נעגער: איך, דער ווייסער ברודער, בלוטיק אין איין מחנה מיט דיר." אין ליד „א רעדנער" ווערט פון „שווארצע האנט, ווייסע האנט — א האנט." אין ליד „ביינאכט" איז פאראן אזא שורה:

„אונטער שווארצער הויט לויכט א העל געזאנג."

אין „א מארש" זינגט ער: „אין אונדזער בלוט — אפריקעס געזאנג."

אליעזר גרינבערג שעמט זיך וואס ער דארף טרעפן דעם שווארצן ברודער זיינעם „אין גראבן אהבעטס־העמד פון פראסטן געוואנט, איך טרעף דיך אפט — (עס איז ניט שיין דאס ארט זאל ווערן דא דערמאנט) מיט א בעזים אין דער האנט." ער בעט זיך ביי אים: „טו אפ דיין געל פארדאכט פון מיין ווייסער הויט. דאס זאלץ־וואסער אין דיינע אויגן איז היים און פייכט ווי מיינע טרערן." („גאסן און עוועניו", ז. 37.)

ל. פיינבערגס גרויסע „באלאדע פון נעגער דזשים" איז צוגעשניטן געווארן צו זיין אמאליקן אריבערלויף צו די לינקע: זי איז באמבאסטיש און פאלש.

לייבל סאברין האט אין בוך לידער, וואס ער האט ארויסגעגעבן צוזאמען מיט יוסף גרינשפאן (ערעוו־צייט) א פאר לידער וועגן שווארצע פרויען, וואס באוויינען זייערע זינד מיט ווייסע מענער.

שרה פעל־יעלין באוואונדערט א שווארצע מיידל ביים ים, וואס איז „א דענקמאל פון בראנז אין פארגייענדער זון . . . זי פוצט אויס דעם ברעג און ווייס ניט דערפון."

אויך די ייִנגסטע ייִדישע דיכטער האָבן אין זייערע ערשטלינג־ביכער אַריינגענומען לידער אויף נעגער־טעמעס. מ. א. סול האָט אין זיין „דאָס ליכט אויף מיין גאַס (1935) אַ ליד, וואָס האָט אים געמאַכט זייער פּאָפּולער אויף דער ייִדישער גאַס, ווייל זיין „הענקער", נעם אַוועק דיין האַנט!" איז דעקלאַמירט געוואָרן אומעטום, וואו עס זיינען פאָרגעקומען סקאָטסבאָראָ דעמאָנסטראַציעס. אויך אין אַלע קינדער־שולן האָט מען דאָס געלערנט. זיין צווייט ליד וועגן סקאָטסבאָראָ „געבליבן וואָלט שוין היינט פון זיי", איז דערפאַר אָבער באַקאַנט בלויז צו די לייענער פון זיין בוך. אויך זיין „אַנדזשעלאָ הוירנדאָן קריגט די פּאָסט" איז רעציטירט געוואָרן אין דעם קאַמף פאַר הוירנדאָנס באַפרייאונג און דאָס ליד איז געוואָרן אַזוי פּאָפּולער ווי זיין ערשט סקאָטסבאָראָ ליד.

ש. מאַליץ האָט דריי נעגער־לידער אין זיין בוך „לידער פון ברויט און זאַלץ". אין איין ליד זאָגט ער:

„ניט ווייסע טעכטער ביסטו
געקומען צערטלען — נאָר
נאָר ברויט בלויז באַגערט —
פּראַצע פון דיינע הענט." (ז. 69)

דוד סעלצער האָט אין זיין בוך „בראָנזווילער געזאַנגען" (1942) אַ סעריע „האַרלעמער מעלאָס" אין נעגערשן פאָלקסטאָן. דרייצן לידער, געשריבן פאָלקסטימלעך - לייכט.

„אין פלעטבוש געוועזן איז אַ געסל
מיט הילצערנע שטיבער בלויז פיר,
און ייִדישע און נעגערשע קינדער
געשפּילט האָבן זיך ביי דער טיר."

אין אַן אַנדער ליד אין זעלבן ביכל „נעגער־יונג פון אַלאַבאַמאַ" פרעגט ער: „נעגער־יונג פון אַלאַבאַמאַ, וואָס טוסטו דאָ אויף יוניאָן סקווער? אויף קאָטן־פעלד דאָרט קלאָגט דיין מאַמע, גיסט נאָך דיר איר לעצטע טרער."

די יונגע דיכטערין דאָראַ טייטלבוים זינגט וועגן דער נעגערשער דינסטמויד, וואָס שטייט אויפן ראָג גאַס אויף אַ טאָג אַרבעט.

שלמה שווארץ פון שיקאגא, מעגלעך דער אמעריקאנישסטער צווישן די יינגסטע דיכטער, האט אין זיין ערשטן בוך „בלוימאנטיק" (1938) א צאל פיינע לידער וועגן נעגער. עס איז אבער ניט בלויז די טעמע, נאר דער צוגאנג זיינער. ביי אים איז די לידער ווערט דאס נעגערשע אידיאָ־מאטיש אמעריקאניש. מיט רעכט באגרייפט ער, אז מען קאן ניט דיכטן וועגן אמעריקע און ניט אריינגעמען דאס נעגערשע ווי א טייל פון היגן לעבן. ער דריקט דאס, למשל, אויס אויף א טרעפלעכן אופן אין אזעלכע שורות ווי —

„אין מיר ליכטיקט היינט אן אנדערשקייט,
א נעגערישע געדולד זוניקט אין מיר." (ז. 72)

זיינע „צוויי עטיודן" וועגן נעגערס אין דזשעקסאן פארק טייך און אין וואשינגטאן פארק זיינען פון אן אנדער שטאף געקנאטן ווי די לידער פון די מערסטע ביז איצט דערמאנטע פאעטן. ער באדויערט זיי ניט, ער זעט זיי ניט ווי א ראסע, נאר ווי יחידים, וואס האבן הנאה פון זייער פאר־ווײַלונג און וואס רופן ארויס צו זיך אינטערעס. די שווימערס דערמאנען אים אין —

„א סטאדע גלאנצנדיקע ים־לייבן (וואס) האבן זיך אויסגעלייגט
אויפן זאמד ביים ברעג,
שרייען, פילדערן און טרינקען לימענאדע,
לאכן מיט געצונדענע אויגן און שטיפן מיט דער זון."

אין זיין סעריע לידער וועגן „סאמבא" פרואווט ער איבערגעבן דעם נעגער־אידיאָם אין יידיש. אין א ליד וועגן זיך אליין דערמאנט ער סאמבאן — דעם לאנג־יאריקן טונקעלן וועכטער, וואס „טראגט אין זיך שטיקער נאכט אין מיטאגדיקע שטונדן."

די „סאמבא"־סעריע באשטייט פון פאלגנדיקע פינף לידער: סאמבא רעדט; סאמבא זינגט; סאמבאס וויזיע; סאמבאס גרוויוויל; סאמבאס הספד. דער דיכטער פרואווט, ניט געלונגען, קאמבינירן זיין אימאזשיזם מיטן גייסט פון „ספיריטשועל":—

„זיבן זין, ווראנעס אין א רעגן.
ניט געפלויגן,
ניט געבויגן.
לארדי, לארדי,

איז איך פריילעך, איז איך מלך?
ס'וויינט נאכט מיט פערצן אויגן." (ז. 33)

שווארצס באנעמען די וויכטיקייט פון נעגער אין אמעריקאנישע מאטיוון איז כאראקטעריסטיש פארן נייעסטן דור פאעטן.

א באזונדערן פלאץ אין דער הינער יידישער ליטעראטור פארנעמט דער אריגינעלער קינסטלער, הומאריסט און דיכטער, יאסל קאטלער, וואס איז פריצייטיק געשטארבן אין זיין בלי־פעריאד. אין זיין איינציק פאר־עפנטלעכן בוך „מונטערגאנג", וואס איז דערשינען א יאר פאר זיין אומ־קום, געפינט זיך דאס ליד „נעקסט". ס'איז איינס פון די קרעפטיקסטע נעגער־לידער אין דער יידישער ליטעראטור.

„אפשר האט איר א ביסעלע צייט
און אייך ווילט זיך
א ביסעלע פארברענגען,
נעמט און הענגט עפעס.
הענגט, הענגט,
שעמט זיך ניט.
א שטריק איז דא,
א בוים איז דא.
הענגט, הענגט,
הענגט א נעגער־מענטש.
אן אלטן נעגער,
א יונגען נעגער,
א זיידע־נעגער,
א באבע־נעגער,
א בעיבי־נעגער —
א חיות צו הענגען
די נעגער אויף תליות."

נאר, פארזיכערט קאטלער, עס וועט קומען א נעקסט אויך צום הענגער.

אין א צאל אנטאלאגיעס זיינען אריין לידער אויף נעגער־טעמעס. טייל פון די שוין דערמאנטע פאעטן, וועמעס ווערק זיינען דערשינען אין בוך־פארם.

אין דער אנטאלאגיע „מיטוועסט מערב" (שיקאגא, 1933) געפינט זיך בן שלומס ליד „שווארצהויטיקער ברודער מיינער", גארעליקס ליד „דזשעקסאן", און ה. רויזנבלאטס „איזיעקל רעסטום בראון", א פאעמע

וועגן אַ לינטשעריי און אַ נעגערשן גלח, געשריבן מיט אַ סך פּאַטאָס און אין אַ האַלב־ביבלישן סטיל.

אין מ. באַסינס אַנטאָלאָגיע „אַמעריקאַנער יידישע פּאָעזיע" געפינען זיך טיילן פון י. י. שוואַרצס „קענטאַקי", און ר. לודוויקס „צום נעגער".

אין וו. אייבראַמסעס און ק. מרמרס „רעוואָלוציאָנערער דעקלאַמאַטאָר" (1933) זיינען אַריין פאָלגנדיקע נעגער־לידער: א. קורצס „אַטלאַנטע", ל. מילערס "קענט יו סי", מ. שיפּריסעס „ליד פון שוואַרצן שיכפּוצער", שרה באַרקאַנס „מיין קונקי", נחום וויסמאַנס „דאָס ליד פון שוואַרצע שקלאַפן".

אין דער זאַמלונג „די היינטצייטיקע פּראָלעטאַרישע יידישע דיכטונג אין אַמעריקע", וואָס איז דערשינען אין מינסק, אין 1932 (צונויפגעשטעלט פון ד. קורלאַנד און ס. ראָכקינד) זיינען אַריין: מאַרטין בירנבוימס „לינטש־פּראָצעדור", בצלאל פרידמאַנס „דזשעניטאָר דזשימי" און „סקאַטסבאָראָ".

ח

די סאַמע יינגסטע יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע איז די קינדער־ליטעראַטור. עס איז ערשט אינגאַנצן אַ 25 יאָר זינט מען האָט געמאַכט אַן ערנסטן פּרוּוו צו בויען אַ שול־באַוועגונג, און נאָך ווינציקער ווי דאָס, זינט מען האָט אָנגעהויבן צוגרייטן אַ קינדער־כרעסטאָמאַטיע. נאָר עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם אינטערעס, וואָס דער נעגער רופט אַרויס אין אונדזער לעבן, אַז סיי די ערשטע שרייבער, סיי די כרעסטאָמאַטיעס האָבן אַריינגענומען זאַכן וועגן נעגער.

די מערסטע זאַכן זיינען וועגן נעגער־קינדער, געשריבן ספּעציעל פאַרן קינד. עס זיינען אָבער אויך דאָ לידער וועגן נעגער־קינדער, וואָס זיינען ניט געמיינט געוואָרן פאַר קינדער־ליטעראַטור. אַזאַ ליד איז, למשל, אברהם רייזינס „אַ נעגערל", וואָס איז אַריין אין זיין בוך „דורך פינסטערע טויערן" (ערשטער באַנד, נייע שריפטן, נ. י., 1920). עס וועט זיין כדאַי איבערצוגעבן דאָס גאַנצע ליד, ווייל עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר רייזינס סטיל.

„אַ נעגערל אַ קליינס, ווי סאַזשע שוואַרץ,
האָב איך געזען זיך שפּילן ביי אַ הויז,

עס האָט געטרויערט און געשראָקן זיך מיין האַרץ:
מיין גאָט! ווי מיאוס דיין באַשעפעניש זעט אויס!

און פּלוצלינג האָט דאָס קינד דאָס שוואַרצע זיך צעלאַכט,
זיך קייקלענדיק און שפּילנדיק אויף דער ערד:
מיין גאָט, וואָס איז מיט מיר אַזוינס? האָב איך געטראַכט,
וואו האָב איך ערגעץ אַזאַ לאַכן לאַנג געהערט?

איך האָב דערמאָנט זיך, אַז מיין ברודערל אַמאָל,
מיין ווייסער ברודערל, ווען ער איז געווען קליין,
האָט אויך געלאַכט אַזוי, עס איז דאָס זעלבע קול —
און גלייך איז מיר דאָס שוואַרצע קינד געוואָרן שיין..."

איינע פון די פּאָפּולערסטע קינדער־דערציילונגען, וואָס איז אַריין אין די מערסטע כרעסטאָמאַטיעס, איז „דזשימי", פון מ. זאַרודין. דאָס נעגער־יינגל דזשימי האָט געענדיקט פּאַבליק־סקול און דער פּרינציפּאַל אַליין האָט אים געלויבט. עס איז גראַדואיר־טאָג, און זיין מאַמע, דער דזשעניטאָר פון אַ הויז, האָט פאַר אים צוגעגרייט עפּעס, אויף וועלכן ער האָט זיך ניט גערעכנט — אַ ווייסן אַנצוג און ווייסע לייוונטענע שיך. דזשימי איז גליקלעך און כאַפּט אַרום די מאַמע און קושט זי און טאַנצט מיט איר.

דזשימי איז אַוועק אין פּאַרק און דאָרטן האָבן אים פאַרטשעפּעט אַ גרופּע ווייסע יינגלעך און אים אַריינגעשטופּט אין וואַסער אַריין. אַנגענומען פאַר אים האָט זיך דאָס יידישע יינגל, הערי ראָזענבערג, וואָס האָט געוואוינט אין זעלבן בלאָק. „גיב מיר דיין האַנט, — האָט געזאָגט הערי — לאָמיר זיין פריינט."

די זאַך איז אָנגעשריבן געוואָרן וואַרעם און זי ווירקט אויף די קינדער מיט איר עכטקייט און אינטערעסאַנטקייט. מער האָט מען פון מ. זאַרודינען ניט געהאַט. עס איז פאַרלוירן געוואָרן אונטער דעם נאָמען אַ גוטער קינדער־דערציילער.

צווישן די פּאָפּולערע זאַכן געהער אויך יעקב קרעפּליאַקס „שוואַרץ און ווייס", די ערשטע דערציילונג אין זיין בוך „יונגוואַרג". די מעשה איז אויך וועגן אַ נעגער־יינגל דזשימי, וואָס וואוינט אויף דער איסט־סאַיד אין ניו־יאָרק. זיין מאַמע איז אויך אַ דזשעניטאָר. ער זעט ווי די גריכישע, איטאַליענישע און יידישע געננס כאַפּן זיך אַרויף אויף די

בופערם פון אויטאמאבילן און באסעס. דזשימי טוט זיי נאך. די ווייסע קינדער ווילן נים ליידן וואס א נעגערל רייסט זיך אריין אין זייער טער־ריטאריע.

„א נעגערל פארט אויפן באמפער, שלעפט אים אראפ."

און דאס יידישע יינגל דעיוו כאפט דזשימין אז פארן פוס און דזשימי ווערט פארוואונדעט. מען נעמט אים אריין אין דערבייאיקן יידישן שפיטאל. דעיווי דערוואוסט זיך און ער קומט אליין אנבאטן בלוט, ווייל ער האט געהערט, אז מען דארף האבן בלוט פארן נעגערל. דער דאקטאר פרעגט אים אויס און דעיוו דערציילט דעם אמת. דער דאקטאר נעמט אים אריין צו דזשימין. ביידע יינגלעך רעדן זיך דורך געמיטלעך.

כאווער פאווער, אין זיין בוך מעשות וועגן הינטל „לאבזיק", האט א זאך וועגן לאבזיק און דער נעגער־יינגל. דאס הינטל בייסט דאס יינגל און דערפאר דערקלערן אלע ווייסע קינדער א באיקאט אויף לאבזיקן. „א גאנצע וואך האט קיינער נים געטארט אויסרעדן קיין ווארט צו לאבזיקן."

אין דער כרעסטאמאטיע „אונזער ווארט" (צוזאמענגעשטעלט פון ז. יעפרויקין און ח. בעז, 1933) געפינען זיך א צאל זאכן וועגן נעגער־לעבן. י. לאזארסאן שרייבט בילדער פון דער סאוט („ניט זיכער מיטן לעבן"). לולא ווארט, אז איר מאן זאל אהיימקומען. זי שרעקט זיך. די ווייסע ווילן נים ארבעטן מיט אים צוזאמען, זיי סטראשען, אז זיי וועלן אים מאכן פאר א קאליקע.

איר מאן דזשאסי ארבעט אין די קאטן־מילס. די ווייסע ארבעטער באפאלן אים אמאל, צעשלאגן אים און צעברעכן אים די הענט. לולא בלייבט איבער מיט פיר קליינע קינדער.

אנדערע זאכן אין דער דאזיקער כרעסטאמאטיע זיינען אפרים אויערבאכס „דאס נעגער־יינגל בוקער טי", און ז. וויינפערס „די מעשה פונם נעגערל און דעם שלעגערל". בוקער טי איז „א טענצערל פון הערלד סקווער — דער גאנג איז גרינג, דער בויך איז לער. די פענים קלינגען טויב און הארט, ווי האגל פאלן זיי אויף שטיין, — געצאלטס פאר בוקער טים געביין." אין צווייטן טייל פון דער כרעסטאמאטיע „דאס ווארט" איז פאראן ב. גלאזמאנס „אויף די פעלדער פון דזשארדזשיא", און אין דריטן טייל — י. אפאטאשוס „לינטשעריי".

אין „מיין בוך", לערנבוך פאַרן פערטן קלאַס (צוזאַמענגעשטעלט פון א. גאָלדבערג און מ. שיפּרים) זיינען אריין י. קרעפּליאַקס „שוואַרץ און ווייס", און שיפּריסעס „שוכפוצער". אין „מיין בוך" פון צווייטן לערניאָר (צוזאַמענגעשטעלט פון ב. פרידמאַן) געפינט זיך זאַרודינס „דזשימי". אין דריטן טייל „מיין בוך" איז דאָ ז. וויינפּערס „די מעשה פונם נעגערל". (1938).

אין „אונזער בוך", ליטעראַרישע כרעסטאָמאַטיע פאַר דער מיטל-שול (1939), צוזאַמענגעשטעלט פון א. בערגמאַן און א. גאָלדבערג, זיינען אריין: „אויף שליאַכן פון דזשאָרדזשיאַ", פון י. גרינשפּאַן; י. אָפּאַ-טאָשוס „לינטשעריי", אַן איבערזעצונג פון לענגסטאָן יוהז „אויך איך זינג אַמעריקע".

אין „קינדער", לערנבוך פאַרן צווייטן יאָר, 1936, איז אריין „דזשי-מי". אין „קינדער" פאַרן צווייטן יאָר, וואָס איז אַרויס אין 1930, צו-זאַמענגעשטעלט פון ד. טאַראַנט און ב. פרידמאַן, געפינט זיך אַן אָפּטיי-לונג „נעגער" מיט פאָלגנדיקן אינהאַלט: „ווי נעגער-לעבן", פון בוקער ט. וואַשינגטאָן; „בלויז פאַר ווייסע", פון לענגסטאָן יוהז"; „דזשימי", פון זעלדין; און „ברידער", פון י. ל. פּרץ.

אין „אַרבעטער-שול", לערנבוך פאַרן ערשטן יאָר, 1934, זיינען אריין: „דאָס נעגער-מיידעלע"; „טאָם"; „שוואַרצע און ווייסע".

אין „אַרבעטער-שול" פאַרן דריטן יאָר, צוזאַמענגעשטעלט פון א. מייזעל און ב. פרידמאַן, געפינט מען: „די סקאָטסבאָראָ ייִנגלעך"; „אַנדזשעלאָ הערנדאָן"; „אַ נעגער מאַמע", פון וו. דזשעראָם; „דער קליינער טאָם"; „לינטש", פון ב. פרידמאַן; „דער אַמעריקאַנער ביר-גערקריג"; „דער גייסט פון סיימאָן לעגרי".

אין י. שטיינבוימס „אונזער פאָלק", אַ לייענבוך פאַר עלטערע קינדער, 1932, איז דאָ י. י. שוואַרצס „דזשעיק".

אין „אידיש" פון ב. אָסטראָפסקי און ב. הורוויץ, 1925 (פאַרן דריטן און פערטן לערניאָר) איז פאַראַן „דזשימי".

ווי אַזוי איז דער נעגער אָפּגעשפּיגלט אין דער היגער יידישער לי-טעראַטור?

דער שרייבער האָט אין אים, פריער פון אַלץ, געזען אַ גלייכן צו זיך מענטשן. אמת, אַ נייעם, אַ פרעמדן, פון אַן אַנדער הויט און אַנדערע פירונגען. דאָך האָט דער ייִד זיך דערפילט נעענטער צום נעגער, ווי צו אַנדערע פרעמדע נאַציאָנאַליטעטן דאָ אין לאַנד. ערשטנס, דערפאַר וואָס דער נעגער באַלאַנגט אויך צו דער אונטערדריקטער גרופּע, ווי דער ייִד. צווייטנס, איז דער ייִדישער שרייבער געזעלשאַפטלעך עמפּינדלעכער און דער נעגער איז פאַר אים אַ טייל פון דער געזעלשאַפט, צו וועלכער ער באַלאַנגט.

מען קאָן ניט זאָגן, אַז דער ייִדישער שרייבער האָט געמאַכט וועלכע ס'איז באַדייטנדיקע קינסטלערישע פּרואוון אַריינצודרינגען אין דעם אינדיווידועלן אָדער סאָציאַלן מהות פון נעגער. דאָך איז דאָס, וואָס איז פאַראַן אַ גוטער אָנהייב, און מער ווי דאָס. דער נעגער האָט געצויגן צו זיך דעם ייִדישן שרייבערס אויפמערקזאַמקייט, און די זאַכן, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין אונדזער ליטעראַטור, באַלאַנגען צו די וואָגיקע ווערק אונדזערע.

דער ייִנגערער דור שרייבער האָט געפּרואווט אַרויסברענגען די פּראָגרעסיווע ריכטונג פון אַמעריקע אין באַצוג צום נעגער. דער רוף צום ברודער נעגער איז ניט בלויז אַ סענטימענטאַלער אויסדרוק, נאָר עס איז אַ באַווייז פון דער צייט אין דער ייִדישער און ניט־ייִדישער געזעלשאַפטלעכער שטרעמונג צו פאַראייניקן אַלע עקאָנאָמיש ליידנדיקע שיכטן אונטער דער לאָזונג פון פאַרברידערונג פאַר דער אַלגעמיינער זאַך.

די באַציאונגען צווישן ייִדן און נעגער זיינען, ווי מיר האָבן געזען, דאָ און דאָרט אַרויסגעבראַכט געוואָרן. דער שרייבער האָט ניט פאַרבאַהאַלטן די נעגאַטיווע שטריכן. דער קרעמער נוצט אָפּ אויס דעם נעגערס באַזונדערע לאַגע פאַר זיינע קרעמערשע אינטערעסן. דער היגער געבוירענער ייִדישער יונגערמאַן פון דער סאַוט וויל נאָכטאַנצן דעם ווייסן דזשענטלמאַן, וועלכער האָט דעם ייִדן אויך קיין סך ניט ליב.

וואָס עס פעלט אין אונדזער ליטעראַטור, איז אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם ייִדן, וואָס האָט דערוואַכט צו די נויטן פון נעגער און וואָס האָט ניט איין מאָל זיך מקריב געווען אין קאַמף פאַר נעגער־רעכט: אין סטרייקס, אין עוויקשאָנס, אין פּיקעט־לאַינס. ניט איין ייִד איז געגאַנגען אין דזשעיל פאַר אָננעמען זיך פאַר נעגער־רעכט, ניט איין ייִד איז

צעשלאָגן געוואָרן קעמפנדיק קעגן דזשים־קראָואיזם. אַט די טיפֿן זײַנען דערווײַל נאָך ניט ווי געהעריק אָפּגעשפּיגלט געוואָרן אין אונדזער ליטע־ראַטור. סיי דער שרײַבער, סיי דער לייענער זײַנען אָבער לעבעדיקע עדות געווען פֿון די דאָזיקע געשעענישן, איז, לאָמיר האָפֿן, אַז דאָס וועט קומען צום אויסדרוק.

דער ייִד און דער נעגער זײַנען אחים בצרה. זיי ווייסן, אַז קעמפנדיק פֿאַר זייערע מענטשלעכע רעכט, וועלן זיי זיך דערנענטערן און פֿאַרברי־דערן. דער ייִדישער שרײַבער האָט דאָס שוין לאַנג דערפֿילט. ער האָט דעם אָנהויב געמאַכט. דער נעגער איז אַן אינטעגראַלער טייל אין אונדזער היגער ייִדישער ליטעראַטור.

ביבליאָגראַפֿיע

א. פּראָזע

אָפּאַטאָשו, יוסף: „לינטשערײַ"; „פֿיר נעגערס" —
באַנד 5, ווילנער פֿאַרלאַג, ב. קלעצקין, 1927.

אָפּאַטאָשו, י.: „זינד"; „נעגערס" —
קלאַסנקאַמף (דערציילונגען) באַנד 12, קלעצקין פֿאַרלאַג, 1931.

אָפּאַטאָשו, י.: „אַ גנבֿה" —
אין „טאָג", אָקט. 15, 1944.

אַש, שלום: „טויט־אורטייל", ראָמאַן.

באָד, פּעסי: „אַ חשד", „הילדאַ", „דזשאָן" —
פֿון אַ מיידלס טאָג-בוך און אַנדערע דערציילונגען, נ. י., 1941.

בעקערמאַן, אהרן: „ברוך גלאַזמאַן" —
מאָנאָגראַפֿיע, נ. י., 1944.

גלאַזמאַן, ברוך: „דער טאַנץ פֿון די נעגערס" —
געקליבענע ווערק, באַנד 3, קלעצקין פֿאַרלאַג, 1928.

גלאַזמאַן, ב.: „אויף די פֿעלדער פֿון דזשאָרדזשיאַ"; „אַ נאַכט אין אַ דרום־שטאָט" —
אויף די פֿעלדער פֿון דזשאָרדזשיאַ, באַנד 4.

גלאזמאַן, ב.: „פון די אייגענע לענדן" —
אין „מאָרגן-זשורנאַל", סעפּט. 1944.

זארודיע, מ.: „דזשימי" (קינדער־דערציילונג) —
מיין לייען-בוך, כרעסטאָמאַטיע, 1927.

כאָוער פאָוער: „לאבזיק און דער נעגער־ייִנגל" —
לאבזיק (קינדער-דערציילונגען), נ. י., 1935.

לאַזאַרסאָן, י.: „ניט זיכער מיטן לעבן" (בילדער פון דער סאַוט) —
„אונזער וואָרט", כרעסטאָמאַטיע, 1933.

מייזיל, נחמן: „יוסף אַפּאַטאַשו, זיין לעבן און שאַפן" —
פאַרלאַג ליטעראַרישע בלעטער, וואַרשע, 1927.

מייזל, א.: „דער טויט פון טעד דענים" —
געקליבענע דערציילונגען, קאָאָפּ. פאָלקס-פאַרלאַג, 1939.

מאַרקוס, פסח: „ווייס־בלוט", „נעגער־בלוט", „שוואַרץ און ווייס",
„אַ שטאָט אין דער וועסט" —
אַ בריק איבערן אַטלאַנטיק, דערציילונגען, נ. י., 1932.

עדלשטאַט, דוד: „די אונדאַנקבאַרע נעגערין" —
שריפטן, פאַרלאַג „אַרבעטער פריינט", 1909.

פּאַרעס, ל.: „קאַרמען" (דערציילונגען).

קרעפּליאַק, י.: „שוואַרץ און ווייס" —
יונגוואַרג, דערציילונגען, פאַרלאַג מתנות, 1935.

ראַפּאַפּאָרט, אהרן: „מאַוזעס קעניגרייך" —
מעשה שאַפ (דערציילונגען און לידער), נ. י., 1935.

שאַפּירא, ל.: „אַמעריקאַנער שד" (קאַפּיטלען פון אַ ראָמאַן)

שיפּריס, משה: „ציגל"
און אַנדערע דערציילונגען, נ. י., 1920.

שלום עליכם: „אין אַמעריקע" —
פאַרלאַג „ווארהייט", נ. י. 1918.

ב. פּאָעזיע

אויערבאַך, א.: „דאָס נעגער־ייִנגל בוקער טי" —
כרעסט. אונזער וואָרט, 1933.

באַגיש, זישע: „דאָס געזאַנג פון נעגער־פאָלק" —
איבערדיכטונגען, צעשינסקי פאַרלאַג, שיקאַגאָ, 1936.

בארקאַן, שרה: „מיין קונקי איז ברוגז" — גוטפּרילינג (לידער), נ. י., 1936.

בירנבוים, מאַרטין: „ווייזערס" — (לידער), פאַרלאַג „סיגנאַל", 1934.

בן שלום: „שוואַרצהויטיקער ברודער מיינער" — אַנטאָלאָגיע מידוועסט-מיירעוו, שיקאַגאָ, 1932.

גאַרעליק, ל.: „אַרום אונדז" — (לידער), שיקאַגאָ, 1941.

גרין, בער: „בלומען אונטער שניי" — (לידער), נ. י., 1939.

גרינבערג, א.: „גאַסן און עוועניוס" — 1928.

גרינשפּאַן, יוסף: „לידער און פּאָעמעס" — קאָאָפּ. פאָלקס פאַרלאַג, נ. י, 1927.

האַלפּערן, מ. ל.: „סאַלוט" — באַנד 1, 1934.

האַלפּערן, מ. ל.: „דאָס ליד פון דער נעגער־מויד" — באַנד 2.

וויקטאָר, אייב: „איך זע לאַנד" — (לידער און פּאָעמעס), נ. י., 1942.

ווינפּער ז.: געקליבענע לידער — נ. י., 1942.

ווינפּער, ז.: „דאָס געזאַנג פון גלוויביקן" — פאַרלאַג „איקוף", נ. י., 1943.

ווינשטיין, בעריש: „ברוכוואַרג" — (לידער), נ. י., 1936.

וויסמאַן, נחום: „דאָס ליד פון שוואַרצע שקלאַפן" — רעוואָלוציאָנערער דעקלאַמאַטאָר, נ. י., 1933.

טייטלבוים, דאָרא: „אין מיטן וועלט" — 1944.

יוניו, וואלף: לידער —
נ. י., 1936.

יעלין, שרה פעל: „געענטער" —
(לידער), באָסטאָן, 1940.

לאנדוי, זישע: „נעגעריגס".

לודוויג, ר.: געקליבענע לידער —
נ. י., 1927.

לי, מלכה: לידער —
נ. י., 1932.

לי, מלכה: „געזאַנגען"
קאָאָפּ. פאָלקס פאַרלאַג, 1940.

לייוויק ה.: נייע לידער —
נ. י., 1932.

לעיעלעס, א.: „ראָנדאָס" —
פאַרלאַג „אינזיך", 1926.

מאַלץ, ש.: „לידער פון ברויט און זאַלץ" —
פאַרלאַג צעשינסקי, שיקאַגאָ, 1927.

מילער, ל.: „דאָ אין מיין היים" —
(לידער), נ. י., 1939.

סאַברין, ל.: „ערעווציים" —
(לידער), נ. י., 1931.

סול, מ. א.: „דאָס ליכט אויף מיין גאַס" —
נ. י., 1935.

סעלצער, דוד: „בראָנזווילער געזאַנגען" —
נ. י., 1942.

עדלשטאַט, ד.: „דזשאָן בראַון" —
(ליד), שריפטן, 1909.

עסעלין, א.: „קנויטן" —
מילוואָקי, 1927.

פיינבערג, ל.: „כאַווער לעבן" —
.1938

פרידמאַן, ב.: „דזשעניטאָר דזשימי", „סקאַטסבאָראָ".

קאַטלער, יאָסל: „מונטערגאַנג" —

קאַץ, מעינקע: „דער מענטש אין טאַגן".

קורץ, א.: „די גאָלדענע שטאָט" —
(לידער און פּאָעמעס), נ. י., 1935.

ראָנטש, י. א.: „הונגעריקע הענט" —
(לידער און פּאָעמעס), פאַרלאַג „סיגנאַל", נ. י., 1936.

רויזנבלאַט, ה.: „מיין ליכטיקע נסיעה" —
(לידער און פּאָעמעס), פאַרלאַג מ. ל. שטיין, שיקאַגאָ, 1944.

רייזען, א.: „נייע שריפטן" —
באַנד 1, נ. י., 1920.

שומיאַטשער, אסתר: „אַלע טעג" —
נ. י., 1939.

שוואַרץ, י. י.: „קענטאַקי" —
(פּאָעמעס), פאַרלאַג מאַקס מייזעל, נ. י., 1925.

שוואַרץ, שלמה: „בלוי מאַנטיק" —
(לידער), פאַרלאַג מ. ל. שטיין, שיקאַגאָ, 1938.

עס איז נאָר־וואָס דערשינען
די צווייטע אויפלאַגע

פון

„אייגענע מענטשן"

דערציילונגען פון יידישן לעבן אין אַמעריקע

פון

י. א. ראָנטש

★

אינהאַלט:

אויף אַן אינזל אין שטאָט מעין. — אַ הויז אין טאָל. — ליבע. — מעידזשאָר. — אויף די ווייסע בערג. — דאָס ציגיינערל. — דריי טירן. — די פריילעכע קאָמפּאַניע. — אייגענע מענטשן.

★

240 זייטן — בלויז 75 סענט.

הויפּט - פאַרקויף:
מאַקס מייזעל בוך־געשעפט, 424 גרענד סטריט,
ניו - יאָרק.